STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07257

A VELT IN FLAMEN

Yerahmiel Weingarten

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירחמיאל ווײַנגאַרטען

אַ וועלט אין פלאַמען

מלחמה-איבערלעבונגען

ניו יאָרק - מאָנטרעאַל — 1942

PRINTED IN CANADA

Copyright by J. Weingarten
Montreal, Canada
1942

The Eagle Publishing Co. Ltd., 4075 St. Lawrence Blvd., Montreal.

א מתנה אַנקעין — מײַן באַגלייטערין
איבער שווערע מלחמה־שליאַכן.

פֿאָרוואָרט

מיין בוך „אַ וועלט אין פֿלאַמען" אַנטהאַלט שילדערונגען און איבערלעבונגען פֿון די ערשטע חדשים, ווען די וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן אין סעפּטעמבער 1939. אין בוך געפֿינט זיך דער גרויל־וועג פֿון פּליטים, דער איכה־קלאָג איבערן חורבן פֿון פּוילן און פֿון דאָרטיקן אידישן לעבן; עס טראָגט זיך דאָ אויך דער עכאָ פֿון וואַרשעס העראָאישער פֿאַרטיידיקונג און פֿון איר אויסליפֿערונג אין די הענט פֿון די נאַציס.

גאָרניט איז דאָ געשריבן געוואָרן לשם מליצה. דער בוך איז אַ פּשוטער מענטשלאַכער דאָקומענט, וואָס וויל געבן אַן אויסדרוק צו ליידן, איבערלעבונגען און געפֿילן פֿון מיליאָנען מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעליטן, איבערגעלעבט און געפֿילט דאָס זעלבע. עס איז אויך אַ באַשיידענע מצבה פֿאַר די אַלע פֿון מיינע נאָענטע און ווייטע, וועלכע זיינען אומגעקומען אין שטורם און וועלן ניט זיין מיט אונדז אין טאָג פֿון זון־אויפֿגאַנג.

אין צוגרייטונג געפֿינען זיך ביי מיר צוויי ווייטערע בענדער מלחמה־איבערלעבונגען פֿון פּליטלינגען:

1) איבער גרעניצן און אַרעסטן (ווייס־רוסלאַנד, ליטע, סיביר);

2) טענקס צווישן קאַרשנבוימער (יאַפּאַן).

דאָס דערשיינען פֿון די דערמאָנטע ביכער איז אָפּהענגיק פֿון מיינע פֿריינט און לעזער.

דער דאָזיקער בוך איז געדרוקט מיט דער אַלטער (אָפּט אומאיינהייטלאַכער) אָרטאָגראַפֿיע, ווייל צוליב שפּאָרזאַמקייט האָב

איך באַנוצט דעם זאַץ פון דער טאָג-צייטונג „קענעדער אַדלער", וואו מיין בוך האָט זיך מיט געוויסע שינויים געדרוקט אין פאָרט-זעצונגען.

דערמיט דריק איך אוים מיין דאַנק צום ניו-יאָרקער קאָמי-טעט פון מיינע שערפּצער יוגנט-פריינט (מיט די ה"ה י. וואָרנע, מ. זשעשאָטקאַ, י. סענד און מ. סינא אין דער שפּיץ), וועלכע האָבן מיר דערמעגלאַכט אַרויסצוגעבן דעם בוך.

ירחמיאל וויינגאַרטען

מאָנטרעאל, מאַי, 1942.

אַ וועלט אין פלאַמען

1

אין פוילן
ערב סעפטעמבער 1939

דורך מיין פענסטער וואס קוקט ארויס אויף די פרעכטיגע געגענד פון אוטרעמאנט אין מאנטרעאל, וואו איך שרייב איצט מיינע זכרונות, שלייכט זיך פאמעלאך אריין דער אווענד. קינדער פארענדיגן אין גאאייל זייערע פרעהליכע שפילערייען — באלד וועלן זיי מוטערס רופן צום שלאף. פון טענים־קארט, וואס איז העל באלויכטן מיט פראזשעקטארן, טראגן זיך הילכיגע געלעכטערס. די גאס איז עלעקטריזירט מיט גליק און פרייד. א רוהיג ווינקעלע פון דער ברענענדיגער וועלט וויגט זיך איין מיט זאטקייט און זארגלאזיגקייט . . .

איך קאן דאס בילד. עטוואס ענליכעס האב איך געזעהן אין שווידער — אן אפרוה־ארט ביי ווארשע — 2 וואכן איידער עס איז געפאלן אין בערלין דער טייוולאנישער באפעל: „מארשירן!“ פון דאן שרעקט מיך איבערגעזעטיגטקייט, פייניגט מיך זארגלאזיגקייט פון יוגענד, לאזט מיך נית רוהן זעלבסטצופרידענקייט.

און דאן, ערב יענעם סעפטעמבער, האבן שוין זינט איניגע יאהר דריי וועלט־טיילן געפלאקערט אין א העלישער שריפה: עס איז אונטער באמבעס געלאפן מיט זיין לעצט ביסעל ארימקייט דער געלער אזיאטישער קולי אין כינע; גאזן האבן פאר׳סמ׳ט דעם לעצטן אטעם־צוג פון טויזענטער שווארצע עטיאפישע קינדער אין אפריקע; פרעהליכע שפאנישע קאסטאניעטן־טענץ זענען פארשטומט געווארן דורך קנאלענדיגע גראנאטן; דער רייץ פון וויען איז צושטויבט געווארן פון שווערע גערמאנישע שטיוועל, אויך מאסאריק׳ס אייךגעטרוימט היימלאנד איז געווארן פארשקלאפט אין דער פינסטערער נאכט פון לאנגע מעסער.

און אין דער זעלבער צייט האט מיין פוילן — דאס טויזענט־יאהריגע היים געליבטע לאנד פון מיינע זיידעס און דער נאהענטסטער שכן פון שטן — געקוקט אויף דעם אלעמען מיט שטאלץ און מיט טעמפער זעלבסטצופרידענקייט: „מיר זיינען מעכטיג!“ די יוגענד אין מיין פוילן האט זארגלאז זיך געשפילט.

די פוילישע מושלים האבן געשפינט חלומות פון „גרויסקייט“ און דערוויילן געכאפט ביים רייכן נאצישן טיש א ברעקל שיריים נאך דעם פארטיליגטן

סלאווישע ברודער טשעכיען. צוזאמען מיט דער גזילה פון אריטאנ'ס שעפסעלע האט פוילען אויך איינגעזאפט די תורה פון „האר" און „קנעכט", פון ראסע, פון בענק־געטא אין די אוניווערזיטעטן, פון באיקאט און רדיפות אויף אידען. די גערינגס און געבעלסעס פלעגן אפט קומען מיט פריינדשאפטס־באזוכען, מאכען „אומשולדיגע" פאטאגראפיעס, געהן מיט די פוילישע פריצים אויף יאגד און זיי זאגען מוסר צוליב די „שלעכטע" ווענגען (די דייטשע טענקס וועלען זיי קירצליך דארפען האבען); דער שפעטערדיגער נאצישער מושל פון פוילען, הער פראנק, פלעגט אפט קומען קאנטראלירען די פארשריטען וואס עס מאכט אין פוילען זיין נייע דייטשע געזעצגעבונג, וועלכע דארף פאר'סמ'ען דעם פוילישען מלוכה־אפאראט מיט שנאה צום איד, צום אוקראינער, צום ווייס־רוס. אזוי איז דער יסוד געווארען אונטערגעגראבען און דורכגעפוילט.

אין דעם געשאפענעם, דורך גיפטמישער, תוהו ובוהו האבען כמעט נאר די אידען, א קליינע צאל אויפריכטיגע פוילישע סאציאליסטען און דעמאקראטען געזעהן די פייערדיגע פלאצר־האנט, וועלכע גיט ארויס איהר פורכטבארען אורטייל פון חורבן און אומקום.

די נארא־לייט, די איבערגעזעטיגטע און זעלבסטצופרידענע פריצ'ישע זיהן, האבען זיך איינגעוויגט מיט אן אלט פויליש לידעלע:

ניעד נאאקאלא וואינא

נאשא וויעש בענדזיע ספאקאינא*)

אבער די עכטע טרייע בירגער פון פוילען האבען געזעהן קלאר די סכנה, וואס לויערט און דערנעהענטערט זיך אויך צו „אונזער דערפעל".

די אידישע יוגענד, דערצויגענע אין נאציאנאלען אידישען גייסט און אין ליבע צו א דעמאקראטיש פוילען, פלעגט אין שווערער פארלעגענהייט זיך אריינטראכטען אין דער דילעמע: מיר וועלען האבען געגען ווער צו קעמפען: געגען היטלער'ן, געגען דעם גרעסטען שונא פון דער מענשהייט — אבער פאר ווער זאלען מיר קעמפען: פאר נארא־פאגראמען? פאר פאליאק־האר און איד־קנעכט? דאך שנעל איז דייך געווארען דער באשלוס: געגען היטלער'ן — פאר א פריי, דעמאקראטיש, גערעכטיג פוילען!

און עס איז געשעהן דער גרעסטער פאראדאקס אין דער געשיכטע פון פוילען און פון פעלקער: ווען עס האט געשלאגען די שעה פון אנטשיידונג זענען מיט גייסט און גוף געווען ערשטענס צוגעגרייט די „פרעמדע"; דאס „שטאם־פאלק" האט זיך נאר אט וואס אנגעהויבען וועקען פון דעם לעטארגישען שלאף. די קורצע וואכען פון „נערוועז־קריג" האבען ניט געקלעקט אויף איבערצובויען פסיכיש

*) זאל ארום הוליען א מלחמה,
אין אונזער דערפעל וועט זיין רואיג.

דאָס פּוילישע פֿאָלק, וואָס איז אין פֿאַרלויף פֿון יאָהרען געשפּייזט געוואָרען מיט ליגענס און האַס צו אידען.

די נשמה פֿון פּוילישען פֿאָלק האָט אויפגעוואַכט שפּעטער: בעת דער וואונ־דערבאַרער פּאַרטיידיגונג פֿון וואַרשע, אין די העראָאישע קאַמפֿען פֿאַר די לעצטע שפּאַנען פֿון דער פּוילישער ערד און אין די שלאַכטען אויף נאַרוועגישע, פראַנצוי־זישע, גריכישע און ליבישע טעריטאָריעס, וואָס זיינען דורכגעווייקט געוואָרען מיט בלוט דורך די בעסטע זיהן פֿון מיצקעוויטש׳עס* און זשעראָמסקי׳ס* פֿאָלק — די העלדישע ריטער „פֿאַר אונזער און אייער פֿרייהייט״.

---

*) מיצקעוויטש, זשעראָמסקי — גרויסע פּוילישע דיכטער.

2

די ערשטע קרבנות

שוין איניגע וואָכן פאַר דעם היסטאָרישן ערשטן סעפּטעמבער האָט זיך אומעטום געפיהלט אַ נערוועזיטעט. פריהער ווי געוועהנליך האָט דער עולם אָנגעהויבן מאַסענווייז צוריקקומען אַהיים פון די זומער־וואוינונגען. איבער די גאַסן האָבן זיך געצויגן פוהרען מיט זאַכן — אַזוי האָט מען געפיהרט דאָס האָב־און־גוטס פון די נאָהענטע און ווייטערע דאַטשעס, ווייל אין באַהנען איז געווען שווער זיך אריינצובאַקומען. די צוגען פאַר פּאַסאַזשירן האָבן אויפגעהערט גיהן רעגעלמעסיג צוליב די אָפטע מיליטער־טראַנספּאָרטן.

במעט פלוצלונג — פון דער העלער הויט — האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן מלחמה־שטימונגען. דאָס פּוילישע פאָלק האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט, אַז עס וועט אויסקומען קעמפן פאַר אַ גערעכטער זאַך, ווייל אויב איצט נאָכגעבן היטלער׳ן עפּעס — וועט מען קירצליך פאַרלירן אַלץ, אַזוי ווי טשעכאָסלאָוואַקיע (מיט פאַרשעמטקייט און מיטגעפיהל האָט מען איצט דערמאָנט דאָס אומגליקליכע סלאַווישע ברודער־פאָלק). אָבער דאָך איז שווער געווען איינצוגעוואוינען זיך צום געדאַנק, אַז מען וועט דאַרפן שלאָגן דעם, וועלכן אַ גרויסער טייל פון דער פּוילישער פרעסע האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק באַזונגען אַלס אַפּאָסטאָל פון אַ נייער און גערעכטער תורה. דער זשאַוועור האָט שוין געהאַט טיף זיך אריינגעגעסן אין קראַנקען קערפּער.

דאָס לעבן אין וואַרשע האָט פאַרלוירן דעם נאָרמאַלן אויסזעהן. אַלע קראָמען זענען געווען פול מיט קונים, וועלכע האָבן איינגעקויפט רעזערוון פון עסענוואַרג. לאַנגע רייהען מענשען זענען געשטאַנען פאַר אַפּטייקן, וואו מען האָט פאַרקויפט ביליגע טאַמפּאָנען פון וואַטע און ליינוואַנט אַלס באַשיצונג פון מויל און נאָז — אַנשטאָט טייערע גאַז מאַסקעס. אין די גאַסן האָבן זיך געזאַמעלט מענשען און קאָמענטירט די לעצטע נייעס: צי וועט בעק, דער אויסערן־מיניסטער, פאָהרען קיין בערלין? ... פון זיין רעדע אין פּוילישן פּאַרלאַמענט און פון זיין שטאַרקען קלאַפּ אין טיש האָט דאָס פּוילישע פאָלק פלוצלונג זיך דערוואוסט, אַז שוין פיל חדשים פאַרלאַנגט היטלער, אַז עס זאָל אויסגעשניטן ווערן אַ טייל פון פּוילען׳ס לעבעדיגן קערפּער — איהר טעריטאָריע ביים אויסגוס פון

באַלטישען ים. דאָס פאָלק איז געווען באַאומרוהיגט: צי וועט חלילה בעק נאָכגעבען? צי וועט ענגלאַנד'ס פּרעמיער טשעמבערליין ווידער מאַכען פשרות?

אַלע וואַרשעווער קאַפע־הייזער זענען געווען איבערפולט. די ראַדיאָס אין אַלע וואוינונגען זענען געווען אָהן אויפהער אָפען און מיט גיריגקייט געפאַנגען כוואַליעס פון בערלין, לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק. די ראַדיאָ־לאָמפען האָבען געזשומעט און דאָס האַרץ פון די אַפּאַראַטען האָט געקרעכצט פון צוגליהטקייט און היץ. מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויף אַ שטאַרק וואָרנונגס־וואָרט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, פון רוזוועלט'ן. די וועלט איז געוואָרען קליין און ענג: יעדער איינציגער האָט געפיהלט, אַז דאָס לעבען פון איהם, פון זיין פרוי און קינדער ליגט אין די הענט פון אַ רייהע, ווילדער קראַפט און נאָר די גרויסע דעמאָקראַטיעס זיינען אימשטאַנד די בעסטיע צו צוימען. מען האָט פיל גערעכענט און געהאָפט אויף דער מיליטעריש־שטאַרקער פראַנקרייך און וועניגער האָפנונג געלייגט אויף ענגלאַנד (אַזעלכע זיינען די פּאַראַדאָקסען פון אונזער משונה'דיגער צייט!).

אין וואַרשע און אין גאַנץ פוילען איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַ מאָביליזאַציע פון אייניגע יאָהרגענג. די גאַנצע אידישע יוגענד האָט געפלאַמט מיט פּאַטריאָטישע געפיהלען און האָט ערוואַרט דעם אַלגעמיינעם אַפּיל פאַר וואָלונטירען.

אין דער דרוקעריי, וואו איך האָב דאַן געדרוקט אַ העברעאיש בוך, וואָס איך האָט צוגעגרייט צום אָנהויב שול־יאָהר, איז די אַרבייט צוליב מאַנגעל אין מענשען געגאַנגען שוואַכער, אָבער דאָך האָט מען פאָרטגעזעצט דאָס דרוקען, ווייל דעם דריטען סעפּטעמבער הויבט זיך דאָך אָן דאָס שול־יאָהר.

קיין שול־יאָהר האָט זיך אָבער שוין דאַן אין פוילען ניט אָנגעהויבען, קיין ביכער האָט מען שוין ניט באַדאַרפט. עס איז פאַרשוויגען געוואָרען דער קול פון תורה — די שווערע קאַנאָנען האָבען געעפענט זייערע מיילער.

דעם ערשטען סעפּטעמבער, 6 אַזייגער פריה, האָט די איינוואוינער פון וואַרשע אויפגעוועקט אַ שרעקליכע קאַנאָנאַדע.

דער הילכער פון ראַדיאָ האָט גערופען:

„האַללאָ, וואַרשע! עס איז אַ לופט־אַלאַרם! מיינט ניט, אַז דאָס זיינען בלויז לופט־איבונגען, דער שונא איז איבער אונזער שטאָט!”

פון אַלע פאַבריקען האָבען זיך יאָמערליך צעשריגען די סירענעס. זיי האָבען דאָס מאָל ניט גערופען צו שאַפונג און אַרבייט, נאָר האָבען מודיע געווען, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ צייט פון חורבן און פאַרוויסטונג. מיט דעם רוף פון ראַדיאָ און געשריי פון סירענעס האָבען זיך אויסגעמישט געוויינען פון קינדער, וועלכע מען האָט אויפגעוועקט פון שלאָף, כדי מיט זיי צו לויפען אין די קעלערס.

די ערשטע לופט־אַטאַקע איבער וואַרשע האָט לאַנג ניט געדויערט: זי איז געווען געצילט בלויז אויף דעם וואַרשעווער פליה־פּלאַץ. צו דער זעלבער צייט זענען פאָרגעקומען פלוצלונגע איבערפאַלען כמעט אויף אַלע פוילישע פליה־פּלעצער

און שוין אין דעם ערשטען מלחמה־טאָג זענען כמעט פולשטענדיג אונטערגעהאַקט געוואָרען די פליגעל פון דעם פוילישען לופט־פלאַט.

אין דעם זעלבען ערשטען פריהמאָרגען פון דער מלחמה זענען געפאַלען די ערשטע צעהן אומשולדיגע קינדער־קרבנות אין אָטוואָצק ביי וואַרשע. מער־דערישע באָמבעס האָבען דאָרט צושמעטערט אַ דערציאונגס־הויז פון דער אידישער געזעלשאַפט „צענטאָס״, דערמאָרדעט צעהן קליינע אידישע קינדער און שווער פאַרוואונדעט זייער ערציהער, דעם באַקאַנטען אידישען דיכטער, קלמן ליס.

אין הויז פון „צענטאָס״ האָבען זיך דערצויגען אידישע דעפעקטיווע (צוריק־געשטאַנענע, אָפּגעשוואַכטע) קינדער. איינגע טעג פאַר דער שרעקליכער געשע־העניש איז מיר אויסגעקומען זיי צו באַזוכען. די לעהרער האָבען מיר געזאָגט, אַז זיי פיהרען דורך מיט די קינדער — לויט דער פאַראָרדנונג פון דער רעגירונג — איבונגען, ווי זיך פאַרהיטען פון אַ לופט־אַטאַקע. די קינדער, וועלכע ווערען דערצויגען אין גייסט פון אידישען מאָראַל, ווילען ניט ערנסט טראַקטירען די איבונגען, ווייל זיי זענען זיכער, אַז עס איז בלויז אַ שפּיעלעריי — זיי קאָנען בשום אופן ניט גלויבען אָדער תופס זיין, אַז מענשען זאָלען פּלוצלונג אָנהויבען האָגלען פון הימעל מיט פייער און מאָרד אויף אומשולדיגע . . . די נאַצישע מערדער האָבען באַלד ביים שוועל פון דער מלחמה אויף אַ שרעקליכען אָנשויליכען אופן איבערצייגט די קינדער אין דעם, וואָס זייער קינדערשע פאַנטאַזיע האָט זיי ניט געקאָנט אויסמאָלען.

געבענשט זאָל זיין די שעה פון נקמה פאַר די הונדערטטויזענטער געשאָכ־טענע, פאַרברענטע און צושמעטערטע! אָבער צי געפינט זיך אין אַרסענאַל פון נקמה און שטראָף עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל זיין גענוג פאַר דער רציחה פון די ערשטע צעהן קרבנות — קראַנקע, צאַרטע און אומשולדיגע אידישע קינדער פון אָטוואָצק?! אין תהילים איז דאָ אַן ענטפער צום פיינד: „אשרי שיאחז ונפץ את עולליך אל הסלע!״ („וואויל צו דעם, וועלכער וועט דיינע קינדער צושמעטערן אין די פעלזען!״). איך וועל אָבער זיין גליקליך צו דערלעבען די שעה, ווען הונדערטער דייטשע יתומים, דעפעקטיווע קינדער (די צאָל פון אַזעלכע קינדער וועט זיין זעהר גרויס אין דייטשלאַנד), וועלען אויפגענומען ווערען אין דערציאונגס־הייזער, וואו מען וועט זיי דערציען אין גייסט פון אַלגעמיין־מענשליכע אידעאַלען, ד. ה. אין גייסט פון דער אידישער ביבעל, כדי אויך פאַר זיי זאָל ווערען אומפאַר־שטענדליך די מעגליכקייט פון אַ מלחמה צווישען מענשען און זיי זאָלען פאַרשעל־טען דעם אָנדענק פון זייערע אבות, די מערדער.

אין ערשטען טאָג פון דער מלחמה

3

די גרויסע פֿאַרפֿרידערונגס דעמאָנסטראַציע

די ערשטע עטלעכע טעג זיינען געווען איבער וואַרשע בלויז צו 3–4 לופֿט־אַלאַרמען טעגלעך, ווייל דער דייטשער לופֿט־פֿלאָט האָט אָפּערירט דער עיקר אין דעם פֿראָנט־געגענט אָדער באָמבאַרדירט וויכטיקע קאָמוניקאַציע־פּונקטן טיף אין לאַנד. וואַרשע האָט פֿאַרמאָגט אַ געוויסע צאָל זעניט־קאַנאָנען אויף אַראָפּצושיסן עראָפּלאַנען, דאַגעגן האָבן די דייטשן געקאָנט גאַנץ פֿריי אונטערצינדן און באָמבאַרדירן שטעט אין דער פּראָווינץ. בעת דער צווישנצייט פֿון איין לופֿט־אַלאַרם און דעם צווייטן פֿלעגן די וואַרשעווער גאַסן און קאַפֿע־הייזער זיך אָנפֿילן מיט נייגעריקע. פֿון מויל צו אויער פֿלעגט מען איבערגעבן די שווינדלדיקסטע ידיעות פֿון פֿראָנט.

מען האָט אויך אָנגעהויבן קוקן מיט פֿאַרדאַכט אויף יעדן אומבאַקאַנטן, ווייל די דייטשן האָבן מאַסנווייז אַראָפּגעלאָזט ציוויל־געקליידעטע פּאַראַשוטיסטן, וועלכע האָבן געקאָנט ריידן פּויליש (אַ סך פֿון זיי האָבן אָפּט באַזוכט פּוילן אַלס „טוריסטן" אָדער אין די סוויטעס פֿון די פֿריִערדיקע גוט געזעענע אָפֿיציעלע דייטשע דעלעגאַציעס); אויך אַ גרויסער טייל פֿון די דייטשן, וועלכע באַוווינען פּוילן, האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט אַלס הילפֿס־קראַפֿט פֿון דעם פֿינפֿטן קאָלום: געשפּיאָנירט, געגעבן ציכענס צו דייטשע עראָפּלאַנען, פֿאַרשפּרייט כאַאָס און פּאַניק.

וואַרשע האָט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געוואַרט אויף הילף פֿון פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, און דער עיקר: ביידע אַליִירטע זאָלן ערקלערן דייטשלאַנד קריג.

די ידיעה וועגן דער קריגס־דערקלערונג איז אָנגעזאָגט געוואָרן דורך דעם ראַדיאָ זונטאָג דעם דריטן סעפּטעמבער בייטאָג. דער פּאַטריאָטישער ענטוזיאַזם, וואָס האָט פֿלוצלינג אַרומגענומען וואַרשע, לאָזט זיך ניט איבערגעבן מיט ווערטער. אַמשנעלסטן האָבן אויפֿגעבראַוזט די אידן. צענדליקער טויזנטער אידן, אַלטע לייט און קינדער, חסידים מיט לאַנגע בערד און פֿאַרגעשריטענע, אויסגעפּוצטע פֿראַנטן, משרתים פֿון מאַנופֿאַקטור געשעפֿטן אויף גענשע גאַס און די נאַקעט־הויליקע אָרימקייט פֿון די קעלערס אויף סטאַווקי, ברייטע סאַפּענדע פֿון פֿעטקייט אידישע גבירים און אויסגעמאַטערטע סמאַטשער האָרע־

פּאַשניקעס מיט געבּיילטע פּויסטען. קאַליקעס הינקענדיג אויף זייערע קוליעס און
מאַמעס שלעפּענדיג זיך מיט זויגלינגען בּיים בּרוסט — זיי אַלע האָבּען אין פאַרלויף
פון געצעהלטע מינוטען אָנגעפולט די אידישע גאַסען.

ספּאָנטאַן, פון זיך זעלבּסט, האָט זיך פאָרמירט אַ גראַנדיעזע פּאַטריאָטישע
דעמאָנסטראַציע צום ענגלישען קאָנסולאַט. ניט געקוקט אויף דער סכנה פון אַ
פליצלונגער לופט־בּאָמבּאַרדירונג איז די אידישע מאַסע געגאַנגען מיט אַן ענטוזיאַס־
טישען געזאַנג פון פּויליש, העבּרעאישע און אידישע לידער. די פּוילישע גאַסען
זענען פלוצלונג פאַרפלייצט געוואָרען פון דער אידישער דעמאָנסטראַציע. אין
די ערשטע מינוטען איז דאָרט געווען אַ דערשטוינונג און אפילו אַן אומצופרידענ־
קייט הלמאַי אידען מישען זיך אין אַ פּוילישער שמחה, אָבּער בּאַלד האָט זיך
אָנגעשלאָסען אין אידישען פּאַטריאָטישען צוג אויך אַ גרופּע פּוילישע אַרבּייטער
און דאָס אייז איז געוואָרען געבּראָכען — עס איז אַנטשטאַנען אַ פאַרבּרידערונג
פון איד און פּאַלאַק, פון רייך און אָרים. עס זיינען פלוצלונג זיך צעפאַלען אַלע
מחיצות וואָס טיילען מענש פון מענש. אומבּאַקאַנטע אידען און קריסטען האָבּען
זיך בּרידערליך געקושט. קיינעם האָט אַבּסאָלוט ניט וועה געטאָן ווען בּיי דער ענגלי־
שער אַמבּאַסאַדע האָבּען אויסער פּוילישע געזאַנגען געהילכט אויך אידישע און
העבּרעאישע לידער, מען האָט געזונגען די „התקוה" און עס האָבּען זיך געהערט
פריידיגע אויסרופען אויך לכבוד אַ אידיש ארץ ישראל. די הערצער זיינען געוואָ־
רען געלייטערט און אַלע דריי שפּראַכען האָבּען געקלונגען הימיש און ליבּ.

דאַן, פאַר די טויערען פון דער ענגלישער אַמבּאַסאַדע אין וואַרשע, ווען אַ־יף
די אויגען פון אידישע און פּוילישע פאָלקס־מאַסען האָבּען זיך געקושט דער
בּעל־תשובה אויסערן־מיניסטער בּעק מיט דעם ענגלישען אַמבּאַסאַדאָר, האָבּען די
טויזענטער פאַרזאַמעלטע פאַרשטאַנען, אַז די מלחמה האָט אויפגעהערט צו זיין
אַן אינצידענט צווישען אַ וואָלף און אַ לעמעלע, נאָר האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין
אַ קאַמף פון צוויי גיגאַנטישע כחות — פון דער דעמאָקראַטיע און דעם פאַשיזם.
די גאַנצע מאַסע פון אידען און פּאָליאַקען האָט דערפיהלט, אַז עס איז זיי איבּער־
געגעבּען געוואָרען אַ הייליגע מיסיע צו זיין אַן אוואַנגאַרד פאַר מענשליכקייט און
יושר — און דאָס האָט אַלעמען וואונדערבּאַר דערהויבּען: פון איצט אַן איז דאָ
קעגען וואָס, פאַר וואָס און מיט וועמען צו קעמפען. סיי דאָס לעבּען און סיי דער
טויט האָבּען בּאַקומען אַ ווערט און אַן אינהאַלט.

די מעלדונג פון פראַנקרייכ'ס אריינטריט אין קריג איז אָנגעקומען מיט
עטליכע שעה שפּעטער, אָבּער צוליבּ מורא פאַר בּאָמבּאַרדירונגען, וואָס וואָלטען
פאַרשלונגען אַ פורכטבּאַרע צאָל קרבּנות, איז די דעמאָנסטראַציע אויפגעלעזען גע־
וואָרען. קלענערע גרופּען האָבּען אָבּער פאָרט ניט געקאָנט בּאַהערשען זייער
ענטוזיאַזם און האָבּען דעמאָנסטרירט אויך בּיי די טויערען פון פראַנצויזישע
קאָנסולאַט.

4

ווען אַ גרויסע שטאָט צעלויפט זיך . . .

נאָך דעם יום־טוב׳דיגען טאָג פון דער גרויסער פאַרבריִדערונגס דעמאָנסט־ראַציע, זיינען אָנגעקומען שווערע טעג פון ערוואַרטונג און פון פאַרצווייפלונג. די קלאַנגען וועגען הונדערטער פראַנצויזישע און ענגלישע עראָפּלאַנען, וואָס זאָלען האָבען געקומען צוהילף דעם פוילישען לופט־פלאָט, האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר אויסגעטראַכט. עס איז ניט געווען קיין וועג, ווי אַזוי זיי צו ברענגען, און קיין פליה־פעלדער, וואו זיי זאָלען קאָנען לאַנדען.

די וואַרשעווער גאַסען, (איבערהויפּט די אידישע) האָבען אָנגעהויבען ווערען פול מיט צענדליגער טויזענטער פליטים פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלאַך. זיי האָבן דערצעהלט וועגען שוידערליכע באָמבאַרדירונגען און וועגען אונמענש־ליכע דייטשע אכזריות׳ן. זיי האָבען איבערגעגעבען געשפּענסט־מעשיות וועגען אידען ביז טויט פאַרשמיסענע, געשאָסענע אין מיטען מאַרק, דערטרונקענע אין טייכען; וועגען אידען געצוואונגענע מיט די אייגענע הענט קברים צו גראָבען — און דאַן איינער דעם צווייטען קובר זיין לעבעדיגערהייט... טויט, פאַרפּייניגונג און שענדונג באַגלייטען דעם שונא, וואו ער קערט זיך . . .

— דער שונא דערנעהענטערט זיך צו די טויערען פון וואַרשע! — שעפּטשען די צום טויט דערשראָקענע פליטים.

דער דייטשער ראַדיאָ ריהמט זיך מיט אומגלויבליכע איבערגעטריבענע נצחונות, אָבער אויך דער פוילישער ראַדיאָ גיט ניט קיין גענויע ידיעות. די קראָקעווער ראַדיאָ־סטאַנציע איז פּלוצלונג אָפּגעשטאָרבען און אין עטליכע שעה שפּעטער האָט פון דאָרט אָנגעהויבען גרילצען אַ זשאַווערדיג הייזעריג געשריי פון דייטשען יובל און אַ געטופּעריי פון מאַרשירענדע זעלנערישע שטיוועל . . . אויס מיט דער קרוין־שטאָט קראָקע — וואָס וועט זיין דער גורל פון וואַרשע, דער הויפּט־שטאָט?

וואַרשע ווערט באַהערשט פון דעטערמינאַציע און הערואיזם . . . „נאָ פּאַסאַראַ!״ (ער וועט ניט אַדורך!) — גיט מען איבער פון מויל צו מויל אַ לאָזונג פון די מאַדרידער רעוואָלוציאָנערען. מיט התלהבות און אַ געפיהל פון דער העכס־טער פאַראַנטוואָרטליכקייט שרייב איך, אַלס פאָרזיצענדער פון די אידישע לערער־

אין די רעגירונגס־שולעז, אז ענטוזיאַסטישע אויפרוף צו דער אידישער אינטעלי־גענץ : „אַלע צום גראָבען שוץ־גראָבענס און בויען באַריקאַדען אין די גאַסען פון וואַרשע ! מיר ווילען זיך פאַרטיידיגען ביז דעם לעצטען !״

דייטשע עראָפּלאַנען וואַרפען פון הימעל פאַרגיפטעטע צוקערקעס און מיט דעם שרעקליכסטען איפּעריט־גאַז דורכגעזאַפּטע יעזוס־בילדלאַך, כדי צו פאַר־סמ׳ען די קערפּערס פון קינדער און פון נאַאיווע פרומע פּאָלקס־מענשען. די נשמות ווערען געשפּייזט מיט פאַרגיפטעטע קלאַנגען, מיט ניט־קאָנטראָלירטע ידיעות און מיט געגענגעזעצטע באַפעהלען. אָבער דאָס וואָס איז נעכטען געווען ליגענד — איז שוין היינט, ליידער, אמת. דאָס וואָס האָט פריהער אויסגעזעהן אומוואָר־שיינליך — באַשטעטיגט זיך שפּעטער פּאָרט און ברענגט אריין כאָאָס.

. . . די פּוילישע רעגירונג האָט זיך איבערגעטראָגען קיין לובלין . . . די פּרעסע — איינציגע זשורנאַליסטען פון יעדער רעדאַקציע — עוואַקואירט זיך אויך . . . טייל פאַרזיכערען, אז וואַרשע וועט זיך יאָ אונטערגעבען; אַנדערע ווייסען פון „דער ערשטער קוועלע״ אז וואַרשע וועט זיך פאַרטיידיגען ביז דעם לעצטען . . .

איינציגע טעג נאָך דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך קוים איינגעגעבען צוריקקומען פון ציוניסטישען קאָנגרעס קיין וואַרשע אַ גרופּע פון ציוניסטען און אידישע זשורנאַליסטען. איך באַגעגען מיינע פריינד א. און ב. פון רעדאַקציע „היינט״ — זיי זיינען געקומען פון קאָנגרעס קיין וואַרשע מיט די פאַנטאַס־טישסטע וועגען אין פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען דורך אונגאַרן. שוין אין מינוט פון זייער אָנקומען אַנטשטעהט ביי זיי דער פּראָבלעם : בלייבען אָדער זיך עוואַקואירען ?

צענדליגער טויזענטער מענשען באַלאַגערען די אַמטען, וועלכע גיבען אַרויס דערלויבנישען צו פאָהרען מיט די באַהנען. אַלע וואַגזאַלען און באַהן־פּעראָנען זיינען איבערגעלאָדען מיט קנוילען פון מענשען און פּעק, וועלכע וואַרטען אומזיסט אויף צוגען, וואָס זיינען ערגעץ מן הסתם געבליבען צושמעטערט אין וועג. נאָר אין איינציגע ריכטונגען קורסירען נאָך ווייניגע באַהנען באַקלעפּטע מיט מענשען ווי האָניג־שנירלאַך מיט פליגען. אַזוי פאָהרען אַרויס אַלטע לייט אָדער רייכע מענשען. מיט פּריוואַטע אויטאָס קען מען זיך ווייניג באַנוצען, ווייל כמעט אַלע בענזין־רעזערוען זיינען רעקווירירט.

דעם 6־טען סעפּטעמבער ביינאַכט קומט דורך דעם ראַדיאָ אַ פרישער רוף צו גראָבען שוץ־גראָבענס. דער ראַדיאָ אַפּעלירט גלייכצייטיג, אז אַלע יונגע מענער, וועלכע קאָנען נאָך ברענגען נוצען אין ווייטערדיגען קאַמף פאַר פּוילען, זאָלען פאַרלאָזען די הויפּט־שטאָט.

אין מיין שטוב פאַרזאַמעלט זיך אַ קרייז באַקאַנטע : ליטעראַטען און לערער. דער טעלעפאָן ברענגט מיר די ידיעה, אז די צענטראַלע קאָמיטעטען פון אַלע אַרבייטער פּאַרטייען האָבען פאַרלאָזט וואַרשע. מיר דיסקוטירען : צי האָבען

דייטשען מאָרדען די ציווילע באפעלקערונג

זיי גוט געטאָן, איבערלאָזנדיג די מאַסע אויף גאָט׳ס באַראָט? און צי וואָלטן זיי דען געקאָנט עפּעס ממשות׳דיגס אויפטאָן, אויב וואַרשע זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון שונא?... דער עיקר אָבער פּייניגט אונז דער געדאַנק: וואָס זאָלן מיר טאָן? לויפן אָדער בלייבן אויף׳ן אָרט? עס איז שווער צו באַשליסן — אַלע וואַקלען זיך.

שפּעט ביינאַכט פאַרלאָזן מיך מיינע פריינט. זיי צעשפּרייטן זיך מיט אַנגסט און קלאַפּענדע הערצער איבער די פאַרפינסטערטע גאַסן פון וואַרשע. דורך מיין פענסטער קוק איך אַרויס אין גאַס אַריין: הונדערטער שאָטענס שוועבן פאַר מיינע אויגן און ווערן פאַרשלונגען דורך דער וויטער פינסטערניש...

וואָס זאָל איך און מיינע פריינד טאָן? עס איז שווער צו שיידן זיך מיט אַלע נאָהענטע, מיט פרויען און קינדער, איבערלאָזן אַלץ פאַר דעם בלינדן גורל. ווי קאָן מען אָבער איבערבלייבן, ווען אויסער די מויערן פון וואַרשע דאַרף פאַרקומען דער דעציזירענדער שלאַכט מיט׳ן בלוט־שונא פון אידענטום און פון פּוילענטום? יעדער פון אונז האָט נאָך אויך באַזונדערע „חטאים" אַלס שרייבער און רעדנער, וועלכע זיינען עפענטליך אַרויסגעטראָטן קעגן די נאַציס; צי וועלן זיי דאָס אונז פאַרגעבן און פאַרגעסן? אויב אומקומען — טאָ זאָל דער טויט האָבן אַ טעם און אַ זין...

אין הונדערטער טויזענטער הייזער איז וואַרשע האָבן אין יענער היסטאָרישער נאַכט פון זעקסטן צום זיבעטן סעפּטעמבער מענשליכע הערצער הילפלאָז געוועהטאָגט; פרויען האָבן מיט צער און שרעק אין די אויגן געבעטן זייערע מענער, אַז זיי זאָלן זיך פאַרנעהמען אין דעם וויטן געפערליכן וועג און אויסמיידן דאָס באַגעגענען זיך אויג אויף אויג מיט דעם היטלערישן רוצח, אָבער שוואַכע קינדער האָבן זיך דערשראָקן פאַר פאַר׳יתומ׳טקייט — זיך געקלאַמערט אין די טאַטעס און מיט געוויין זיי ניט געוואָלט אָפּלאָזן... דער לעגענדע־כוס פון טרעהרען, וואָס געפינט זיך אין הימעל, איז מן הסתם אין יענער נאַכט צושמאָלצן געוואָרן פון די הייסע טאַטע־מאַמע־קינדער טרעהרען און בלויז דערפאַר איז ער ניט אָנגעפילט געוואָרן און עס איז ניט געקומען די גאולה, ווי עס זיינען אונז מבטיח די אַלטע הייליגע ספרים.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ביי מיר אין הויז כמעט אָהן אויפהער געקלונגען דער טעלעפאָן: דאָס האָבן פריינד אין באַקאַנטע אָנגעפרעגט זיך וועגן מיין באַשלוס אָדער פאַרגעלייגט צוזאַמען נעהמען דעם וואַנדערשטאָק און צופוס זיך לאָזן אין וועג (קיין באַהנען, קיין פוהרען, קיין אויטאָס קאָן מען שוין מעהר ניט באַקומען)...

מיינע שכנים, אַ יונגערמאַן מיט אַ פרוי ניט־לאַנג פאַרהייראַטע, וועלכע איך האָב גאַנץ קנאַפּ געקאָנט, האָבן פלוצלונג אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר: זיי האָבן מורא צו זיין אַליין אין זייער גרויסער רייכער דירה און זיי ווילן פאַר־ברענגען מיט אונז די לעצטע עטליכע שעה פאַר זייער שיידונג. פינף אַזייגער פאַר־

טאָג וועט דער מאַן אוועקפאָהרען אין זיין מאַשין אויפ'ן וועג קיין לובלין (ער האָט אויסבאַהאַלטען בענזין אויף „אַ שווארצער שעה" און איצט איז אַזאַ שעה געקומען). ער לעגט מיר פאָר, איך זאָל מיטפאָהרען. איך קוק אויף מיינע שלאָפענדע צוויי קינדער; איך קוק אויף מיין פרוי, וועלכע זיצט אַ פארהויקערטע מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען, ווייל זי ווייסט, אַז מיין באַשלוס הענגט אויף איהרע בלאַסע ליפען און גאַרנישט וועט אין אַזאַ שעה געשעהן אָהן איהר הסכמה; איך קוק אויך אויף דער שעהנער פרוי פון מיין שכן, וועלכע האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען אויסזעהן אַזוי נעבעכדיג און קליינטשיג, שוואַך און פאַראייגזאַמט, ווי אַן אַלטיטשקע פרוי — אַ פארגעסענע דורך גאָט און מענשען.

— איך בלייב! — ערקלעהר איך מיין שכן מיט אַ פארשטיקט קול. ער איז מיר מקנא: אויך ער האָט געוואָלט בלייבען און ניט פארלאָזען זיין פרוי, אָבער זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וויל נישט זיין קרבן . . . זי האָט איהם געבראַכט צו אונז, כדי ער זאָל ניט קאָנען ווירקען אויף איהר צו ענדערען דעם באַשלוס; זי האָט געהאָפּט, אַז אויך איך וועל מסכים זיין צו פאָהרען; זי זעהט אָבער איצט מיינע שלאָפענדע קינדער און זי פּראָבירט ניט ווירקען אויף מיר.

מיר זיצען אַלע אין אַ פּיינליכער שטילקייט און הערען זיך איין צום זשומען פון אָפענעם און צעגליהטען ראַדיאָ, וואָס שפּייט פון צייט צו צייט אַרויס דעם זעלבען קאָמוניקאַט: **„געזונטע מענער דאַרפען פארלאָזען וואַרשע מיט זייטיגע וועגען, כדי צו לאָזען די ברייטע וועגען פאַר דער אַרמיי!"**

פינף אַזייגער פאַרטאָג קומט אָן מיין שכנ'ס מאַשין און זיין שאָפער באַווייזט זיך אין אונזער וואוינונג. מיין שכן געזעגענט זיך מיט אונז אָהן ווערטער, קושט שנעל זיין פרוי, קוקט זיך ניט אום אויף קיינעם און לויפט האַסטיג אַראָפּ פון די טרעפּ. זי וואַרט פארשטיינערט ביז עס ווערען פארשטומט זיינע טריט. דאַן וואַרפט זי זיך אַ צוזאַמענגעבראָכענע אויף אונזער בעט און ברעכט אויס מיט אַ היסטעריש געוויין.

5

איך פאַרלאָז מיין הויז

איך טעלעפאָניר נאָך אַמאָל — צום צענטען מאָל מן הסתם אין דער דאָזיגער לאַנגער גיהנום־נאַכט פון דעם זעקסטען אויפ'ן זיבעטען סעפטעמבער — צו דעם בעסטען פון מיינע פריינד מיט וועלכען עס האָבען מיך פאַרבונדען יאָהרען פון ערנסטער אַרבייט, שאַפונג און בשותפות'דיגע אידעאַלען (מיר וועלען איהם רופען „פריינד ג." — זאָל זיין ריכטיגער נאָמען זיין פאַרבאָרגען, ווייל ער איז „דאָרט" פאַרבליבען).

— וואָס איז דייז באַשלוס?

מיין פריינד ענטפערט מיר אין גרויס פאַרלעגענהייט:

— איך ווייס ניט . . . איך בין עלטער פון דיר . . . מיך וועט מען אפשר דאָ ניט באַאומרואיגען . . . לאַנג וועט דאָך עס ניט דויערען . . . מיר האָבען צוויי פאַמיליעס, זאָל מינדעסטענס איינער פון אונז פאַר זיי בלייבען: דאָ אָדער דאָרט, דו אָדער איך.

— איך פאַרשטעה. איך בין מסכים. אָבער אפשר בייטען זיך: איך זאָל בלייבען און דו זאָלסט געהן?... — פרעג איך מיין פריינד.

ער ענטפערט מיר:

— איך טעלעפאָניר באַלד צו אונזער פריינד ד. ער איז אַ פּראַקטישער מענש, איך וויל הערען זיין עצה.

איך לעג אַוועק דעם טעלעפאָן־טרייבעל און שטעל זיך ביים פענסטער. עס האָט אויפגעוואַכט אַ ליכטיגער פריה־מאָרגען. די גאַס איז פול מיט יונגע מענער באַלאָדענע מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס אָדער רענצלאַך און קלומקעס אין די הענט. איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ פון פענסטער און איך דערהער אַ באַקאַנט קול פון גאַס: „ווייגאַרטען, מיר וועלען אויף דיר וואַרטען ביז אַכט אַזייגער אין פּראַגע, אויף יענער זייט בריק!" איך פאַרשטעה וואָס עס באַדייט — מען וועט מן הסתם באַלד אויפרייסען די בריקען איבער'ן ווייכסעל און מען וועט מעהר ניט קאָנען אַרויס פון שטאָט; איך פיהל ווי אַ שטריק פאַרציהט זיך אַרום מיין האַלז און עס פעלט מיר לופט צום אָטעמען.

דער טעלעפאָן קלינגט אָהן אויפהער: באַקאַנטע מעלדען, וואו זיי האָבען באַשלאָסען צו באַגעגענען זיך — אַלע באַשטימען גאַסען אָדער פּלעצער אויף יענער זייט בריק . . . שנעלער! שנעלער!

די גאַס איז שוואַרץ פון מענשען, אייַלענדע אין וועג אַריין. מען זעהט בלויז איינציגע יונגע פרויען, וועלכע געהען מיט זייערע מענער אָדער ברידער אין שווערען אומבאַקאַנטען וואַנדער־וועג. סתם באַגלייטער זעהט מען ניט. אַלע האָבען זיך אָפּגעזעגענט אין דער היים, ווייל עס איז ניטאָ איצט קיין אָרט אין גאַס אויף סענטימענטען.

צענדליגער טויזענטער מענשען באַוועגען זיך אין איין ריכטונג — צום פּראַגער בריק. אין די גאַסען הערשט אַ פּיינליכע שטילקייט פון אַ געוויין, וואָס איז באַגראָבען געוואָרען אין די איינגעווייד. עס הילכען בלויז שווערע טריט פון וואַנדערער, וועלכע שפּרייזען מיט אַן עקשנות'דיגער ענטשלאָסענקייט: דאָס איז ניט קיין פּאַנישער אַנטלויפען פון אָרט, וואָס איז פול מיט סכנות, נאָר להיפוך — אַ דורכגעטראַכטער און דורכגעוועהטאָגטער ערנסטער באַשלוס צו באַוואָפענען זיך און געהן דעם טויט אַנטקעגען, כדי אַרויסרייסען פון זיינע נעגעל די מאַמעס, טאַטעס, פרויען, קינדער, און דער עיקר: צוריק אָפּנעהמען וואַרשע.

מיין פרוי, מיין עלף־יאָהריגע טאָכטער און אַפילו מיין פיר־יאָהריגער אינגעלע קושען מיך מיט זייערע בליקען, רינגלען מיך אַרום מיט אַ ניט־אַרויסגעזאָגטער ליבשאַפט און בעטען אָהן ווערטער: טאַטע, מאַן, געה אויך צוזאַמען מיט אַלעמען!

איך הער ניט אויף קוקען דורך דעם פענסטער. די מאַסע היפּנאָטיזירט מיך און ציהט מאַגנעטיש מיט זיך... מיינע פיס הויבען זיך און גאַרען געהן אין זעלבען אַנטשלאָסענעם טאַקט...

דער טעלעפאָן קלינגט ווידער. די טעלעפאָן־דראָטען ברענגען מיר דעם אויפגעציטערטען און צעבראָכענעם קול פון מיין בעסטען פריינד:

— איך בין אַן אַלטער מאַן. מיר עצה'ט מען צו בלייבען אויפ'ן אָרט... דער גאָט וואָס רוהט אין ציון וועט זיין דיין באַשיצער אין ווייטען וועג! זאָלען דיין פרוי און קינדער באַלד נאָך דיין אַוועקגעהן קומען צו מיר. פרידען אויף דיר!

מיין פריינד רעדט מיט מיר העברעאיש, ווי געוויינלאַך, אָבער זיין שפּראַך האָט היינט אין זיך אַן אַלטען איכה־קלאַנג און אַ טעמבער פון טיפער רעליגיעזיטעט. זיין קול איז פאַרשטיקט פון טרעהרען און ער איז ניט אימשטאַנד מיר צו זאָגען אַלץ, וואָס מיט זיין שווערען געמיט. איך האָב איינציגע סעקונדען געהאַלטען דעם טעלעפאָן־טרייבעל מיט הייליגען שטיל־שווייגען, דאַן שטיל אַריינגעשעפּטשעט: „שלום על ישראל! געדענק וועגען אונזערעביידע פאַמיליעס!"

איך האָב זיך מיט אַלע קרעפטען באַהערשט און מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט זיך אויסגעדרעהט צו מיין פרוי און קינדער, וועמענס בליקען עס זיינען געהאַנגען אויף מיין מויל אין דערוואַרטונג פון מיין באַשלוס. איך האָב אויף זיי געקוקט

דורכדרינגלאַד: כ'האָב געוואָלט אַז אין מײַן מוח זאָלן זיך אײַנקריצן זייערע בילדער. איך האָב פֿאַרגעפֿיהלט, אַז דער געדאַנק וועגן זיי און זייערע בילדער וועלן בײַ מיר פֿון היינט אויספֿילן יעדע רגע.

— איהר וועט באַלד נאָך מײַן אַוועקגעהן צוזאַמענעמען דאָס וויכטיגסטע און זיך אַריבערטראָגן צו פֿריינד ג. — האָב איך אויפֿגעקלעהרט מײַן פֿרוי און קינדער. זיי האָבן זיך דערפֿרעהט מיט מײַן באַשלוס צו פֿאַרלאָזן וואַרשע, זייענדיג דורכגענומען מיט דעם געדאַנק מיך צו באַשירעמען פֿאַר די נאַצים.

מײַן פֿרוי איז אַרײַן אין צווייטען צימער און אָנגעהויבן אײַנפּאַקן פֿאַר מיר אַ קליינטשיקען טשעמאָדאַן מיט וועש און עסענוואַרג.

איך האָב זיך דערווייל אַרומגעקוקט איבער מײַן שעהנעם קאַבינעט, וואו יעדעס ווינקעלע איז דורך מיר און מײַן פֿרוי געוואָרען דורכגעטראַכט, איבערגע־בויט און אַרומגעהויכט מיט דער גרעסטער ליבשאַפֿט, וואו יעדער קונסט־חפֿץ איז אײַנגעשאַפֿען געוואָרען מיט טיפֿער פּיעטעט און זאָרגזאַמקייט. פֿון ביבליאָטעק־שראַנק קוקט אַראָפּ אַנטאָקאָלסקי'ס סקולפּטור אין בראָנז „דער נביא", אויף אַ הויכען שוואַרצען פּיעדעסטאַל כמורעט זיך זײַן „משה בן מימון"; פֿון וואַנט שמייכלען אַרונטער — דורך האַנפֿט'ס אַ גרויסע מעטאַלאָ־פּלאַסטיק — דער וואַנ־דערער משה און יתרו'ס זיבען טעכטער מיט די קרוגען אויף זייערע אַקסלען בײַם ברונעם אין לאַנד מדין; מײַן זוהנדעלע'ס פּרעכטיגער נייעסטער אויל־פּאָרטרעט פֿון מאָלער האָבער רופֿט מיך שטיפֿעריש צו זיך און שמידט צו מײַן בליק מיט פֿאָטערליכער ליבע; אויף מײַן שרײַב־טיש ליגען נאָך־פֿאַרענדיגט קאָרעקטען פֿון מײַנע צוויי לעצטע ביכער, וואָס האָבען שוין ניט באַוויזען צו זעהן די שײַן פֿון דער וועלט; פֿון מײַן ביבליאָטעק־שראַנק קוקען אַרויס מײַנע העברעאישע און פּוילישע לעהר־ביכער, געבונדענע קאָמפּלעטען פֿון אַרטיקלען און צײַטונגען רעדאַגירטע דורך מיר — פֿרוכטען פֿון מײַן אומערמידליכער אַרבייט אין משך פֿון יאָהרען. איך נעהם אַרויס פֿון שאַנק אַ קליין תנ"כ'ל און באַהאַלט עס אין טאַש... מעהר דאַרף איך היינט ניט.

פּלוצלונג ווערט אַלץ וואָס אַרום מיר בלאַס און נישטיג אין מײַנע אויגען. איך בין געגליכען צו אַ קליין ווערימעל — אַ נאַריש אַרבייטזאַם מוראַשקעלע, ווען איבער'ן מוראַשניק הויבט זיך אַ שווערער שטיוועל... פֿון טיפֿער פֿאַרגעסענקייט האָט פּלוצלונג אַרויסגעטויכט דאָס בילד פֿון מײַן מאַמען אין ארץ ישראל: איך האָב דערזעהן איהר פֿאַרמעט־געזיכט, איהרע גוטע פֿאַרטרעהרטע מאַמע־אויגען און דערמאָנט זיך איהרע קלוגע מאַמע־ווערטער, ווען מיר האָבען זי דאָס לעצטע מאָל, מיט צוויי יאָהר צוריק, אין ארץ ישראל באַזוכט: — קינדערלאַך, פֿאָהרט ניט צוריק. בלײַבט דאָ! ווי גוט עס זאָל אײַך דאָרט ניט זײַן, איז אין ארץ ישראל בעסער!

איך האָב זיך פּלוצלונג דערפֿיהלט קליינטשיג, שוואַך און הילפֿלאָז, ווי אַ קליין קינד. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ מאָדנע בענקשאַפֿט נאָך מײַן מאַמען

וועגן וועלכער איך פלעג דאך ביז איצט אזוי ווייניג צייט האבן צו קלערן. קינדער־זכרונות — זארגלאזע זוניגע גליקליכע בילדער פון מיין פריהסטער יוגענט — שווימען ארויף אין מיין מוח און מאכן מיך פארגעסן דעם משונה׳דיגן ארום . . . עס דערמאנט זיך מיר וואס איך האב אמאל געהערט, אז מענשן פאר׳ן טויט זעהן אין קורצע בילדער זייער גאנץ לעבן. עס באהערשט מיך א זיסע גליקליכע אפאטיע . . . .

מיין פרוי האט מיך אויפגעוועקט פון מיין טרוימען שמייכלענדיג צו מיר דורך טרערן. איך האב געקוקט אויף איהרע צושטראלטע אויגן און בין געווען זיכער, אז אויך זי האט פאקענדיג פאר מיר דאס ביסעל וועש, דערמאנט זיך וועגן אונזער פריהסטער יוגענט און וועגן מיין מאמען, צו וועלכער זי פיהלט אויך אזוי פיל ליבשאפט.

— הער, טייערסטער — האט מיין פרוי געזאגט געבענדיג מיר מיין טשע־מאדאן. — געדענק, אז אויב אונזער הויז וועט מעהר ניט עקזיסטירן און יעדער פון אונז וועט מוזען וואנדערן אין באזונדערע וועגן, וועלען מיר זיך זוכען אויף איין אדרעס: ביי אונזער מאמען, אין ארץ ישראל. קיין ארץ ישראל וועלען מיר צו זיך אדרעסירן אונזערע בריוו, אהין וועלען מיר זיך באמיהען צו קומען.

מיין פראקטישע פרוי האט נאך געמאכט א קורצען חשבון פון אונזער מזומנים־פארמעגן, האט מיך געצוואונגען מיטנעהמען 500 זלאטעס, א גאלדען זייגערל און א פינגערל („וועסט האבען וואס צו פארקויפען"...). א קליינע מיס־פארשטענדניש איז אנטשטאנען ביים מיטנעהמען א מאנטעל און א היטעל. איך האב גע׳טענה׳ט: „עס איז היים און איך דארף ניט קיין איבעריגעס! אין א נאהענטען פונקט אונטער ווארשע וועט מען מן־הסתם איבערגרופירען די כוחות און רופען מיין יאהר־גאנג צים מיליטער, אדער איך וועל זיך מעלדען פרייוויליג"...

מיין פראקטישע פרוי שמייכעלט בלאס און צווינגט מיך גוטמוטיג אנצוטאן דעם לייכטען מאנטעל („וועסט איהם אוועקווארפען אונטער׳ן שטאט, אויב ער וועט דיר זיין צו שווער"...). זי לעגט מיר אויך אריין אין טאש פון מאנטעל עפעס א קאנווערט און מיין טאכטער׳ס פראנצויזישע בערעט־היטעלע („אויף א רעגען, טייערינקער!"). זי דערמאנט מיר אויך, אז איך האב געזאלט בקרוב זיך מאכען אן אפעראציע פון דער בלינדער קישקע („היט שטרענג די דיעטע און געה ניט פיל. געדענק וואס דער דאקטאר האט אנגעזאגט!").

איך לאך צו מיין פרוי כמעט פרעהלאך:

— ניטא מעהר קיין אפענדיקסען און קיין דיעטעס! אויס מיט דאקטוירים!

מיר זיינען צופרידען, אז ביים שיידען זיך איז ביי אונז פארלוירען געווארען די ערנסטקייט און פייערליכקייט פאר וועלכע מיר האבען זיך געשראקען, ווייל מיר האבען געוואלט אויסמיידען פון אונזערע קינדער טראגישע אויפטרייסלונגען.

אין לעצטען מאָמענט, ווען איך בין שוין גרייט אין וועג, קלינגט ווידער דער טעלעפאָן. עס רופט מיך פריינד גוטמאַן:

— ווייַנגאַרטען, הער אויפמערקזאַם: עס איז איצט 25 מינוט נאָך 7. אין פינף מינוט אַרום געהען מיר פון מיין טויער לעשנאָ 56 צום בריק; קום מיט אונז!

— צום באַפעהל! — ענטפער איך אויף אַ שטיפערישען זעלנערישען לשון, כדי מיינע שטוב־מענשען „צו מאַכען הארץ”.

איך קוש שנעל מיין פרוי און קינדער און לויף אַראָפּ פון די טרעפּ. אין גאַס הויב איך אויף די אויגען צו מיינע פענסטער: מיין פרוי האַלט מיין אינגעלע אויפ׳ן האַנט, נעבען זיי שטעהט מיין טאַכטערל — זיי פאָכען צו מיר מיט די הענט.

אין גאַס שטראָמען אַהן אויפהער מענשען מיט רענצלאַך. זייערע כוואַליעס טראָגען מיך ווייטער כמעט קעגען מיין ווילען. מיין הויז אויף זשעלאַזנע פאַר־שווינדט פון מיינע אויגען.

פון איצט הויב איך אָן לעבען מיט זכרונות און מיט די פאָטאָגראַפיעס פון מיין פרוי און קינדער, וואָס איך געפין פלוצלונג אין אַ קאָנווערט אין טאַש פון מיין מאַנטעל.

6

צום לעצטן מאָל איבער די גאַסן פֿון וואַרשע

דער גרויסער שטראָם פֿון מענטשן ברענגט מיך ביז לעשנאָ 56. אין טויער וואַרטן אויף מיר מײַנע יוגנט פֿרײַנט די לערער יצחק גוטמאַן און משה האָרן, אַדוואָקאַט גרויסשילער, אינזשיניר פּוילער, און צוויי יונגע סטודענטן פֿון קעלץ, וועמענס נעמען איך קאָן זיך ניט דערמאָנען. אַלע טראָגן רוקזעק אויף די פּלייצעס אָדער רענצלאָך אין די הענט. מיר באַגריסן זיך שווײַגנדיק און לאָזן זיך טראָגן פֿון דעם שטראָם מענטשן, וואָס גייט מיט אַנטשלאָסענע טריט צו דער ריכטונג פֿון פּאָרשטאַט פּראַגע. עס הערשט אַ פּײַנלעכע שטילקייט — יעדער איז פֿאַרזונקען אין זײַנע פֿינסטערע געדאַנקען: יעדער פֿילט, אַז פֿון לעבן איז עפּעס אָפּגעריסן און פֿאַרלוירן געוואָרן אויף שטענדיק.

דאָס גייען פֿון אַזוי פֿיל יונגע מענטשן מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס איבער דער פֿאַרגאַסענער מיט זונען־שײַן שטאָט דערמאָנט מיר אַ גראַנדיעזן מײַ־אויספֿלוג, אַ וויק־ענד, אָבער דער ערנסטער און פֿאַרביסענער אויסדרוק פֿון די געזיכטער, וועלכע וועלן שוין זיכער קיינמאָל ניט זײַן אימשטאַנד זאָרגלאָז און שטיפֿעריש צו לאַכן, זאָגט עדות, אַז עס איז ניט קיין שפּאַציר, נאָר אַ טרויער־צוג. אַ האַרץ פֿון אַ שטאָט איז הײַנט אויף צוויי טיילן געוואָרן געבראָכן: איין פֿאַרוועהטאָגטע טייל איז געבליבן פֿאַרמויערט אין די קאַלטע הײַזער — אונזערע טאַטעס און מאַמעס, פֿרויען און קינדער; די צווייטע טייל קלאַפּט נאָך קוים אין די פֿאַרצווייפֿלטע הערצער פֿון יונגע מענער, וועלכע פֿאַרלאָזן זייער היים־שטאָט.

אַ גרעניצלאָזע ליבשאַפֿט צו וואַרשע פֿאַרקלעמט מײַן האַרץ: ווי שיין עס זעהט אויס די ברייטע לעשנאָ־גאַס אין זון־ליכט פֿון גאָלדענעם פֿריהמאָרגן! עפּשטײַנ׳ס גרויסער זייגער אויף ווינקעל לעשנאָ און פּשעיאַזד ווײַזט דרײַ־פֿערטעל נאָך זיבן. ווײַט אַראָפּ סקווער פּשעיאַזד קלאַפּט דער נערוו פֿון דער אידישער וואַרשע. דאָרט זײַנען מײַן מאַמעס גאַסן: מילא, נאַלעווקי, פּאַוויע, גענשע... דאָרט אויף גענשע — אין לערער־סעמינאַר — האָב איך מײַנע בעסטע יאָהרען פֿאַרבראַכט... ניט ווײַט, נאַלעווקי 1, אין דעם ביכער־פֿאַרלאַג פֿון גיטלין — דאָרט איבערגעלעבט דערהויבענע צײַטן פֿון פּראָדוקטיווער שרײַבערישער אַרבייט און פֿרײַנדשאַפֿט... און נאָך נעהענטער איז נאָוואָליפּקי: „נאָוואָליפּקי 7״ —

טעג און נעכט פאַרבראַנגטע אין דעם קליינעם רעדאַקציע־צימערל פון ביכער־פאַרלאַג „צענטראַל״ (גרויסע קולטור־פלענער: שימינ׳ס וועלט־פאַרלאַג; גרויסע טראַדיציעס: בן־אביגדור, לידסקי, קאַפּלאַן, סרעבערק — הונדערטער ספרים אין העברעאיש און אידיש), אין זעלבע הויז בשכנות — אַ צווייטער אידישער קולטור וואַרשטאַט — דער אידיש־פּוילישער טאָג־בלאַט „נאַש פּשעגלאָנד״. וויפיל אַרבייט און מיה, וויפיל אידעאַלען און שטרעבונגען זיינען אין דעם דאָזיגען הויז געוואָרען געבוירען און פאַרגאַנגען!

איך גיה ווייטער איבער לעשנאָ און קום צו ביז טלאָמאַצקע 13 — עס דערמאָנט זיך מיר דער מנהג, אַז אַ לויה פון אַ אידישען ליטעראַט שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אָרט, וואו עס איז פיל יאָהרען געווען דער פאַראיין פון אידישע ליטעראַטען. איך בלייב שטעהן אויף אַ מינוט — אפשר איז דאָס מיין לויה־טאָג און קיינער וועט מיר דאָס לעצטע ביסעל אָרימע כבוד ניט אָפּגעבען . . . אונטער׳ן געוועזענעם ליטעראַטען־פאַראיין געפינט זיך גערטנער׳ס קאַפע־הויז, וואו באַהעמע־מענשען פלעגען זייערע אָוועטע פאַרברענגען... וואו וועל איך היינט מיין אָוועט פאַרברענגען? און וואו וועט מיין פאַמיליע זיין דעם היינטיגען אָוונט?... יעדע ווילע ריכט מען זיך אויף אַ לופט־אַטאַקע — פונדערווייטענס טראָגט זיך אַ הילכיגע קאַנאָנאַדע.

איך קום צו ביז דער גרויסער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע. דאָ איז אַמאָל געווען אַ נעסט פון אַסימילאַציע, אָבער דער נייער אידישער גייסט האָט איינגענומען די לעצטע פיינדליכע פעסטונג. דאָ האָט מען מיט אַ קורצער צייט צוריק אויפגעבויט אַ נייע פּרעכטיגע געבײדע אַלס אינסטיטוט פאַר יודאַאיסטישע וויסענשאַפטען; דאָ האָט געווירקט דער מוח פון דער אידישער נאַציאָנאַלער וויסענשאַפט אין וואַרשע. אין אַ שכנות׳דיגען בנין געפינט זיך די גרעסטע אידישע ביבליאָטעק אין איראָפּע, דאָרט וואוינט אויך דער הויפּט־ראַבינער, פּראָפעסאָר משה שאָר. ווו ביסטו איצט, לערער און פריינד מיינער, משה שאָר? נעכטען האָט מען מיר געמאָלדען, אַז דו האָסט באַקומען אַ ערלויבניש צוזאַמען מיט דיין פרוי אַרויסצופאָהרען, און שוין 10 שעה ווי איהר באַמיהט זיך אַריינצוקומען אין צוג... וואָס איז מיט דיר געוואָרען, פּראָפעסאָר עדמונד שטיין, רעקטאָר פון אינסטיטוט, ליבהאָבער און מומחה פון גריכיש־אידישער ליטעראַטור, פריינד פון פילון האלכסנדרוני און פון יאָסיפוס? וואָס איז מיט אייך געוואָרען, פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן און יצחק שיפּער? וואו וועסטו אַהינטאָן דיין אַלטקייט, טייערער חבֿי הלל צייטלין? וואו ביסטו איצט, טייערסטער יוגענט־פריינד משה ווייסבערג, דירעקטאָר פון דער סינאַגאָגע ביבליאָטעק, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען אָפּגעגעבען פאַר דעם שטויב פון אַלטע אידישע ספרים? צי וועלען זיך נאָך אַמאָל עפענען די טויערען פון דעם היכל אויף טלאָמאַצקע, די גאַס וועט זיך ווידער אָנפילען מיט אידען, וועלכע וועלען גיריג איינזאַפּען אַ וואונדער־קלאַנג פון חזנים

— סיראַטאַ — ליאָוו — קוסאָוויצקי — אייזענשטאַט? ! מיין האַרץ האָט אין יענער שעה געוועהטיקט פאַר דעם טעמפעל פון אמונה און וויסענשאַפטען — איך האָב פאַרגעפילט דעם טראַגישען גורל פון דער צופלינדערטער ביבליאָטעק און פון פאַרשעהמטע, פאַרפייניגטע אידישע וויסענשאַפטס מענשען. עס איז פאַר־איבער די צייט פון ביכער און קולטור...

געהענדיג דורך ביעלאַנסקע־גאַס פאַרהאַלט מיין בליק דער גרויסער און באַ־ליבטער פיקאַדילי־רעסטאָראַן. — פיקאַדילי, פיקאַדילי ! פאַר וועמען וועסטו פון היינט יעדען פרייטאָג סערווירען דיינע באַ'טעמ'טע טעלערס פש מיט הייסע חלה ? פאַר וועמען וועסטו לכבוד שבת שטעלען דעם אמת'ן אידישען טשאָלענט ? ווען נעלען ווידער צו דיר קומען אין די שפּעטע אָווענטען דיינע ליבסטע געסט : דר. יהושע גאָטליב, נתן שוואַלבע, זעליג סעגאַלאָוויטש, אפרים קאַגאַנאָווסקי ? ווען וועל איך ביי דיר ווידער זיין און מיין באַליבט טישעל פאַרנעהמען ? צי וועלען נאָך ווידער שרייבער און כלל־טוער פון אַלע פאַרבען שליסען דאָ „בורג־פרידען" ביים קול פון דזשעז־בענד איבער איין פלעשעל „אויסדערוויילטע" : צוזאַמען וועבען פּלענער, רעדען רכילות, לעזען געדיכטע אַדער באַרגען אַ קליינעם גמילות חסד ? !

אין דעם זעלבען הויז, וואו ס'געפינט זיך „פיקאַדילי", פלעגט מען סערווירען אויך פאַר דעם אידישען גייסט : דאָרט איז געווען דער אידישער טעאַטער „נאָוואָשטשי". שבת, נאָך דעם געשמאַקען ווינטער־שלאָף, פלעגען דאָרט פאַר־קומען „פאַרשטעלונגען פאַר'ן פאָלק". דאָס „פאָלק" פלעגט אויספילען די צייט פון די פאַרשטעלונגען מיט אויפעסען די מיטגעבראַכטע היהנער און חלה, קנאַקען באַניקערען און ארץ־ישראל־ניסלאַך... אָבער דאָס פלעגט זיי כלל ניט שטערען צו באַוויינען מיט ביטערע טרעהרען די אומגליקליכע העלדען פון דער ביהנע אַדער צו שעלטען די „שוואַרצע כאַראַקטערס". דאָ האָבען פיל יאָהרען געקיניגט די אָפּערעטען־זינגער פון „שולמית" און „בר כוכבא". די לעצטע יאָהרען האָט זיך דאָ פיל געביטען — עס האָט זיך אָנגעהויבען ווייזען ערנסטע טעאַטער־קונסט — עס זיינען אויפגעוואַקסען נייע אידישע צושויער און נייע אַקטיאָרען : אידאַ קאַמינסקאַ, טורקאָוו, האַלצער. עס איז איצט אוים אויך מיט דעם אידישען טעאַטער, ווען אַ וועלט ווערט חרוב...

ביי דעם טויער פון „נאָוואָשטשי" באַגריסען מיך שטיל און טרויעריג אַ גרופע סטודיאַנטען פון קינסטלערישען „יוגענט טעאַטער", נאָר זייער לערער איז פיהרער, מיכאל וייכערט, געהט ניט מיט זיי.

איך געה ווייטער אין מיין גאָלגאָטע־וועג איבער די וואַרשעווער גאַסען. איך קוק אַרום זיך מיט ברייט געעפענטע אויגען — איך פיהל, אז איך זעה דאָס אַלץ צום לעצטען מאָל. איך קום אויפ'ן טעאַטער־פלאַץ : דאָרט געפינען זיך די מעכטיגע געביידעס פון דער פוילישער אָפּערע און פון דעם פוילישען נאַציאָנאַלען

טעאַטער. וויפיל כישוף־אַוונטן האָב איך אין אייך פאַרבראַכט! די גרעסטע אַרטיסטן האָבן ביי אייך געצויבערט און אין ליבשאַפט באַהאַפטן די אַפט צוקריגטע אידען און פּאַלאַקן — ביי אייך האָט זיך געהערט אַ בשותפות'דיגע און פאַרשטענדליכע צו אַלעמען שפּראַך: די שפּראַך פון עכטער קונסט... צו וואָס דאַרף מען איצט — אין אונזער שעה פון פאַרווילדקייט און אונטערגאַנג — אַן אָפּערע און אַ טעאַטער, ביבליאָטעקן און סינאַגאָגן, מוזעאומס און קונסט־גאַלעריעס?...

ווי דורך אַ טראַגישן רוח־הקודש האָב איך פאַרגעזעהן דעם חורבן פון היי־ליגטימער און שענסטע געביידעס אין וואַרשע.

מיר געהען פאַרביי דעם גרויסן שלאָס פון די פּוילישע מלכים. אין משך פון די לעצטע 21 יאָהר האָט דאָרט געוואוינט דער פּוילישער מלוכה־פּרעזידענט, וועלכער האָט מיט עטליכע טעג צוריק פאַרלאָזט זיין הויז און איז אַוועק אין דעם ווייטן גלות... איבער דעם שלאָס פלאַטערט נאָך דעם פּרעזידענט'ס אַמאַראַנט־פאָהן מיט אַן אויסגעהאַפטענעם גרויסן ווייסן אָדלער. די וואַנדערער קוקן דערווייל פאַרקלעמט און נעהמען דעם בילד מיט זיך אין האַרץ, ווי פּרוכת'ן געראַ־טעוועטע פון אַ הייליגער שריפה, ווי אַ קמיע אין מינוט פון סכנה.

מען זעהט שוין פונדערווייטנס די פּראַגער בריק. די מאַסע ווערט פון מינוט צו מינוט אומרוהיגער: „מען זאָל נאָך באַוויזן אַריבערצוגעהן! שנע־לער! שנעלער!"

מיר פאַרגיכערן אונזערע שריט — מיר זיינען שוין כמעט די לעצטע. אויף וואַרשע געהט אויף אַ הייסער זומער־טאָג. טומאַנען שטויב פאַרדעקן פאַר מיר די פּרעכטיגע פּאַנאָראַמע פון מיין געבורט־שטאָט. אין מיין אינגעווייד וויינט שטיל אַ פערז פון מיצקעוויטש'ן:

„וויפיל מען דאַרף דיך שעצן
קען וויסן נאָר דער —
ווער סיהאָט דיך פאַרלוירן..."

פּוסט און הויל הילכן אונזערע טריט אויף דעם לאַנגן קערבעדזש־בריק.

7

מענש און דייטש

מיר געפינען זיך ענדליך אויף דער צווייטער זייט בריק, אין פראגע, און מיר באשליסען אריינגעהן אין אידישען אקאדעמישען הויז, דארט אפעסען פריהשטיק און אפהאלטען א בעראטונג וואס ווייטער צו טאן.

פלוצלינג האבען זיך צעשריגען די סירענעס און אלע דורכגעהער האבען אנגעהויבען לויפען און אויסבאהאלטען זיך אין טויערען אדער אין שוצקעלערס. עס האט אויפגעהילכט א שרעקליכע קאנאנאדע. מיר אנטלויפען אין א טויער אריין.

עמיץ אין אונזער טויער האט ארויסגעשפיגען דאס שרעקליכע ווארט: „גאז!" מיט ציטערדיגע הענט האב איך ארויסגענומען פון טאש א ספעציעלע פליסיגקייט, באנעצט דערמיט מיין טאמפאן און איהם צוגעלייגט צו מיין מויל און נאז. אלע אין טויער האבען גלייך איינגעטונקען אין מיין פליסיגקייט זייערע נאזטיכלאך און דערמיט ארומגענומען דעם פנים. ביי א יונגען בלאנדען שגץ האבען זיך די אויגען־לעכער אויסגעשפרייט פון שרעק און ער האט זיך אנגעהויבען שטיקען... מיר איז אויך ענג געווארען אין האלז... די לופט איז געווארען אונערטרעגליך געדיכט... די אנגעשטרענגקייט און ליידען וואקסען מיט יעדער רגע... קאלטע טראפענס שווייס טרעטען ארויס אויף מיין געזיכט... ביז עס קומט אן א מיליציאנער און מעלדעט, אז עס איז א טעות — עס איז ניטא קיין שום גאז. אלע האבען פרייער אפגעאטעמט, די לופט האט אויפגעהערט צו זיין שטיקענד און געדיכט...

דער לופט־אלארם האט זיך לאנג פארצויגען. די קאנאנאדע איז געווארען אלץ שטארקער און איז אפט באגלייט געווארען מיט א ווייטען געבראזג פון שויבען. איך האב זיך געשטעלט ביים אפענעם טויער און ארויפגעקוקט צום הימעל: צעהנדליגער קליינטשיקע עראפלאנען־פונקטען האבען געשוועבט איבער דעם הימעל און געשליידערט אויף דער ערד שוועבעל און רויך, טויט און פארוויסטונג. די ארויפגעשאסענע קוילען האבען ארומגערינגעלט די עראפלאנען ווי מיט א קראנץ פון גרויסע ווייסע טויט־בלומען. פלוצלינג האט אזא טויט־בלום אנגעריהרט א טאנצענדען דייטשען עראפלאן, וועמענס זילבערנער עק מיט'ן שווארצען האקענקרייץ איז מיטאמאל געווארען זעהר בולט, האט אנגעהויבען טרייסלען זיך אין טויט־קאנוואולסיעס, ארויסגעהויכט פון זיך די נשמה דורך א לאנגען רויך־פאס

און שנעל אראפגענידערט פון די הויכע הימלען ביז ער האט געפונען ערגעץ רוה אויף דער פוילישער ערד...

— גוט אזוי !! בראווא ! — פאטשען צופרידען מיט די הענט מיינע שכנים אין טויער, וועלכע האבען זיך צוגעקוקט צו דעם לופט־קאמף.

אן אלטער דארפס־גוי מיט א צואקערט פון יאהרען און דאגות געזיכט ברומט שטיל ארויס:

— א רחמנות אויף גאט'ס באשעפענישען...

און עס איז ניט באוואוסט צי באדויערט ער דעם רויב־פויגעל, וואס איז פון הימעל אויף דער ערד געפאלען, אדער ער באוויינט אונז און זיך.

א יונגער זעלנער, וועלכער האט זיך אויך פארוואלגערט צוזאמען מיט אונז אין טויער און האט ביז איצט א טויט־מידער שטעהענדיג געדרימעלט, צובייזערט זיך פלוצלינג:

— האלט די מארדע, פאטערל ! ניטא קיין רחמנות ! רחמנות איז שוין פון זיבען טעג טויט. ניטא מעהר „גאט'ס באשעפענישען". עס זענען דא נאר מענש אדער דייטש, לעבען אדער טויט... און ווער עס וועט זאגען אנדערש, ווער עס וועט וועלען מחיה מתים זיין דאס ווארט „רחמנות" — א קויל איהם אין קאפ !... פארשטאנען, פאטערל ? און איצט מארש פון דאנען ! — ביי די ווערטער האט ער אנגעכאפט דעם אלטען פויער ביים קאלנער און איהם ארויסגעשטויסען אין גאס אריין.

מיר האבען אין יענעם מאמענט דערפיהלט, אז אט דער ברוטאלער טויט־מידער זעלנער איז גערעכט : ניטא מעהר קיין רחמנות, ניטא מעהר קיין סענטי־מענטען — שטאל און אייזען קעגען שטאל און אייזען ! פויסט קעגען פויסט ! רחמנות צום רויבפויגעל איז געשטארבען, אבער גלייכצייטיג נעמט אונז ארום א געפיהל פון רחמנות און א גרעניצלאזע ליבשאפט פון איינעם צום צווייטען...

יא, די וועלט האט אונז איינגעטיילט אויף מענש און דייטש.

8

אין אַ טויטער שטוב

„האַללאָ, וואַרשע! עס ווערט אָפּגערופן דער לופט־אַלאַרם"! — מעלדן די ראַדיאָ־הילכער, רופן פאַבריק־סירענעס, קלינגען פּלעכענע כלים איבער די הויפן.

מיר גייען אַרויס פון טויער און באַשליסן צו פאַרלאָזן די פאָרשטאָט פּראַגע. מיר קומען צו ביז גראָכאָווסקע גאַס. דאָ דערזע איך צום ערשטן מאָל בילדער, וואָס וועלן מיך שוין אָן אויפהער באַגלייטן אין מיין וועג: הייזער־חורבות אין וועלכע עס נישטערן אַרום פאַרווייינטע פרויען זוכנדיק אַן איבערבלייבאַכץ פון זייער ביסל אָרימקייט... די גאַנצע גראָכאָווסקע איז אומגעהויער רואינירט. אין צענטרום פון וואַרשע האָבן מיר גאָרניט געוואוסט, אַז היטלער'ס מלאך המות האָט געניידערט פון הימל און פאַרשפּרייט אַזאַ חורבן איבער די וואַרשעווער פאָרשטעט — אין דעם אָרעמסטן אַרבייטער קוואַרטאַל — ביי די טויערן פון שטאָט.

מיר קומען ביז אַ ווינקל פון אַ גאַס און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַן אומפאַרגעסן בילד: מען בויט באַריקאַדעס! פרויען, קינדער און אַלטע לייט באַוועגן זיך מיט אַן אומגעהויערע שנעלקייט: מען שלעפּט צו די באַריקאַדעס טירען, פענסטער, קיך־געשיר און מעבל, אַ טרובע פון אַ גראַמאָפאָן און צובראָכענע טיילן פון אַן אויטאָ. אויף דעם אַלעמען ווערן אַרויפגעצויגן שווערע שטיינער און אַ גרין היצערן בעטגעשטעל (?) פון אַ צייטונגס פאַרקויפער. די באַריקאַדעס ווערן געבויט אין צוויי רייהעס, אַזוי ווי צוויי אָרעמס, פון ביידע זייטן גאַס. דער פוסגייער מוז דורכגיין די באַריקאַדעס אין אַ זיג־זאַג ריכטונג. עס איז דאָ אַ סיסטעם אין בויען די באַריקאַדעס — אַ קלוגע דורכגעטראַכטקייט און אַ פאַרביסענע אַנטשלאָסנקייט ניט אָפּצוגעבן דעם שונא די הייס געליבטע שטאָט.

דער שטראָם פון די אויסוואַנדערער ווערט שטאַרק שיטער. אונזער קליינע גרופּע האָט זיך שוין היבש פאַרשפּעטיגט. די זון שטייט שוין הויך, ברענט און מאַטערט. מיר גייען פאַרסאָפּעטע און פאַרשוויצטע פון מידקייט. שיקסעס טראָגן אונז אַנטקעגן קאַלט דערפרישענד וואַסער און גיבן אונז צו מוט: „שנעלער, כלאָפּצי! מען דאַרף אייך דאָרט האָבן! מיר וועלן זיך שוין דאָ אַליין „ספּראַווען" מיט די שוואַבעס!".

מיר פארשנעלערן אונזערע טריט, אבער א נייער לופט־אלארם כאפט אונז אויפ׳ן גאס און צווינגט אונז צו היפערן אין טויט־געאייל איבער הויפענס פון ציגל און איבער שימערירענדע שטיקער גלאז.

מיר באהאלטען זיך אין א חרוב הויז, וואס איז מן הסתם מיט א טאג צוריק צושטערט געווארען. אין פארווארפענעם געסל הערשען פוסטקייט און פאר־וויסטקייט. די נאהענטסטע קליינע ווילע־הייזלאך שטעהען פארשלאסען מיט פאר־מאכטע לאדענס. אין הויז, וואו מיר באהאלטען זיך, איז אראפגעריסען די גאנצע פראנט־וואנט און עס זעהט זיך די אינגעווייד פון א פארמעגליך בירגערליך אײנ־שטאקיג הייזעל. אויף דעם ערשטען שטאק, האַרט ביי דער אראפגעריסענער וואנט, שטעהט א פיאנא וואס א טייל פון איהר שטארט ארויס אין גאס אריין און הענגט כמעט בנס. פון דער פיאנא בלאנקט ארויס א שורה ווייסע שארפע צייז־קלאווישען. א צושראקענע געלע קאץ, אנטלויפענדיג פון לופט־אטאק, קריכט שנעל פון גאס ארויף אויפ׳ן ערשטען שטאק פון נאקעטען הויז, גיט א ברייטען שפרונג און געפינט זיך אויף דער פיאנא. עס צוהילכט זיך א טויטער אקארד. די קאץ דערשרעקט זיך נאך מעהר, פלאנטערט זיך אין שרעק איבער די רוישיגע קלאווישען ביז זי פלאנטערט זיך ארויס און פארשווינדט אין אן אנדער צימער פון דער רייך מעבלירטער געשטארבענער דירה.

מיר קומען אריין אין די פוסטע צימערען פון פארטער. דער דיל איז באדעקט מיט גלאז. אין דער בלאנק־ווייסער קיך זיינען אלע שענק געעפענט און ליידיג־קייט קוקט פון זיי ארויס. עס זעהט אויס, אז די בעלי־בתים זיינען אנטרונען און מיטגענומען אלץ, וואס עס איז לייכט מיט זיך צו טראגען. מיר זעצען זיך אויפ׳ן טיש אין דער גרויסער קיך און עסען הונגעריגע פון דעם ברויט, וואס מיר האבען געבראכט מיט זיך.

פון פארטער פיהרען טרעפ אויפ׳ן ערשטען שטאק. מיר געהען ארויף און געפינען זיך אין צימער מיט דער פיאנא, וואס מיר האבען פריהער געזעהן פון גאס. מיר קוקען זיך ארום און ווערען אויפגעטרייסעלט: אויפ׳ן דיל, ביי דער פיאנא, רויטיגט זיך א פארגלייווערטע גרויסע קאלוזשע — בלוט!

אונזערע הערצער קלאפען הויך אין דער ארומיגער טויטער שטילקייט...
זאל מען כאטש הערען א קאנאנאדע און א געבראזג פון שויבען! נעמט צו פון אונז די מורא׳דיגע שטילקייט!... אויף איינער פון די דריי ווענט, וואס עס פארמאגט די טויטע שטוב, קענען דער גאס — שפילען זיך זון־שטראלען מיט בלאנדע לאקען אויף אן אויל־פארטרעט פון א יונגער שעהנער פרוי. דאס איז מן הסתם איהר בלוט אויפ׳ן דיל...

איבער׳ן ליטערען הימעל רוקען זיך פאמעלאך, ווי גיגאנטישע טענקס איבער שלעכט־ברוקירטע שאסייען, מיט א האמעטנעם הארטען ווידערקול, די שווערסטע דייטשע באמבערס. גאט! צו וואס רוקען זיי זיך ווייטער?! זאלען זיי דא

איבער אונזערע קעפּ האָגלען מיט טויט!... זיי לאָזען שוין, ווייזט אויס, אַדורך די פאַרשטעט — זיי הויבען פון איצט אָן זייער שדים־טאַנץ איבער'ן האַרץ פון וואַרשע — דאָס דערגענטערען זיי זיך אַזוי האַמעטנע און שטרענג צו מיין גאַס, צו מיין הויז...

דער לופט־אַלאַרם איז נאָך מן הסתם ניט פאַרענדיגט, אָבער מיר קאָנען מעהר ניט פאַרטראָגען דעם אָנבליק פון בלוט אין מתים־הויז... אפשר געשעהט איצט דאָס זעלבע אין אונזערע הייזער?!...

מיר רייסען זיך אַרויס פון דעם הויז און לויפען האַסטיג פאַרביי די לעצטע הייזלאַך פון דער וואַרשעווער פאָרשטאָט. אַ מיליציאָנער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע שרייט אונז נאָך:

— בירגער! באַהאַלט זיך! דער אַלאַרם איז נאָך ניט אָפּגערופען!

מיר פאַרהאַלטען זיך ניט. מיר ווילען וואָס גיכער אַרויס פון יעדען מענש־ליכען ישוב. מיר דערלויפען ביז אַ קליין וועלדעל און פאַלען פאַרסאָפּעטע אויף דער גרינער ערד.



אַ טויט הויז

9

צי איז נאָך פאַראַן
אַ שטאָט וואַרשע ?

אונזער וועג ציהט זיך דורך גרינע פעלדער און וועלדער. פון צווישען די בוימער הערט זיך אַ פרעהליך זינגען פון פייגעלאַך. גאָט פיהרט זיך ווייטער זיין נאַטור מיט אייביגער חכמה. גאָרניט האָט זיך געענדערט אין די סדרי־בראשית . . . טראָץ דעם וואָס די וועגען זיינען איבערגעלאָדען מיט פאַרשוויצטע אומגליקליכע מענשען; טראָץ דעם וואָס קנוילען רויך טראָגען זיך פון אַלע אַרו־מיגע דערפלאַך און שטעט; טראָץ דעם גאַנצען עלענד און פיין וואָס איז אויס־געגאָסען אויף דער וועלט — שיינט זיך ווייטער אַ צושטראַלטע ליכטיגע זון. מיר געהען פאַרביי אָן אָפגעבּרענט און חרוב הייזעל, אָבער נעבען הויז זענען פאַרבלי־בען אומבאַריהרטע רונדיגע קלאָמבען מיט פאַרשידענפאַרביגע בלומען. די קרוין פון דער וועלט — דער מענש — געהט אונטער, אָבער די וועלט ענדערט גאָרנישט פון איהרע מנהגים; אונזער גורל איז איהר גלייכגילטיג.

איך און מיינע חברים שלעפען זיך מידע אין אַ געוויסער דערווייטערונג פון ברייטען שליאַך, וואו עס איז איצט אַ גרויסע באַוועגונג און עס צילען אָפט עראָ־פלאַנען. טראָפּענס שוויים טריפען אונז פון די געזיכטער. אויסגעמאַטערטע און דערשלאָגענע געהען מיר און זענען זיך אין וועג מתודה איינער פאַר דעם צווייטען פון אונזער נאַאיוו גלויבען אין מענש, אין וועלט, אין גאָט . . . מיר שעמען זיך מיט אונזערע אַמאָליגע אַמביציעס, אידעאַלען, גרויס־האַלטענישען און איינרעדענישען.

איין פריינד באַקלאָגט זיך שטיל:

— מיר זיינען שטויב פאַר די שטיוועל פון רשעות, מיר זיינען הילפלאָזער פון אַ נוטה למות, מיר זיינען אָרימער פון בעטלער אונטער׳ן קלויסטער, אונזערע היימען זיינען שוואַכערע ווי די ליליפוטען־נעסטלאַך פון די פייגעלאַך...

מיר זינקען אַלע אין שווערע געדאַנקען. אונזער הילפסלאָזיגקייט האָט אונז פאַרשעמט, דערנידעריגט אין אונזערע אויגען און אונז צובראָכען. מיין פריינד גוטמאַן — דער גוטער, טייערער חבר — גיט זיך ניט אונטער:

— מן המעמקים . . . אין די טיפענישען, אין דעם מיצר, צוזאמען מיט אונ־זער ווערה איז גאט; זיין שכינה פארדעקט מיט איהרע פליגעל דאס פארשעמטע פנים און וויינט אויף די געפאלענקייט פון מענש . . . עס איז א נייער מבול, א נייער רעגען פון פייער און שוועבעל איבער סדום . . . נעהם ארויס דיין תנכ'ל, וויינגארטען, און לייען: „ותשחת הארץ מפני האדם" — „און עס איז פאראומ־רייניגט געווארען די ערד צוליב דעם מענש" . . . מיר זיינען ניט קיין ווערטלאז שטויב, וואס פארגעהט אין פוסטקייט, נאר מיר זיינען ווי אומריינקייט, וואס באַ־מיסטיגט די פעלדער, כדי עס זאל אויף זיי א נייע שפראצונג ארויס . . . מיט 25 יאהר צוריק האט מען ניט גענוג באמיסטיגט — זיינען ארויסגעוואקסען פאר־גיפטעטע קרייטעכצער פון פאשיזם און באלשעוויזם; היינט איז זייער בלוטיגער שניט! . . . ביידע האבען צום אומגליק דערפיהרט — ביידע האבען פארלייקענט גאט און אלץ וואס טראגט דעם צלם אלקים. . . ביידע האבען א וועלט פארהאסט, פאר'מיאוס'ט, פארפעסטעט, איהר צופערטעלט און אפגעטיילט זיך פון אלע־מען, געגלוסט יענעמס און מיט צביעות באהאלטען דעם געשארפטען מעסער . . . ביידע האבען פאר'סמ'ט א וועלט מיט שנאה צום מיטמענש און מיט ליגענד . . . ווי א שטורעם פרישט אפ די לופט — אזוי וועט די וועלט דאס מאל ארויס א געלייטערטע און באנייטע . . . און ס'איז ניט וויכטיג צי אונזער „זיבעטעל" (אזוי האבען מיר אנגערופען אונזער גרופ'ע) וועט דאס דערלעבען. . .

— אבער איך וויל נאך לעבען — פראטעסטירט דער אינגערער פון אונזערע צוויי סטודענטען; ער רויטעלט זיך אביסעל, שטארקט זיך אבער און רעדט ווייטער מיט א הארציגער אינטימקייט: — איך האב איבערגעלאזט אין דערהיים א ליבע מיידעל, א זעלבסטשטענדיגע שוין. זיינען מיר באגאנגען א פרעכטיג נארישקייט: זי ווערט בקרוב א מאמע. . . איז פרעג איך אייך: צו וואס טויג מיר א בעסערע וועלט, אז איך וועל שוין ניט זיין? אז קיינער וועט מיין מיידעל ניט צוהיטען און ניט ווערען צו איהר קינד קיין טאטע? . . . לאזט אפ מיט אייערע הקירות. דער אמת איז: דאס פאלק איז גוט אבער נאריש, קינדעריש, בלינד. די „פיהרער" האבען ארייגעווארפען מיליאנען מענשען אין מיליטערישע בגדים, געזעצט זיי אין טענקס און עראפלאנען, געגעבען זיי ביקסען, מאשינען־געוועהר, און באפוילען: „שיסט!" . . . אלע זיינען אומשולדיג, קיינער וויל עס ניט, די דייטשען געדענקען נאך יענע מלחמה און א ליאדע טאג ווערט אוים מיט היטלער'ן . . . איך האב נאר איין תפילה: זאל איך נאך צוויי וואכען איבער־לעבען . . . לענגער וועט דאס דייטשע פאלק ניט דולדען דעם, וואס הייסט זיי שליידערען באמבעס אויף שטעט און דערפער . . . זיי ווילען עס ניט און קאנען עס ניט פארטראגען!

דער יונגסטער פון אונזער „זיבעטעל" האט ניט באוויזען צו פארענדיגען זיינע רייד, ווי פלוצלונג האט ארום אונזער גרופע אנגעהויבען האגלען מיט שווערע טראפענס בליי און עס האט זיך דערהערט א שנעלער טיק־טאק פון א מאשינ־

געוועהר. מיר האבן זיך פארשמועסט און ניט דערהערט דאס שטילע דער־נענטערן זיך פון א דייטשן עראפלאן.

מיר האבן זיך געווארפן אויף דער ערד און זיינען, ווייזט אויס, פלוצלונג פארשוואונדן געווארן פון עראפלאנס ביזן אויג. מיר האבן דערפיהלט, אז דער רויב־פויגעל איז אויפגערעגט וואס אזא לייכטער ביסן איז פון זיינע שארפע ציין פארלוירן. ער האט זיך אראפגעלאזט נידריגער, דער גערויש פון זיינע פליגעל האט זיך פארשטארקט, ער קרייזט ארום אונז, זוכט אונז און האגעלט מיט זיין מאשין־געוועהר . . . מיר האלטן איין דעם אטעם, און באוועגן זיך ניט, ווי טויטע: אויב ער זעהט אונז פון אויבן — זאל ער מיינען, אז ער האט שוין איז אונז געטראפן און זיין „ציל" איז דערגרייכט . . . דער עראפלאן פליהט ווייטער. מיר קוקן איהם אומרוהיג נאך. א פויערטע — פון א ניט־ווייטער באטע — לויפט פלוצלונג ארויס און הויבט אן ארייננטרייבן אין שטאל א חזיר'ל, וואס האט ניט געוואוסט אז ס'איז מלחמה . . . דער רויב־פויגעל באמערקט איהר. מיר דאכט זיך, אז איך זעה דעם פליהער ווי דורך זיינע גלעזער גליהען א פאר וועלפישע אויגען, וואס לאכען פון בלוטיגען תענוג. דער רויב־פויגעל לאזט זיך אראפ נידעריג און דער מאשין־געוועהר הויבט ווידער אן פויקען. מיר דערהערען פון דער ווייטענס א געשריי „אליא באגא" („אום גאטעס ווילען"), וואס רייסט זיך איבער אין מיטען פון דער לעצטער זילבע. די פויערטע פאלט אויף דער ערד, דאס חזיר'ל צוקוויטשעט זיך . . .

מיר באמערקען איבער אונזערע קעפ פרישע עראפלאנען און לויפען וואס גיכער צו א ווייט פעלד מיט קארטאפעל־בליהעכץ; דארט איז לייכטער זיך אויס־צובאהאלטען.

מיר צושפרייטען זיך איבער'ן קארטאפעל־פעלד. נעבען מיר ליגט דער יונגער סטודענט. זיין פנים איז פארפינסטערט, די בלויקייט פון זיינע אויגען אויסגע־לאשען... ער האט זיך איבערצייגט, אז ניט מיט געוואלד האט מען די דייטשען אנגעטאן מונדירען, ניט מיט געוואלד האט מען זיי געהייסען שיסען — דער בלוט־גיריקער דייטש האט זיך מיט א מינוט צוריק אנטפלעקט פאר אונז אין זיין גאנ־צער סאדיסטישער נאקעטקייט.

עס פליהען עראפלאנען אין דער ריכטונג פון ווארשע און טראגען מיט זיך טויט און פארוויסטונג צו מיין פרוי און קינדער, צו דעם סטודענט'ס מיידעל — צו אלע אונזערע נאהענטסטע . . . צו וואס אנטלויפען מיר און באהאלטען זיך אין גראז, ווי די פחדנים? צו וואס ראטעווען דאס נאקעטע לעבען, אז ניטא מעהר פאר וועמען עס אויפצוהיטען? . . .

די עראפלאנען פארשווינדען. מיר טיילען זיך שטיל מיט אונזער ברויט. טרינקען פון פלעשער מוטנע וואסער, וואס מיר האבען אנגעשעפט אין א ברו־

נים — און געהען ווייטער. פלוצלינג דערזעהען מיר איינינגע מענשען, וועלכע געהען אין א פארקערטער ריכטונג, ווי מיר.

— בירגער, וואוהין געהט איהר? — פרעגען מיר זיי אין גרויס ערשטוינונג.

— מיר געהען צוריק קיין ווארשע. מיר האבען זי פארלאזען מיט צוויי טעג צוריק. וואס ווייטער, אלץ ערגער. אלץ ברענט. אומעטום הונגער . . . פוילען איז פארלוירען; ווילען מיר זיין צוריק אין ווארשע צוזאמען מיט אלע־מען . . .

מיר ריידען זיי אפ. „זאלען לעבעדיגע ניט פארלירען די האפנונג" — ציטיר איך זיי א באריהמטע פוילישע לאזונג. אבער זיי האלטען זיך פעסט ביים באשלוס צו געהן אהיים.

— די פיס זיינען ביי מיר אפגעריבען, פארברענט . . . אפשר האט עמיץ א שטיקעל וואטע? — צוכליפעט זיך איינער פון זיי, א פעסט־געבויטער מאנס־פערשוין.

ער זעצט זיך אויפ'ן גראז און איך וואש מיט אונזער לעצט ביסעל וואסער פון פלאש זיינע פיס, וואס זיינען באדעקט מיט שרעקליכע בלאטערס און פענכערס. איך פארשטעהע ניט, ווי קאן מען גאר בכלל אנטרעטען און געהן אויף אזעלכע צוואוועהטיגטע פיס. ער איז אינגאנצען צוזאמענגעבראכען און בייסט די ליפען פון וועהטאג ביים באנדאזשירען. בשעת מעשה דערצעהלט ער מיר איוב'ס בשורות: „כ'האב געמיינט, מ'עט מיך אננעהמען פרייוויליג אין מיליטער . . . חברים, ס'איז שוין ניטא גארנישט! ניטא שוין קיין מיליטער, לובלין איז אין רואינען, מארשאל רידז־שמיגלי איז שוין 4 טעג אין אויסלאנד, ניטא קיין רעגי־רונג, קיין שטאב . . . זאגט מיר, חברים, צי איז נאך פארהאן א שטאט ווארשע?...

די גרופע צוריקגעהערס דערווייטערט זיך און אין אונזערע אויערן קלינגט די ניט־פארענטפערטע פראגע: צי איז נאך פארהאן א שטאט ווארשע?

10

אין קלעם
פון אילוזיעס

מיר דערנענטערען זיך צוריק צום שאָסיי, ווייל מיר ווילען באַגעגענען מענשען און הערען נייעס.

אויף דעם שאָסיי פאָהרען אויטאָס פון רויטען קרייץ, וואָס זיינען איבער־פולט מיט אָפיצירען, זייערע פרויען און קינדער . . . מיר זיינען שרעקליך מיד און מיר בעטען, אַז זיי זאָלען אונז אַרויפנעהמען און אַביסעל אונטערפיהרען, אָבער קיינער הערט אונז ניט.

דער לאַנגער טאָג שלעפּט זיך און וויל אונז ניט פאַרלאָזען. מיר גהען מיט פאַרריסענע אויגען צום הימעל: מען מוז זיין פאָרזיכטיג און אויפמערקזאַם, ווייל דער מינדעסטער שאָרך פון אויבען און דער קלענסטער טונקעלער פלעק צווישען די ווייסע אומשולדיגע וואָלקענדלאַך זיינען שליחים פון טויט.

מיר באַגעגענען אויף אונזער וועג א גרופּע זעלנער. זיי זיינען מיד, אָבער ניט דערשלאָגען. אויף זייערע באַגנעטען פינקעלט די זון. מיר מאַרשירען האַרט נעבען די סאָלדאַטען און עס ווערט ביי אונז געבוירען אַ געדאַנק אַנצושליסען זיך צו זיי . . . מיר זיינען מקנא די זעלנער, ווייל זיי האָבען פאַר זיך אַ ציעל, ווייסען צו וואָס און וואוהין זיי געהען און מוזען ניט טראָגען זייער נאקעט ביסעל לעבען ווי אַן איבעריגען נוצלאָזען באַלאַסט . . . די זעלנער געהען אַראָפּ פון שאָסיי און לעגען זיך אָפּרוהען אין אַ קליין סאָסנע־וועלדעל. נאָך זיי פאָהרען אריין אין וואַלד צוויי פעלד־קיכען און עס פאַרשפּרייט זיך אַ געשמאַקער ריח פון קאַווע, וואָס מישט זיך צוזאַמען מיט די ריחות פון יונגען שמעקעוודיגען וואַלד. אונזער „זיבעטעל" געהט נאָך די סאָלדאַטען. אַרום בלאָזט אַ קיהל ווינטעל און עס לעגען זיך ליכטיגע שאָטענס — עס דערמאָנט זיך מיר מיין ראָמאַנטישע יוגענט אין ערשטען קעמפּ פון „השומר הצעיר" אין פוילען . . . מיר פיהלען זיך אויפ־געפרישט און דערמונטערט.

די זעלנער פאַרבעטען אונז צו זיך און ווילען אונז מכבד זיין מיט מאַכאָרקע און פּאַפּירלאַך צו דרעהען סיגאַרעטען; מיר טיילען צווישען זיי אונזערע זאַפּאַ־סען פּאַפּיראָסען. מיר פרעגען זיי ניט פון וואַנען זיי קומען אָדער וואוהין זיי

געהען (דאָס איז פאַרבאָטען — עס שמעקט מיט שפּיאָנאַזש), אָבער זיי פּיהלען זיך מיט אונז פריי און רעדען פול מיט האָפנונג: „גענעראל באַרטנאָוסקי איז אַריינגעדרונגען קיין פרייסען... אין ראַדאָם רינגעלט מען אַרום אַ גרויסע דייטשע אַרמיי . . . דער גרעסטער טייל דייטשע טענקס האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט צוליב דעם מאַנגעל אין בענזין; אויך די דייטשע עראָפּלאַנען וועלען בקרוב אויפהערען פליהען"...

מיר זאָגען די זעלנער, אַז מיר ווילען צוזאַמען מיט זיי געהן; מיר זיינען מיליטעריש אויסגעאיבט... זיי ראַטען אונז ווענדען זיך צו זייער אָפיציר פאַר־רוטשניק גאַוולינסקי. „ער איז אַ רעזערוו־אָפיציר און אַ גוטער כלאָפּ!... די פאַר־אָפיצירען זיינען גאַרניט ווערט — די „זופּאַקעס"! בראַוואָ די רעזערוו־אָפיצירען! זאָל לעבען דער פאַרוטשניק גאַוולינסקי!"

דער פאַרוטשניק, וועלכער איז ביז איצט געווען פאַרנומען מיט באַטראַכטען די געגענט, קומט אָן אַ צושטראַלטער:

— וואָס איז געשעהן, כלאָפּצי?

די זעלנער קלערען איהם אויף, אַז מיר ווילען געהן צוזאַמען מיט זיי. ער רעדט צו אונז מיט פריינדשאַפט:

— זעצט זיך און עסט מיט אונז צוזאַמען סוכאַרעס און קאַווע! ביי אונז הערשט אַלטע פּוילישע גאַסטפריינדליכקייט — טשעם כאַטאַ באָגאַטאַ! („מיט אַלעמען, וואָס דאָס הויז פאַרמאַגט!")... נעהמען אייך מיט זיך האָבען מיר ניט קיין רעכט. מיר האָבען ניט פאַר אייך קיין מונדירען און קיין געוועהר. געהט ווייטער, ביז איהר וועט געפינען אַ רעקרוטירונג־פּונקט. די מעהרהייט מיליטער ווערט איבערגרופּירט אונטער דעם טייך בוג.

מיר טרינקען פון אַ זעלנערישער מענאַזשקע הייסע שוואַרצע קאַווע און פאַר־בייסען מיט געשמאַקע ווייסע קיכעלדיגע סוכאַרען. עס איז אונז דאָ זעהר גוט, אָבער מיר פאַרשטעהען, אַז עס איז ניט ערלויבט אין מלחמה־צייט צו פאַרהאַל־טען זיך לענגער צווישען מיליטער, וועלכע האָט מן הסתם אויסצופיהרען איהרע פונקציעס.

אויפ'ן הימעל, וואָס הויבט שוין אָן איינהילען זיך אין טונקעלקייט, באַ־ווייזט זיך פלוצלונג אַן עראָפּלאַן — ער פליהט נידריג — אַ פּוילישער עראָפּלאַן! די זעלנער לויפען אַרויס פון וואַלד און פאַכען צו איהם פרעהליך מיט די היטלען.

— דאָס איז דער באַריכטס עראָפּלאַן פון פּוילישען גענעראַל־שטאַב; ער גרייט מאַטעריאַל פאַר דעם קריגס־קאָמוניקאַט — ערקלעהרט אונז דער פאַ־רוטשניק גאַוולינסקי. — דאָס איז אונזער פליהענדע פרעסע!

עס ווערט אונז פרעהליכער אויפ'ן האַרצען. אַלע שלעכטע מחשבות ווערען צושווימען: מיר האָבען נאָך מיליטער, עראָפּלאַנען, אַ גענעראַל באַרטנאָווסקי אין פרייסען... מיר וועלען זיי נאָך ווייזען!

פון שאַסיי דערהערט זיך אַ גערויש. עס באַווייזט זיך אַן אָפענער אויטאָ מיט בלוי באַפאַרבטע לאָמפּען. דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ. אין דער טונקעלקייט דערזעהען מיר פונדעסטוועגען, אַז עמיץ אָנגעטאָן אין גרינע האַלב־מיליטערישע קליידער שטעלט זיך אויף אין אויטאָ, פאַכעט צו אונז מיט די הענט און רופט:

— פּוילישע בירגער! פּוילישע זעלנער! די קעפּ אַרויף! היינט האָבען פּוילישע פליהער באָמבאַרדירט בערלין און די גאַנצע שטאָט איז אין פלאַמען. גערינג איז טויט! אין בערלין איז אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציע און היטלער איז אַרעסטירט! אונזער זיג איז נאָהענט! טרייבט די שוואָבעס! יעדער גוטער פּאָלאַק דאַרף די ידיעות איבערגעבען פון מויל צו מויל!

דער אויטאָ צוסאַפּעט זיך און פאָהרט שנעל אַוועק, כדי ווייטער טראָגען די גוטע בשורות צו אַלע אומגליקליכע וואַנדערער אויף די שטויביגע וועגען...

אונזערע הערצער זיינען פול איבער די ברעגען מיט שמחה... מיר קושען זיך, קלאַפּען זיך איבער די פּלייצעס און שטיפען ווי קליינע חדר־אינגלאַך.

— אפשר געהען מיר גלייך צוריק קיין וואַרשע? — פרעגט אומגעדולדיג אונזער יונגער סטודענט.

אינזשיניר פוילער — דער פּראַקטישסטער צווישען אונז — איז קאַטעגאָריש געגען דעם:

— מיר געהען קיין מינסק־מאַזאָוויעצק. פון דאָרט וועלען מיר צוריקפאָהרען מיט דער קליינבאַהן אָדער מיט אַן אויטאָ. איבעריגענס: ווייַנגאַרטען האָט אין מינסק־מאַזאָוויעצק אַ באַקאַנטען, וועלען מיר פון איהם טעלעפאָנירען קיין וואַרשע, אַז מיר לעבען און קומען צוריק... ס'וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט זיך אַזוי מאַטערען און איצט ווידער געהן צופוס אַהיים. נאָך איינעם אַזאַ טאָג גאַנג, ווי דעם היינטיגען, וואָלט איך שוין זיכער ניט איבערגעהאַלטען...

מיר געזעגענען זיך פרעהליך מיט אונזערע זעלנער און געהען אויפגעפרישטע און דערמוטיגטע קיין מינסק־מאַזאָוויעצק.

מיין שכן דער סטודענט הערט ניט אויף צו דערצעהלען וועגען זיין מיידעל, וואָס פאַראַ גליקליכער סיורפּריז עס וועט זיין, אַז ער וועט צוריקקומען. דערביי דערמאַנט ער מיט אַ טריאומפירענד קול:

— אָבער איך האָב אייך געזאָגט, אַז נאָר ווילדע קאַניבאַלען וואָלטען געקאָנט באַשטעהן אויף היטלער'ס משוגענע פּלענער! . . . די דייטשע מערדערליכע פליהער ווערען מן הסתם פאַר'שיכור'ט מיט אַלקאָהאָל פאַר יעדען אַטאַק; אַ קולטור־פאָלק וועט דאָך ניט מסכים זיין צו ווערען אַ הענקער פון דער וועלט!...

אויפ'ן שאָסיי איז פינסטער, אָבער פאַר אונז האָט אויפגעלויכטען די האָפנונג. מיר געהען און ברומען שטיל העברעאישע, אידישע און פּוילישע לידער.

מיט אַ גליקליך געמיט, ווי טריאומפאַטאָרען, זיינען מיר שפּעט ביינאַכט געקומען אין פינסטערע און איבערגעפולטע מיט פּליטים מינסק־מאַזאָוויעצק.

11

אַ נאַכט אין מינסק - מאַזאָוויעצק

אין יענער נאַכט האָבן פּליטים פֿאַרנומען אין מינסק־מאַזאָוויעצק אַלע טראָטואַרן, טרעפּלאַך און וועראַנדעס. דאָרט ליגן זיי אין אַ טויטער מידקייט און שלאָפֿן אומרוהיק נאָך אַ לאַנגן מערדערלעכן טאָג. מיר קאָנען ניט געפֿינען קיין אָרט צו גיין אויפֿ'ן טראָטואַר צוליב די שלאָפֿנדע און מיר מוזן שפּרייזן אין מיטן גאַס. מיר זיינען ערשטוינט פֿאַרוואָס אַלע וואַנדערער ליגן אויף זייערע ערטער אַזוי אַפּאַטיש. וואו איז זייער שמחה?... מאָרגן — קאָן זיין — ווערט ווידער אַ וועלט, ווי מיט אַכט טעג צוריק, און זיי, די גליקלעכסטע אומגליקלעכע, פֿרייען זיך ניט? וואָס זאָל דאָס באַדייטן? איז מעגלעך, אַז צו זיי איז ניט אָנגעקומען די פֿריידיקע בשורה וועגן גערינג'ס טויט און היטלער'ס אַרעסט, וועגן דער פּוילישער לופֿט־אַטאַקע אויף בערלין און וועגן דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד?! אָדער אפשר, חלילה... — און דער וואָרים פֿון ספק הויבט אָן נאָגן ביים האַרץ.

אונזער „זיבעטעל" זעצט זיך אוים אויף צוויי פֿרייע טרעפּ, וואָס מיר געפֿינען קוים אין אַ פֿינסטער ווינקעל. איבער אונז איז אַ וועראַנדע און דאָרט שלאָפֿן אויך פּליטים. איך ווענד זיך מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קול און אויף פּויליש צו מיין פֿריינט גוטמאַן (דאָס מיין איך אויסצופּראָבירן מיינע שכנים, וועלכע ליגן צונויפֿגעפּרעסט אויף דער וועראַנדע):

— ווייסט, גוטמאַן, איך האָב זיך ניט גערעכנט, אַז די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד וועט אַזוי שנעל קומען!...

איך האָב נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן מיינע ווערטער, ווי איך דערהער אַ צובייזערט קול פֿון דער וועראַנדע:

— ווער דאָרט פֿאַרשטומט, פֿענטאַק! מען האָט שוין היינט עטלעכע מאָל צו אונזערע וואונדן צוגעלעגט אַזאַ פּלאַסטערל! פֿאַרשפּרייט ניט מער די דאָזיקע ליגנס! מען האָט שוין דאָ איינינגע אַזעלכע חכמים, ווי דו, שטאַרק געשלאָגן פֿאַר דערציילן באָבע־מעשיות! שלאָפֿט, פֿאַרטאָג דאַרף מען ווייטער גיין!

מיר בלייבען זיצען פארגליווערט און דערשלאגען. די גערוכטע פינסטערניש פארדעקט אונזער חרפה און טרויער... מיין האנט זוכט אויס אין דער פינס־טערניש דעם יונגען סטודענט און גלעט איהם איבער זיין קינדערישער האנט. עס ציטערט אין איהם א פארשטיקט געוויין.

* * *

די נאכט איז קאלט. איך רוק ארויף אויף מיין קאפ דאס בערעט־היטעלע און היל זיך איין אין מיין מאנטעל. איך דערמאן זיך וועגען מיין פרוי און צו־שמייכעל זיך: א פראקטישע אידענע; גוט, אז איך האב זיך ניט פאר'עקשנ'ט און האב מיטגענומען דעם מאנטעל... זי מיט די קינדער זיינען איצט זיכער ביי מיין פריינט ג. און שלאפען מידע... מיין הארץ איז פול מיט א תפילה צו גאט, מיט וועלכען איך האב זיך שוין לאנגע יאהרען ניט מתיחד געווען, אבער איך האב איצט דערפיהלט זיין אנוועזענהייט אין דער מחנה פון פארפייניגטע מענשען:

— רבונו של עולם, שענק אונז א לאנגע־לאנגע נאכט, כדי מיין פרוי און קינדער — און מיר דא אלע דורך דעם לאנגען טאג געפלאגטע וואנדערער — זאלען זיך גוט אויסרוהען, איידער עס וועט ווידער אויפשיינען דער אכזריות'דיגער פריהמארגען און ברענגען מיט זיך עראפלאנען, באמבעס... און אויב דו ווילסט ניט אפטאן דיין לייטזעליגקייט פון דיינע פארפייניגטע קינדער, בעט איך דיך נאר א חסד: זאל דער מארגענדיגער טאג זיין א רעגענדיגער. פארהיל דיינע הימלען מיט שווערע וואלקענס, וועלען די רויב־פויגעל בלייבען אין זייערע נעסטען און ניט שפרייטען שרעק און טויט...

די אויגען האבען זיך מיר געקלעפט צום שלאף. איך האב זיך צוגעטוליעט צו מיינע פריינד און דערפיהלט אויף זיך זייער ווארימען הויך. דעם יונגען סטו־דענט, מיין נאהענטען שכן, האב איך ארומגענומען מיט מיין מאנטעל און אנ־געשפארט זיין קאפ אויף מיין רענצעל... שלאף, פארפייניגט קינד, שלאף און חלום וועגען דיין קליין נאריש מיידעל!...

די פינסטערע נאכט האט מיט גרויס רחמנות אונז פארבארגען פאר דעם אויג פון מלאך־המות און האט אונז אראפגעשיקט איהר געבענשטע מתנה: פאר־געסונג דורך שלאף.

* * *

און עס איז ניט אויסגעהערט געווארען מיין תפילה, אז די נאכט זאל זיך לאנג פארציהען. די ווייזערס פון די זייגערס האבען אין דער צייט פון אונזער שלאף צוגאלאפירט זיך און געלאפען אין א בייזוויליגען קאראהאד ארום די ציפער־בלעטער... מיט עטליכע מינוטען צוריק, דאכט זיך, בין איך איינגעשלאפען — איך האב קוים באוויזען צו באגעגענען זיך מיט מיין מאמע, מיט מיין פרוי און

קינדער; אַט אַקאַרשט האָבען מיר אַלע צוזאַמען אָנגעהויבען ארויפקלעטערען אויפ'ן אַלטען באַרגיגען בית־עולם אין ירושלים — צום שטיין אונטער וועלכען עס ליגט מיין טאַטע — און שוין וועקט מען מיך: שטעה אויף! שטעה אויף! עס איז שוין גרויסער טאָג . . . אייל זיך צו!"

א ליכטיגער פאַרשייטער פריהמאָרגען שטעכט אונז די אויגען. ארום אונז איז פוסט, די איבעריגע וואַנדערער האָבען שוין פיל פריהער זיך געלאָזט אין וועג אריין. מיר וועלען ווידער — אזוי ווי נעכטען — זיין די פאַרשפעטיגטע... נעבען אונז שטעהען איינינגע אויטאָס. דער אינזשיניר „פּראָבירט מזל": אפשר וועלען זיך געפינען פּרייע ערטער און מען וועט אונז אַביסעל אונטערפיהרען. אָבער אין די אויטאָס איז קיינער ניטאָ.

עס קומט אָן אַ ציוויל געקליידעטער מיליציאַנער מיט אַ וויים־רויטען באַנד אויפ'ן אָרבעל. ער הייסט אונז איילען זיך:

— ניטאָ וואָס צו וואַרטען! די אייגענטימער פון די מאַשינען זיינען אויך אוועק צופוס, ניטאָ קיין בענזין!

—בירגער, מיליציאַנער! — פרעג איך איהם — וואו איז די פּאָליציי?

— אנטלאָפען. קיינער פון זיי איז ניט געבליבען. האָבען מיר, די שטאָט־בירגער, איבערגענומען די מאַכט. מיר היטען אונזער שטעטעל און לאָזען ניט אריין די פּליטים אין די זייטיגע געסלאַך, אויסער דער שאָסיי גאַס, ווייל אין פאַרלויף פון צוויי טעג האָט איהר ווי אַ היישעריק אַלץ ביי אונז אויפגעגעסען... אומזיסט וואָלט איהר איצט געזוכט אַ שטיקעל ברויט אין אונזערע הייזער.

איך פרעג זיך אויף מיין באַקאַנטען פון מינסק־מאַזאָוויעצק. דער מיליציאַנער קען איהם. ער איז אַוועק פון שטאָט, מורא געהאַט דאָ צו בלייבען.

— א סך מענשען פון אייער שטאָט האָבען זיך געלאָזט אין וועג אריין?

— ניין, ניט פיל... מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז ניט ווייט פון דאַנען זיינען הונדערטער פּליטים דערשאָסען געוואָרען דורך מאַשינען־געווער פון דייטשע עראָפּלאַנען; מיר קוקען זיך צו, ווי איהר זעהט אויס — האָט עס אַפּגענומען דעם חשק צו לויפען... אַ שאָד אייער צייט, בירגער, בלייבט זיך אין וועג אריין!

12

אונזער „זיבעטעל"

מיר עסן מיט אַ וועלפישן אַפּעטיט אונזערע לעצטע שטיקלעך ברויט. ביז דריי מאָל פון אונזערע זיבן חברים האָבן מיטגענומען עסן און שפּעטער עס צוטיילט צווישן גאַנצן „זיבעטעל". אַ נאַרישער אָפּטימיזם האָט אונז איינגערעדט: „פאַר אונזער געלט וועלן מיר אַלץ באַקומען". איצט קאָנען מיר אָבער גאָרניט קויפן פאַר געלט און מיר געזעגענען זיך אומעטיק מיט די לעצטע שפּייז רעזערוון. דער אינזשיניר, וועלכער פאַרזאָרגט אונז די גאַנצע צייט פון וואַנדערונג מיט וואַסער (מיר רופן איהם „שר המשקים"), טרייסט אונז: „עסט און זאָרגט ניט — מיר וועלן גראָבן קאַרטאָפעל אין פעלד און בראָטן אויפ'ן פייער; אין די דערפער וועט מען אונז מיט הינדלעך קאָרמען".

מיר נעהמען צונויף אונזערע רענצלעך און לאָזן זיך אין וועג. די זון גליהט שטאַרק און שלאָגט אונז אומ'ברחמנות'דיג איבער די קעפּ. מיר גהען אַראָפּ פון שאָסיי און שפּרייזן דורך אַ שיטער וועלדעל, וואָס ציהט זיך נעבן שליאַך. פון איין בוים צום צווייטן איז אַ צענדליג טריט.

פּלוצלונג דערהערט זיך אַ גערויש פון פיל עראָפּלאַנען. מיר פאַרלירען זיך אין אַ בהלה, צולויפן זיך אַרום די בוימער פון וועלדעל און זוכען אַ באַהעלטעניש. פון „אויבן" זעהט מען אונז זיכער! עס האָגעלט מיט קוילן און עס צעהילכט זיך אַ פּויקעריי פון מאַשינען־געוועהר. ווי אַזוי איז בעסער זיך אויסצובאַהאַלטען: שטעהן אונטער אַ בוים אָדער לייגען זיך אויף דער ערד?!

מיר דאַכט זיך, אַז דער געפיהל פון מורא פאַרלאָזט מיך, אָבער איך ווער באַהערשט פון אַ הפקר'דיגען ווילען צו לעבן טראָץ אַלעמען; עס דאָמינירט אין מיר עפּעס אַ מאָדנער צושטראַלטער להכעיס'ניק — אָט שפּיל איך זיך מיט'ן דם־שונא אין באַהעלטעניש — אַ שפּיל פון לעבן און טויט, ווען דאָס לעבן איז אַזוי ווייניג ווערט און דער טויט איז אַזוי נאָהענט... עס וואַקסט אין מיר אַן אור־אַלטע פאַרוואָרצעלטע אידישע עקשנות: אַלץ אַרום לאָקערט אויף מיין קיום, אָבער איך וועל לעבן אויף צופּיקעניש די שונאים, לעבן אויף להכעיס דער וועלט!

— וויינגאַרטען, לייג זיך! לייג זיך! — הער איך אויסרופן פון פאַרשיידענע זייטען.

איך ליג זיך ניט. איך האָב זיך צוגעדריקט צו אַ בוים און אין איהם ביז וועהטאָג אַריינגעשפּאַרט מיינע נעגעל. דאָס האָגלען פון קוילען הערט ניט אויף. ערגיץ איבער מיין קאָפּ איז געפּאַלען אַ קויל, אַרונטערגעריסען אַ צווייג און אַרויפגעשליידערט אויף מיר נאָדלען און שישקעס . . . איך אַנטלויף צו אַ צווייטען בוים... דאָרט ליגט עמיצער אויף דער ערד און וויינט. בלוט גליווערט אין מיר, ווען אַ דערוואַקסענער וויינט . . . ווער איז עס? . . . איך הער דייטליך אַ באַקאַנט קול...

— דאָס ביסטו, מיכאל בורשטין? וואָס וויינסטו? וואָס איז מיט דיר געשעהן? דו ביסט פאַרוואונדעט?

אין טיפען טאַש פון מיין מאַנטעל איז דאָ אַ פלאַש מיט אַביסעל מוטנע וואַסער. איך גיב עס איהם צו טרינקען.

— וואָס איז מיט דיר, מיכאל?

— מיין קראַנק האַרץ קאָן עס ניט איבערטראָגען... אומעטום זוכען זיי מיך אוים, די עראָפּלאַנען... איך געה צוריק קיין וואַרשע...

— קום מיט אונז, מיכאל. מיר האָבען אַ גרעסערע גרופּע; גוטע, פריינדליכע מענשען.

— איך האָב באַשלאָסען...

פּלוצלונג דערהערט זיך אַ פרישער פאַרשטאַרקטער געוויש פון עראָפּלאַנען, וואָס קרייזען אַרום וועלדעל. עס איז ניט געווען דאָס אָרט אויף צום באַהאַלטען זיך פאַר אונז ביידע אונטער איין בוים. איך אַנטלויף און באַהאַלט זיך צווישען זייעניץ פון קאַרטאָפעל אויפ'ן ראַנד פון וועלדעל . . . איך בין מיד און נידערגעשלאָגען. די אויגען פאַרמאַכען זיך מיר פון מידקייט, אָבער איך צווינג זיי צו זיין אָפען און וואַך. דאָס געקנאַלעריי געדויערט לאַנג־לאַנג — איך פאַרליר דעם חשבון פון צייט... דער גערויש פון ביידע פליגעל ווערט נאָך שטאַרקער און אַ שלאַכט־רעגען פון בליי קלאַפּט אין די בוימער... די שטילקייט אין וועלדעל ווערט איבערגעריסען דורך אַ לויפען פון אָרט צו אָרט, דורך אַ שטילען רופען פון איינעם צום צווייטען... פון ערגעץ, פון דערווייטענס, הערט מען קרעכצען: „נאַ מאַמע! יעסטעם ראַנני!" („היילף! איך בין פאַרוואונדעט!") . . . פּלוצלינג ציטערט אויף דאָס וועלדעל מיט אַ שרעקליך געשריי: „מאַ־מע!"... אַרויסגעשריגען — און איינגעשטילט. אַ פיינליכע שטילקייט ווערט אַרום, און אין דער שטילקייט הערט ניט אויף הילכען אַ אימה'דיג ווידערקול: מאַ־מע!... ווער האָט עס געשריען? וואו האָט מען עס געשריען? — איך פאַרליר דעם חשבון פון אָרט... עס דאַכט זיך מיר, אַז פון מיין אינגעווייד האָט אַ פאַרבאַרגענע מורא אַזוי אַרויסגעשריגען; און ווידער דאַכט זיך מיר, אַז דאָס גאַנצע וועלדעל — און אפשר די גאַנצע ערד — הונדערטער — און אפשר מיליאָנען הילפלאָזע דערוואַקסענע קינדער — האָבען אין גרויזאַמסטער פאַרצווייפלונג און שרעק — אין אַנבליק פון

אונטערגאַנג — גערופֿן: „מאַ־מע!"... געוואָלט פֿאַרענדיקן לעבן מיט דעם נאָמען פֿון דער, וואָס האָט אונדז דאָס לעבן געשאָנקען.

לאַנג־לאַנג דויערט דער געזשום פֿון עראָפּלאַנען. דאָס בייזע הייזעריקע גראַ־גערײַ פֿון מאַשינען־געווער און דער האָגל פֿון קוילן... ענדלעך איז דער אַטאַק אַריבער. דאָס טויטע וועלדל ווערט פֿול מיט קולות — עס רופֿן זיך איבער די אַלע, וועלכע האָבן זיך פֿאַרלוירן אין צייט פֿון שרעקלעכן לופֿט־אַטאַק.

— זיבעטעל! זיבעטעל! — רוף איך הויך, לויפֿנדיק פֿון מײַן קאַרטאָפֿל־פֿעלד צום וועלדל. איך בין פֿול שרעק, צי וועל איך נאָך צוריקגעפֿינען אַלע מײַנע חברים... ווער ווייסט, צי וועלן זיי נאָך קאָנען אויפֿשטיין און צוזאַמען מיט מיר פֿאַרלאָזן דאָס פֿאַרשאָלטענע וועלדל.

— זיבעטעל! זיבעטעל! — הער איך רופֿן פֿון פֿאַרשיידענע זייטן — זיבעטעל! זיבעטעל!

מײַן גאָט, איך הער בלויז פֿינף שטימען — וואו איז דער זעקסטער, גוטמאַן?

— גוטמאַן! גוטמאַן! — הילכט איבערן גאַנצן וועלדל מײַן פֿאַרצווייפֿלטער גערוף.

— גוטמאַן! גוטמאַן! — רופֿן אין טויט־שרעק מיט מיר צוזאַמען די איבעריקע פֿינף חברים, וועלכע האָבן זיך שוין אַרום מיר פֿאַרזאַמלט.

— גוטמאַן! גוטמאַן! — לויפֿן מיר אַרום, ווי צומישטע, פֿון איין בוים צום צווייטן. אין מײַן געלויף פֿאַל איך פּלוצלונג איבער אַ קערפּער פֿון אַ מענטש, וועלכער קייקלט זיך אויף דער ערד צוזאַמען מיט מיר. איך ציטער אויף: אַ טויטער! אָבער — עס איז ניט גוטמאַן!... קיינער אַרט מיך ניט אין דעם דאָזיקן מאָמענט; איך זוך נאָר איינעם — דעם זיבעטן, דעם חבר: גוטמאַן! גוטמאַן!

— ער איז דאָ! ער איז דאָ! — דערגרייכן מיך די דערפֿרייטע אויסגע־שרייען פֿון מײַנע חברים.

איך לויף אין זייער ריכטונג — און דערזע גוטמאַנ׳ען, ווי ער רײַבט זיך אויס די אויגן: געלייגט זיך אונטער אַ בוים בײַם אָנהייב פֿון לופֿט־אַטאַק — און פֿון מידקייט אײַנגעשלאָפֿן... דורכגעשלאָפֿן די טראַגישסטע מאָמענטן.

— איצט, חברים, קומט וועלן מיר אויפֿזוכן בורשטינען. זאָל ער געהן צוזאַמען מיט אונדז. איך האָב איהם איבערגעלאָזט ערגעץ אונטער אַ בוים.

מיר געהען און זוכן. אויפֿ׳ן וועג זעהען מיר, ווי מען פֿיהרט אונטער די הענט פֿאַרוואונדעטע, פֿאַרבאַנדאַזשירטע...

— אונזער זיבעטעל איז אומבאַריהרט! — טריאומפֿירן מיר אין אונזערע הערצער מיט אַ געפֿיהל פֿון וואונדערבאַרן קאָלעקטיוון עגאָאיזם; מיר זײַנען אַלע פֿאַרבונדן מיט זיך אין טיפֿסטער פֿרײַנדשאַפֿט.

מיר זוכן אומעטום, אונטער אַלע בוימער און וועלדער, מיר רופן אויפ'ן קול: „בורשטין, בורשטין!"... מיר קאָנען אים ניט געפינען. ער איז שוין מן הסתם אַוועק אויפ'ן וועג צוריק — קיין וואַרשע.

דאָס איז געווען מיין לעצטע באַגעגעניש מיט מיין חבר און פריינד, דעם מחבר פון ווערק „אויף די חורבות פון פּלווינע" — אַ באַגעגעניש פון רואינירטע מענטשן אויף די חורבות פון אייגענעם לעבן.

אונזער „זיבעטעל" לאָזט זיך אין ווייטערן וועג אריין.

איך באַמערק, אַז גוטמאַן וואַקעלט זיך און שלעפּט קוים די פיס.

— וואָס איז מיט דיר? — פרעג איך אומרוהיג.

— עס וועט אַדורך... האָר קאָפּ טוט וועה און ס'שטיקט אין האַלז... מעג־ליך, אַז איך בין אַביסעל קראַנק...

אַרום אונז קנוילט זיך רויך פון ברענענדע כאַטעס, עס קרעכצן פאַרוואונ־דעטע, עס וויינען אָרימע פויערטעס איבער קיה פאַרברענטע איז אַ שטאַל — אָבער פאַר אונזערע הערצער, וואָס די מלחמה האָט איבערגעשמידט אויף שטאָל, זיינען שמערצליך בלויז די ליידן פון אונזער נאָהענטסטען חבר — גוטמאַן פון אונזער „זיבעטעל".

13

וואסער

מיר געהען און געהען. עס ציהען זיך לאנגע שעה'ן פון שרעקליכער אין שוויס געבאדענער מידקייט. דער הונגער מאטערט אונז. מיר געהען פארביי סעדער, אבער ווי א היישעריק האבען די הונדערטער טויזענטער מענשען, וועלכע זיינען הא דורכגעגאנגען פריהער פאר אונז, איז פארלויף פון די לעצטע בלוטיגע טעג, אראפגעריסען פון די בוימער און אויפגעגעסען אפילו ניט־צייטיגע פרוכטען. אפילו קיין וואסער צום טרינקען קאנען מיר ניט געפינען. א פויער, וועלכען מיר באגעגענען און פרעגען זיך אויף וואסער, צושפרייט אומבאהאלפען די הענט און ציהט די פלייצעס אין גרויס פארלעגענהייט; ענדליך ברומט ער בייז ארויס:

— דער שווארצער יאהר ווייסט וואס עס איז דא מיט אלעמען געשעהן! עפעס שלעכטע רוחות האבען איבערגענומען די ממשלה איבער דער וועלט. צום ערשטען מאל אין לעבען זעה איך, אז עס זאל אויספעהלען וואסער אין די ברונימער. ניטא — און כאטש ווער פארטריקענט פון דורשט! איך ווייס ניט, צי האט די טייוו־לאנישע זון אויסגעזשליאקעט דאס וואסער ביז דעם לעצטען טראפען, אדער די מאסען וואנדערער האבען עס אויסגעזופט מיט דער גרעסטער גיריגקייט, אז פאר קיינעם מעהר זאל שוין גארניט בלייבען... אין די טיפסטע ברונימער — קאנסטו קוים אביסעל מוטנע פליוכע אנשעפען!... און אפשר דארף מען גאר דאנקען גאט דערפאר וואס ס'האט פארפעהלט וואסער, ווייל מען זאגט, אז די דייטשע פאראשוטיסטען האבען אלע ברונימער פאר'סמ'ט...

דורשטיגע און הונגעריגע שלעפען מיר זיך וויטער ביז מיר קומען אין א דערפעל וואו עס שטעהט א לאנגע רייהע פון טויזענטער מענשען ביי א ברונים מיט וואסער. צום ברונים איז צוגעבונדען א פארזשאווערטער און צעבוי־געגער בלעכענער עמער. אלעווארטען געדולדיג אויף דער גליקליכער מינוט, ווען די אויסגעטרוקענטע פון הונגער און היץ ליפען וועלען זיך באהעפטען מיט דעם זשאווערדיגען בלעך און זויגען פון איהם דעם טייערסטען פון אלע געטראנקען — וואסער! אונזער „זיבעטעל" געפינט זיך ווייט אין דער רייהע, אבער מיר באשליסען ניט אפצוטרעטען, אויב אפילו ערדפלאנע זאלען אנפליהען און ווארפען אויף אונז באמבעס... מיר ווילען ניט פארלירען אונזער רייהע צום וואסער.

מענשען געהען צום עמער מיט פאמעלאכע טריט, ווי זיי וואלטען אין עקסטאז זיך דערנענטערט צו א הייליגען אלטאר — זיי בויגען דעם עמער צו די ליפען און טרינקען, טרינקען, טרינקען...

„שנעלער! שנעלער!" — שרייען מיט אומגעדולד טייל מענשען פון דער רייהע צו די טרינקער; אנדערע אבער רופען שטיל מיט גרויס רחמנות: „ניט צו שנעל! צום געזונט!" — זיי פיהלען די ערהאבענקייט פון דעם מאמענט, ווען אז ארימער פאר'חלש'טער וואנדערער זאפט אין זיך איין וואסער וואס צוגיסט זיך ווי לעבעדיג בלוט איבער דעם גאנצען אויסגעטרוקענטען ארגאניזם — דאס איז די באשיינפערלאכסטע פארם פון אויפלעבען טרוקענע ביינער, פון תחית המתים.

— גוטמאן וואלט ניט באדארפט טרינקען: זיין טעמפעראטור איז געהעכערט. איז האלז האט ער פארדעכטיגע פינטעלאך — פראבירט אויף אונז ווירקען דער עלטערער סטודענט, א מעדיקער.

מיר פראטעסטירען אלע, גוטמאן מיט אונז:

— מים חיים, וואסער פון לעבען, ווי קאן גאר זיין עפעס געזונטערס און בעסערס?!

אונזער מעדיקער האט אויך אנדערע ספקות:

— אלע טרינקען פון איין עמער, טויזענטער מענשען איינער נאך דעם אנדערען, באצילען, מיקראבען, אנשטעקענדיגע קראנקהייטען, טיפוס, דיזענטעריע...

— אוי, מעדיקער שוטה! — שפאס איך פון איהם גוטמוטיג — די מיסיע פון טויטען האבען היינט איבערגענומען אנדערע משחיתים און זיי מאכען עס בעסער און גיכער פאר דאקטוירים... קראנקהייטען און דאקטוירים האבען איצט אויפגעהערט צו דעצידירען וועגען לעבען און טויט. אט מיר, צום ביישפיל, האט מיין דאקטאר פארבאטען געהן מעהר ווי איין קילאמעטער טעגליך, געגעבען מיר א שטרענגע רשימה פון עסענס, אויב איך וויל ניט באלד באקומען א שווערען אטאק פון מיין בלינדער קישקע... אבער מיין גוף האט, ווי א גוט געטריי פערד אין שעה פון סכנה, אוועקגעווארפען אלע קאפריזען: ער טראגט מיך גלענצענד פאראויס טראץ אלע אויסהעכנונגען פון אייער מעדיצין...

מיר זיינען ניט די איינציגע, וועלכע רעווידירען איצט די באגריפען פון לעבען, היגיענע און געזונט. איך הער ווי צוויי שקצים, וועלכע שטעהען אין רייהע אונטער מיר, פיהרען א געשפרעך וועגען דאס זעלבע; איינער פון זיי זאגט צום צווייטען:

— האב ניט קיין מורא פאר אנשטעקונג; קיינער, וועלכער גלויבט אין גאט, קאן זיך היינט ניט אנשטעקען מיט קיין קראנקהייט... אלעמענס ליפען באריהרען מיט הייליגען צוטרוי דעם עמער, ווי מיר פלעגען אלע איינער נאך דעם צווייטען באריהרען דעם קרייץ פון גלח ביי אונז אין קלויסטער! האב ניט קיין מורא פאר אנשטעקונג...

— אין פלעשער טאָר מען ניט נעהמען! — וואָרענט מען פון דער רייהע אונזער אינזשיניר, וועלכער האָט געוואָלט מיטנעהמען אַ רעזערוו פון וואַסער פאַר אונז אין וועג אריין. — מיר קאָנען איבערוואַרטען בלויז טרינקער!

עס דערגרייכט מיין רייהע צום טרינקען. איך דערנענטער מיינע ליפּען צום עמער און דערזעה פאַר זיך אַ שוואַרצען זשאַווערדיגען שמוציגען ראַנד. וואָס איז אינגאַנצען באַקלעפּט מיט פעדימלאַך פון פרעמד גליטשיג שפּייעכץ... איך קאָן בשום אופן ניט טרינקען, מיינע ציין פּרעסען זיך אינסטינקטיוו צוזאַמען, כדי ניט אַדורכצולאָזען קיין טראָפּען. איך הויב דעם עמער עטוואָס העכער איבערן מויל און באַגיס זיך דעם פּנים און די ליפּען מיט קאַלט וואַסער... אַז איך דער־פיהל אויף זיך דעם דערפרישענדען לעבעדיגען שטראָם פון וואַסער — רייסען זיך מיר ברייט פאַנאַנדער די ליפּען מיט די ציין — און איך הויב אָן גיסען אין זיך וואַסער — איך פאַרגעס וועגען גאַנצען אַרום, וועגען אָרט און צייט — עס פלאַ־קערט אין מיר בלויז איין באַגעהר: טרינקען!.

ענדליך איז מיין דורשט געבראָכען. אַ רוהיגער און צושטראַלטער, פול מיט פרייד און מיד פון דער אויסגעברענטער און געזעטיגטער תאוה צום וואַסער — געה איך פאַמעלאַך אַוועק פון ברונים.

אויב אויף דער וועלט איז פאַראַן גליק — האָב איך דאַן דאָס ערשטע מאָל אין לעבען אַזוי ממשות'דיג עס דערפיהלט; אויב געטראַנק קאָן געבען פרייד און פאַרגעסונג — וועט עס קיין שום בעכער ניט געבען מיט אַ פולערער מאָס, ווי דער פאַרזשאַווערטער עמער וואַסער אין יענעם הייסען זומער־טאָג!

14

מושעס און מונק

מושעס און מונק!

ווען איך שרייב מיינע זכרונות, מיינע טראַגישע מעמואַרען פון אַ ברענענדער וועלט, דערמאָן איך אייך ביידע, טייערע חברים, מיט גרויס ליבשאַפט און מיט אַ טרויעריג שמייכעל אויף מיינע ליפּען. וואו זייט איהר היינט?

וואו געפינסטו זיך, מושעס מיט דיין מעכטיגען טענאָר, מיט דיין גרויסען חלום וועגען וועלט־קאַריערע, וועגען באַצויבערען מאַסען מיט דיין שטימע? די, וועמעס שטימע האָט געוויינט און געוועקט, געמאַכט טרויעריג און געעפענט דעם אין־סוף פון פרייד... וואו ביסטו היינט, גרויס תמימות'דיג קינד מושעס, אידישער שווייק אויף די פאַרשטויבטע פּליטים־וועגען פון דער גרויסער מלחמה?

און וואו זאָל איך דיך היינט זוכען, טייערער מונק? ערגיץ אין סיביר האָט דיך די מלחמה אויסגעשפּיגען... איך האָב געלעזען דיין בריוועל פון דאָרט; שרייבסט, אַז דו דאַרפסט שטאַרק אַביסעל פעטס און אַ וואַרימען מלבוש... מן הסתם האָסטו ביי זיך אַ בלייפעדער און פּאַפּיר — און מער דאַרפסטו ניט, פיינער אידישער עסייאיסט און בן־גדולים, אייניקעל פון גרויסע רבנים און גאונים. אין דיין בלוט האָסטו גאונות און קינדערישע פאַרטראַכטקייט, גרויסע פעהיגקייטען און קינדערישע אומבאַהאָלפענקייט...

אין איין טאָג האָבען מיר אייך ביידע, מושעס און מונק, צוויי פאַרפּלאָנקעטע קינדער אויף די בלוטיגע וועגען, באַגעגענט.

דער ערשטער האָט זיך מיט אונז צוזאַמענגעטראָפען מושעס. געשעהן איז עס אַזוי:

מיר געהען מידע און הונגעריגע ניט ווייט פון שאָסיי און מיר באַוואונדערען „פרעציזע" דייטשע אַרבייט: נעבען אונזער וועג פלעגען אַמאָל ציהען זיך טעלעגראַפישע דראָטען — איצט זיינען די דראָטען אַראָפּגעריסען און פאַרפּלאָנטערט; עס מערקט זיך, אַז יעדער צווייטער טעלעגראַף־סלופּ איז אַרויסגעשליידערט פון דער ערד און אויף זיין אָרט איז געבליבען אַ שפּור פון אַ באָמבע — אַ גרויסער גרוב. אַזוי האָבען די דייטשען איבערגעהאַקט יעדע פאַרבינדונג פון טעלעפאָן און טעלעגראַף איבער'ן לאַנד — אויסגעשניטען די צונג פון דער פּוילישער אַרמיי און פון פאָלק. אַ באַגעגענטע פויערטע דערצעהלט אונז, אַז דאָ זיינע

איינזאַמע פרישע קברים בײַם וועג

מיט צוויי טעג צוריק געפֿלויגן זעהר נידעריג דייטשע עראָפּלאַנען, כמעט געשלאָגען מיט זייערע פֿליגלען איבער קעפּ, געוואָרפֿען באָמבעס אויף די טעלעגראַף־דראָטען און דערשאָסען מיט מאַשינען־געוועהר פֿיל פּליטים. „דאָרט — ווייזט זי אונז אויף אַ דערבייאיג בערגעל און צלמ׳ט זיך פֿרום איבער — האָבען מיר זיי אין אָווענט באַגראָבען, אידען און קריסטען צוזאַמען״...

אַזוי געהענדיג ווייטער פֿאַראומערט און נידערגעשלאָגען, פֿאַרהאַלט זיך אונזער בליק אויף אַ שפּאָרע וואַליזע, וואָס ליגט אויפ׳ן וועג. מיר האָבען זיך שוין צוגעוואוינט צום אָנבליק פֿון האָב און גוטס פֿאַרלאָזטען אויף הפקר און מיר ווענדען דערויף ניט קיין באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט. פּלוצלונג דערזעהען מיר אָבער פֿון דערווייטענס אַ מענש, וועלכער שטעלט אַוועק אויפ׳ן ווייטען גראָז אַ צווייטע וואַליזע — אַ ענהליכע צו די וואָס שטעהט נעבען אונזערע פֿיס — און איילט אַביסעל אונטערלאָמענדיג אין אונזער ריכטונג; צוקומענדיג צו אונז האָט ער גענומען די וואַליזע, וואָס האָט זיך געפֿונען נעבען אונז, און ווידער אָנגעהויבען געהן צוריק... ווייזט אויס, אַז אַזוי מעסט ער — צוליב זיינע צוויי וואַליזעס — דאָפּעלט דורך דעם גאַנצען וועג...

— אַ שעהנע האַנט־אַרבייט צו טראָגען, למשל, פֿון וואַרשע אַהער אַזעלכע צוויי וואַליזקעלאַך! — וויצעלט זיך אונזער אינזשיניר. — ער איז מן הסתם אַרויס פֿון וואַרשע נאָך איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכען, אויב ער געפֿינט זיך שוין היינט אַזש דאָ!

— יונגערמאַן! — רופֿט צו איהם אונזער אינזשיניר האַלב אין וויין, האַלב אין רחמנות — וואָס פֿאַראַ אוצרות טראָגט איהר אין אייערע וואַליזעס? אויב איהר האָט דאָרט עפּעס צו עסען, צעטיילט עס צווישען אונזער „זיבעטעל״, איך וועט ווערען לייכטער און אונז וועט ווערען פֿרעהלאַכער!

דער יונגערמאַן דרעהט זיך אויס צו אונז. ער איז פֿאַרגאָסען מיט ברודיג שוויס, אַז מען זעהט זיינע אויגען ניט אַרויס. ער ווישט זיך אויס דאָס געזיכט מיט די אַרבעל פֿון העמד — און פֿאַר מיר באַווייזט זיך דאָס קינדעריש אומבאַהאָלפֿען פּנים מיט די בלויע שמייכלענדע אויגען פֿון מיין פֿריינד מושעס!

— מושעס, וואָס טוסטו דאָ?

— איך וואַרט אויף אַ טראַמוויי... — ענטפֿערט ער מיט אַ באַוואָסטען וואַרשעווער וויץ, אָבער אין זיין שמייכעל גלאַנצט אַ טרעהר. — איך בין גליקלאַך, וואָס איך האָב אייך באַגעגענט, ווייינגאַרטען. ביז היינט אין דער פֿריה בין איך געפֿאָהרען מיט אַן אויטאָ, אָבער ס׳האָט אונז פֿאַרפֿעהלט בענזין. די איבעריגע פּאַסאַזשירען זיינען אַוועק צופֿוס שנעלער פֿאַר מיר, ווייל איך קאָן ניט גיך געהן צוליב מיינע אָפּגעריבענע פֿיס און צוליב מיינע צוויי שווערע וואַליזעס. געה איך מיר אַזוי איינגאַנצען איינזאַם...

— צו וואָס שלעפּסטו די וואַליזעס, מושעס? וואָס האָסטו אין זיי? — פרעג איך איהם.

— מיינע זאַכען: וועש, שיך, מאַנטלען... מיין מאַמע האָט אַלע אונזערע זאַכען פּאַרפּאַקט אין וואַליזעס, כדי זיי לייכט צו קאָנען ארויסראַטעווען פון אַ שריפה... ווען איך האָב באַשלאָסען צו פאַרלאָזען וואַרשע, האָט מיר מיין מאַמע מיטגעגעבען צוויי וואַליזעס מיט מיינע נויטיגסטע זאַכען.

מיר זעצען זיך אַלע אַפּרוהען אין אַ באַמבע־גרוב ביים שאָסיי. מיינע חברים שליסען פריינדשאַפט מיט מושעס'ן און ער דערצעהלט זיי בקיצור זיין קאַריערע: אַלס דרייצען־יאָהריגער איינגעל חזן־סאַליסט אין נאַזשיקס שוהל אין וואַרשע; שפּעטער קאָנצערטאַנט, גראַדואירטער פון לעהרער־סעמינאַר, באַליבטער משורר פון וואַרשעווער חזנים; צום סוף — זיין ענדיגען אַן איטאַליעניש מוזיקאַלישע הויך־שול אין מילאַנאָ און זיין פּרעכטיגער ענגאַזשמענט אין דער וואַרשעווער אָפּערע ביז... מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ איד.

דער פּראַקטישער אינזשיניר לאָזט געדולדיג מושעס'ן דערצעהלען זיין לע־בענס געשיכטע, אָבער דורך דער צייט פּראָבירט ער אויפהויבען זיינע שווערע וואַליזעס. ביי דער ערשטער געלעגענהייט רייסט ער איהם איבער זיין ערצעהלונג און פרעגט זיך ווידער:

— קיין עסען איז זיכער ניטאָ אין די וואַליזעס?

— ניין זיכער ניטאָ. בלויז אַנטואַכץ און וועש — ענטפערט מושעס טרויעריג.

— אז דו ווילסט מיט אונז געהן, קאַנסטו ניט שלעפּען קיין צוויי שווערע וואַליזעס. אַ כפּרה דיין אַנטואַכץ! מען וועט עס אריינרעכענען אין קאָנטריבוציע פון דייטשלאַנד און היטלער'ס יורשים וועלען דיר אויסצאָהלען אַנטשעדיגונג... קוק אַדורך דייגע וואַליזעס, נעהם אַרויס עטליכע העמדער, האָנטיכער, נאָזטיכלאַך, סקאַרפּעטען און לעג דאָס אַלץ איבער אין איין וואַליזע; אַלע אנדערע זאַכען לאָז דאָ איבער אין פעלד; וועסט קומען עס אָפּנעהמען אין אַ שבת־מברכים נאָך דער מלחמה.

מושעס בויגט טרויעריג אַראָפּ דעם קאָפּ אַלס צייכען, אַז ער איז מסכים; אויך ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסען אויסצוקלויבען בלויז דאָס נויטיגסטע און דאָס איבעריגע איבערלאָזען אויף גאָט'ס באַראַט... איז עס איהם אָבער שווער געווען צו טאָן, ווייל ער פאַרשטעהט, אַז אַלץ וואָס די מאַמע האָט איהם מיטגע־געבען איז זיכער זעהר וויכטיג און נויטיג, אָבער: ניטאָ קיין ברירה!

מיט קלאַפּענדע הערצער עפענען מיר גלייכצייטיג ביידע וואַליזעס; ביי יעדער וואַליזע זיינען זיך מטפּל פיר מאַן. אפשר וועט זיך פאַרט געפינען עפּעס צו עסען, אָדער כאָטש אַ פלעשעל משקה!... אַז אַ מאַמע'ס האַנט פּאַקט איין פאַר איהר בן־יחיד צוויי אַזעלכע גרויסע וואַליזעס — איז אַלץ מעגליך!

מיר הויבען אַן ציהען די איינגעווייד פון די וואַליזעס און רופען אויס אויפ'ן קול:

— גאַרדינען צו די פענסטער! איין פּאָר, צוויי פּאָר, דריי פּאָר, פיר פּאָר גאַרדינען! זיידענע דאַמען־דרעפּאַרמער — זעקס פּאָר! אַז אַלט זיידענע חופּה־קלייד! אַ טכוירענער פוטער און דאַמען־קאַלאַשען! אַז עלעקטריטשער טשייניק! לייַלעכער, ציכלאַך, דאַמען־וועש!

מושעס בלייבט זיצען אַ דערשלאָגענער פון סיורפּריז, אָבער באַלד צעשמייכעלט ער זיך גוטמוטיג:

— איך האָב פאַרביטען די וואַליזעס. אַלץ איז ביי אונז געווען פאַרפּאַקט. האָב איך אָנשטאַט די צוויי פאָר מיר באַשטימטע וואַליזעס, גענומען אַנדערע... די מאַמע האָט ניט באַמערקט... געקלעהרט וועגען מיר, ניט וועגען די וואַליזעס...

ביידע וואַליזעס זיינען געבליבען אין פעלד. איך האָב מושעס'ן געבאָרגט מיינע אַ ריינע העמד, ווייל זיינע איז געווען דורכגעווייקט מיט שוויס, און מיר האָבען זיך פאַרנומען אין ווייטערען וועג אריין. אונזער נייער שותף האָט אונז — אויסער זיין ליבען גוטמוטיגען שמייכעל, זיין זיסען קול און קינדערישער אומבאַהאַלפענקייט — גאַרניט אריינגעבראַכט אין שותפות אריין.

מיט עטליכע שעה שפּעטער האָבען מיר אין אַ האַלב פאַרברענט דאָרף אונטער אַ פּלויט געפונען אונזער חבר מונק. ער איז זיך דאָרט רוהיג געלעגען אין געגעסען ציבעלעס, וואָס ער האָט אַנגעריסען אין אַ דערבייאיג פעלד. נאָך דעם ווי מיר האָבען זיך מיט איהם געגוג אָנגעפרעהט און אייניטטימיג באַשלאָסען איהם אַריינגעהמען אין אונזער גרופּע — האָט ער אונז פאַרטרויט וואו ער האָט געריסען די ציבעלעס. מיר האָבען זיך צושפּרייט איבער'ן פעלד און אָנגעפּולט אונזערע רענצלאַך און מאָגענס מיט דעם האַרבען געוויקס.

אונזערע ביידע „נייע" חברים, מושעס און מונק, האָבען שנעל געשלאָסען פריינדשאַפט און זיינען שטענדיג געגאַנגען איינער האַרט ביים צווייטען אַלס די לעצטע אין אונזער מחנה, ווייל זיי זיינען ביידע געווען אינוואַלידען: געהאַט שמערצליך אָפּגעריבענע פיס.

מושעס איז געוואָרען דער אַכטער און מונק דער נייַנטער אין אונזער גרופּע, אָבער צוליב אָבערגלויבען האָבען מיר אונזער מזל'דיגע נאָמען ניט געענדערט: מיר האָבען ווייטער געהייסען „זיבעטעל".

15

אין אַ פאַרשעהמט דאָרף

וואוהין געהען מיר?

וועגען דעם דיסקוטירען מיר אָפט אין צייט פון אונזער וואַנדערען. די ערשטע געפּלאַנטע ריכטונג, ווען מיר זיינען נאָך אַרויס פון וואַרשע, איז געווען: „קיין לובלין, וואו עס האָט זיך באַזעצט די רעגירונג". ווען מיר האָבען זיך אָבער דערוואוסט, אַז די רעגירונג וואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט (אפשר האָט זי שוין בכלל פאַרלאָזען פּוילען?) און לובלין ווערט שוידערליך באָמבאַרדירט, האָבען מיר באַשלאָסען געהן צום טייך בוג, וואו דאָס פּוילישע מיליטער וועט וואַרשיינליך ווערען איבערגרופּירט און שטעלען אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד דעם שונא.

איך און גוטמאַן האָבען געפּראָבירט ווירקען, אַז מיר זאָלען געהן צו דעם רומענישען גרעניץ, כדי אין פאַל פון ווייטערדיגער פאַרערגערונג זאָלען מיר קאָנען אַריבער קיין רומעניע און פון דאָרט — דורך קאָנסטאַנצע — קיין ארץ ישראל. די איבעריגע חברים האָבען פאַרשריגען דעם פּלאַן אַלס אַ פאַנטאַסטישען און אומאויספיהרבאַרען, וויל מיר וועלען ניט באַוויזען מיט אונזערע שוואַכע כחות דורכצומעסטען אַזוי פיל הונדערטער קילאָמעטערס צופוס. די איינציגע מעגליכקייט איז וואַנדערען ווייטער און אַריבער דעם טייך בוג אין דער ריכטונג פון בריסק. דאָרט וועלען מיר וואָלונטירען אין מיליטער, אויב עס איז נאָך ניט אַלץ פאַרלוירען; אין קעגענפאַל — וועלען מיר זיך באַמיהען אַריבער דעם גרעניץ קיין ליטע; אפשר פון דאָרט וועלען מיר דורך די באַלטישע מדינות דורכשלאָגען פאַר זיך אַ וועג קיין פּאַלעסטינע; און אפשר וועט רוסלאַנד דאָך אויפגעבען איהרע אומפאַרשטענדליכע סימפּאַטיעס פאַר די נאַצים און אויב די רוסען וועלען ניט קומען פּוילען צו הילף, וועלען זיי כאָטש ערלויבען אונז דורכפאָהרען ביז אָדעס... מיר זיינען אָבער געווען זיכער, אַז אויב די נאַצים וועלען אָקופּירען גאַנץ פּוילען, וועלען זיי וואָס גיכער מאַרשירען ווייטער — אויף רוסלאַנד!

זעהענדיג אַרום זיך דעם שרעקליכען חורבן, געהענדיג אין אַ וועג וואו עס האָבען זיך געקנוילט וואָלקענס רויך — איז ארץ ישראל געוואָרען פאַר אונז דער איינציגער לייכט־טורעם; דאָרט וועלען מיר ווידער געפינען דעם פאַרלוירענעם איך, ווידער געפינען אַ ציל און אַ תכלית.

צוויי בונדיסטן, אויסגעשפראכענע שונאי ציון, וועלכע זיינען געווען אין אונזער גרופע, האבן פון אנהויב געשטאמעלט אין פארלעגנהייט ביים באראטן זיך וועגן דעם פלאן. ווען מיר האבן אבער טאקטפול אוועקגעבליקט פון זייער אומבאקוועמער סיטואציע — האט ביי זיי שטארק אנגעהויבן וואקסן דער ענטוזיאזם פאר דעם פארשלאג. איינער פון זיי האט לסוף אנגעהויבן אראפרעדן זיך פון פארקלעמטן הארץ:

— חברים, מיין אידעאל וועגן דאאיגקייט האט באקומען איבער'ן קאפ... איך באמערק, אז אין דער מאסע פון פליטים ווערט וואס אמאל שיטערער פון גויים; מיר געהען איבער חרוב'ע דערפער, אבער די פויערים אנטלויפן ניט, זיי בלייבן אויפ'ן ארט און באלד נאך דער באמבארדירונג הויבן זיי אן בויען פון צווייגן ביידלאך צום וואוינען — זיי וועלן דא ווייטער לעבן. אידן ליידן פון חורבן פולן מעהר ווי פאליאקן, ווייל יעדער — סיי דער איינגעזעסענער גוי, סיי דער אנקומענדער שונא — וועט אין אונז זוכן דעם שולדיגן... אונז וועט מען אנערקענען פאר שולדיג אין אלעמען, ווייל מיר זיינען שוואך; מיר זיינען די שולדיגע, ווייל עמיצן מוז מען שלאגן אלס שולדיגן, אויב מען וויל זיך ניט אליין קלאפן אין הארץ צוליב אייגענע חטאים... אמת, אונז האט מען געהייסן לויפן פון ווארשע, אבער מיר באגעגענען דאך אויף די וועגן פוילישע אידן פון אומעטום — עם וואנדערן כמעט אלע אידישע ישובים; פאליאקן זעהט מען פארהעלטניסמעסיג וויניגער: בלויז פרויען און קינדער פון אפיצירן וועמען די מענער ווילן, זעהט אויס, ארויספיהרן קיין אויסלאנד; עס לויפן אויך יונגע פאטריאטן אדער אנגעזעהענע פיהרער פון פארטייען — אן אמת'ע פאליטישע עמיגראציע, אבער ביי אונז לויפן אלע. מיין אידייע פון „דאאיגקייט" איז געווארן צושמעטערט, אויך פאר מיר בלייבט איצט בלויז אייער אידייע פון „דארטיגקייט"... אויב ניטא מעהר קיין פויליש אידענטום, בלייבן אונז בלויז פולבלוטיגע אידן אין ארץ ישראל און אויך דער גרויסער רעטעניש פון דער קנאפער פאזיטיווער אידישקייט — די אידן אין אמעריקע.

איך ווייס ניט, צי האט שוין אמאל אימיצן אזוי ווייה געטאן א „זיג", ווי מיך האט געשמארצט מיין גיכער נצחון אין דעם דאזיגן שווערן מאמענט.

און עס דאכט זיך אונז אלעמען, אז ווען עס געשעהט א נס און מיר קומען צוריק אין אונזערע הייזער, וואלטן ביי אונז אויף שטענדיג פארשווינדן געווארן די אינערליכע צאנקערייען, פארטיי־רייסענישן און שפראכן־קאמף; מיר וואלטן צוזאמען אנגעהויבן בויען א ניי אידיש לעבן באהויכט מיט ליבע צו אלץ וואס איז אידיש און צו אונזער קולטור פון אלע דורות. דער ביטערער גלות האט אונז פלוצלונג געגעבן אזא אנשויליכע לעקציע וועגן אונזער אומנארמאל לעבן, באדענלאזיגקייט און געפאלענקייט, אז מיר וואלטן דאס געדענקען און דערצעהלען אונזערע אייניקלאך.

אונזער אינזשיניר איז דערווייל פארנומען מיט פראקטישע ענינים. ער קלעטערט ארויף אויף א בערגעל און אבסערווירט פון דארט די ארומיגע געגנט. ענדליך קומט ער צו אונז צוריק א צופרידענער און זאגט גוטמוטיג, ווי זיין שטייגער:

— עס איז טאקי זעהר באקוועם צו ווערען גייסטרייך און אזוי פילאזאפירען, בויען א נייע וועלט־ארדנונג און רעוואלוציאנערע אידייען, אז דער מאגען איז געווארען באפרידיגט מיט א תלתימר ציבעלעס... אבער, צי ווייסט איהר, זקני ציון, אז אויסער ציבעלעס זיינען נאך דא אויף דער ערד אזעלכע קעניגליכע מאכלים, ווי ברויט, פוטער, פלייש — און „לא על הציבעלע לבדו יחיה האדם”, א ציבעלעזירטער מענש באקומט אלץ גרעסערע פארלאנגען. איך זעה פון דערווייטענס אן איינזאם דערפעל. קומט, מיר וועלען דארט פראבירען גליק!

פון שאסיי ביז צום דערפעל איז בערך א דריי קילאמעטער, אבער מיר זיינען דערפון זעהר צופרידען: וואס ווייטער פון שאסיי אלץ ווייניגער וואנדערער און אלץ מעהר האפנונג, אז מיר וועלען געפינען עסען און אן ארט וואו די נאכט איבערצושלאפען, ווייל דער אווענט דארף בקרוב אנקומען.

מיר קומען אריין אין א רייך פויליש דארף און בלייבען שטעהן פארוואונדערט: קיין איין הויז איז ניט אפגעברענט. פאר די הייזער באוועגען זיך רוהיג פויערים, פויערטעס און בלאנדע דארפישע קינדער. קיה פאשען זיך אויף די הויפען און עסען געמיטליך ארוים דעם גראז נעבען די כאטעס (אין פעלד אריין האט מען מורא צו שיקען). עפעס אן אויסטערלישע פון גאט געבענשטע אאזע אין מדבר פון פייער און רויך. אויף די פויערישע הויפען זעהען מיר גרופעס פליטים, ווי זיי שטעהען האלב נאקעטע, שעפען פולע עמערס וואסער און וואשען זיך די צוגליהטע קערפערס. ניט ווייט פון זיי זיצען שיקסעס, שיילען קארטאפעל און ווארפען זיי אריין אין א טאפ וואסער. אונטער א דאך פון א שטאל, כדי דער רויך זאל זיך ניט אזוי דייטליך ארויסבאקומען צום הימעל און זאל ניט דינען אלס צייכען פאר עראפלאנען, פרעגעלט זיך עפעס אויף א ברענענדען אייזערנעם דרייפוס מיט א פרעהליכען געזשום און עס צוגעהט זיך איבער אלע איברים א געשמאקער ריח פון חזיר־שמאלץ... אן אמת'ער גן־עדן!

— זאל מיך אימיצער געבען א קניפ — בעט דער אינזשיניר — איך וויל זיך איבערצייגען, צי דאס אלץ איז וואהר אדער חלום...

מיר שטעהען נעבען א געמויערט הויז איבער וועלכען עס הענגט א זילבערנער פוילישער אדלער און א גרויסער רויטער שילד מיט א ווייסען אויפשריפט: „**פובליק שולע אויף דעם נאמען פון מיקאלאי רעי**”. איך און דער אינזשיניר ווערען דעלעגירט אונטערצוהאנדלען מיט די איינוואוינער פון דעם הויז, ווייל אויסער די פענסטער דורך וועלכע עס קוקען ארויס א שווארצער וואנט־טאוועל און שול־בענק, זעהען מיר אויך פענסטער אויסגעפוצטע מיט בלומען־טעפ און

גאַרדינעז, אַ סימן, אַז עס וואוינט דאָרט דער פאַרוואַלטער פון שולע. מיר ציהען בּיים גלעקעל. די טיר עפענט אונז אַ טיפּישער פּוילישער פאָלקס־לערער מיט גרויסע בּלאָנדע וואָנצעס. איך און דער אינזשיניר ווייזען איהם אונזערע לערער־לעגיטימאַציעס און מיר ערקלעהרען:

— ניין פערזאָן זיינען מיר פון וואַרשע: זעקס לערער און אויף די איבּעריגע דריי איז אויך אַ רחמנות... מיר וועלען מיט דאַנק צאָהלען פאַר אַלעמען... מיר בּעטען עפּעס עסען און לאָזען אונז איבּערנעכטיגען אין די פרייע קלאַסען... פאַרטאָג געהען מיר ווייטער . . .

דער דאָרף־לערער הערט אָנגעשטרענגט אויס אונזערע ווערטער, ער בּאַמיהט זיך צו שמייכלען פריינדליך, אָבּער זיין קול קלינגט פאַרט זעהר ערנסט:

— איהר זייט געקומען צו מיר איז שטוב, זאָלט איהר מיך ניט בּאַליידיגען און ניט דערמאָנען וועגען צאָהלען... איהר ווייסט אפשר שפּעטער פאַרשטעהן פאַר־וואָס איך בּין אַזוי צופרידען, ממש גליקליך, אַז קאָלעגען לערער זיינען צו מיר געקומען... איהר זייט **פאַר מיר** מעהר נויטיג, ווי איך **פאַר אייך**. קומט אריין, אַלע! אַלע!

מיר קומען אריין אין אַ שעהנעם און מיט געשמאַק מעבּלירטען גרויסען צימער. עס שטעהען דאָרט ווייכע פאָטעלען איבּערגעדעקטע מיט ווייסע ציכלאַך, אַ ווייכע קאַנאַפּע, אַז עטאַזשערקע מיט בּיכער, בּיים פענסטער אַ שרייבּ־טיש, אין ווינקעל אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אין מיטען צימער אַ טיש מיט אַ ווייסען טישטוך.

מיר בּלייבּען שטעהן בּיים טיר, ווייל מיר פיהלען זיך אַזוי שמוציג פון וועג, אַז מיר ווילען פּשוט ניט בּאַטרעטען דעם דיל און אָנריהרען דאָס מעבּעל פון צימער, וואו אַלץ גלאַנצט פון זויבּערקייט. אונזער גאַסטפריינדליכער ווירט שטעלט זיך פאַר זיין הויז און פאַרבּעט צו זיך אַלע אונזערע חברים; אויף מושעס'ן און מונק'ן קוקט איהם אויס גאַנץ לאַנג צו וואַרטען, ווייל זיי געהען קוים־קוים; איך גוטמאַן, וועלכער קלאַגט זיך בּאמת אויף גאָרניט, אָבּער זעהט אויס צו זיין זעהר אָפּגעשוואַכט, איז שטאַרק הינטערשטעליג.

אונזער בעל הבית פיהרט אַריין אין זיין שטוב אַלע אונזערע חברים. מיר זאָגען איהם, אַז מיר ווילען זיך אָרומוואַשען. ער האָט אַ באָד־צימער מיט אַ וואַנע און אַ וואַסער־טוש. דאָרט איז אויך דאָ אַ וואַסער־פּלומפּ אויף אָנפילען דעם קע־סעל, וואָס צוגיסט דאָס וואַסער אין דער וואַנע און אין דעם טוש — עס איז איינגעאָרדענט פּרימיטיוו, אָבּער דאָך גענוג בּאַקוועם. אונזער בעל הבית פאַר־זיכערט, אַז ער וואָלט פאַר אונז גערן דאָס וואַסער אָנגעוואַרימט, אָבּער עס איז פאַרבּאָטען צו צינדען בּייטאָג אַ פייער אין די הייזער, כדי דער רויך פון די קוימענס זאָל ניט דינען אַלס צייכען פאַר עראָפּלאַנען — „כאָטש אונז וועלען זיי סיי ווי גאָרניט טאָן"...

מיר זיינען אזוי איבערגענומען פון דעם פרעכטיגן פערספעקטיוו פון באדן זיך, אז מיר לעגן ניט קיין באזונדערן אכט אויף די אומפארשטענדליכע לעצטע ווערטער פון אונזער בעל הבית... מיר באלאגערן דעם באד־צימער, פלומפן וואסער און העלפן איינער דעם צווייטן וואשן זיך. מיר פרישן זיך אלע אויף, ענדערן די וועש, פוצן אפילו אויס אונזערע פארשטויבטע שיך, קעמען די האר און קומען דאן אריין אויסגעצוואגענע און אויסגערייניגטע צוריק אין לערער׳ס צימער. מיר געהען כמעט אלע בארוויס, כדי אפצורוהען אונזערע אויס־געמאטערטע פיס.

דער טיש איז געדעקט. דאס האט אונזער בעל הבית צוזאמען מיט זיין דינסט, אן אלטע פריינדליכע דארפס גויה, אלץ פאר אונז צוגעגרייט, ווען מיר האבן זיך געוואשן, געקעמט און געפוצט. אויפ׳ן טיש ליגן עטליכע גרויסע לאבענס שווארץ ברויט, אויף טעלערלאך ליגן גרויסע שטיקער פוטער און קעז, אין קרוגן שטעהט מילך.

מיר ווארפן זיך אויף דעם עסן מיט א וואונדערבארן אפעטיט און קוקן זיך אפילו ניט ארום אויף אונזער בעל הבית, וועלכער שטעהט אין א ווינקעל און אבסערווירט אונז. דער אינזשיניר עסט מיט א געוואלדיגע התמדה, אבער ער הערט דערביי ניט אויף צו קרעכצן פארצווייפעלט:

— אז איך האב זיך אזוי פיל אנגעגעסן מיט די ציבעלעס... איך וואלט דאך דריי מאל אזוי פיל אויפגעגעסן, ווען ניט דער אומגליק מיט מונק׳ס ציבעלעס!

מיר לאכן פרעהליך און רייסן ניט איבער אפילו אויף איין מינוט דאס עסן... עס איז אן אויסערגעוועהנליכער תענוג: ניט בלויז דאס עסן אליין, נאר אויך דאס שניידן גרויסע פעניצעס פון פרישן שווארצן ברויט, דאס שמירן מיט פוטער, דאס הערן דעם קלאנג פון די ציין, ווען זיי קייען... אונז איז אזוי גוט אויפ׳ן הארצן... ווי נאריש זיינען מיר געווען אמאל, ווען מיר האבן גארניט אפגעשאצט די וויכטיגקייט פון עסן, די ברכה פון זאטקייט... דירות, קליידער, ביכער, טעאטער — דאס אלץ האט אויסגעטראכט דער אנגעגעסענער; מיר האר־פען בלויז... עסן.

אין א געוויסן מאמענט, אומבאמערקט פאר אונז, עפענט אונזער בעל הבית דעם ראדיא און מיר דערהערן פלוצלונג א הייזעריג קול, וועלכער רעדט פון אנ־הויב שוואך, אבער ווערט וואס אמאל שטארקער ביז ער הויבט אן דונערן. מיר דערקענען — עס רעדט סטאזשינסקי, דער בירגערמייסטער פון ווארשע:

בירגער פון ווארשע!

אייער בירגערמייסטער האט נעכטן דורכ׳ן ראדיא זיך באקלאגט פאר אייך, אז אלע אפטייקן זיינען געשלאסן און ער קאן ניט באקומען קיין היילמיטעל צו זיין הייזעריגקייט — האב איך באלד באקומען צוגע־שיקט פיל־פיל היילמיטלען צו מיין האלז. אייער הארציגקייט און איבער־

געבענקייט צו מיר האבען מיך זעהר געריהרט און ס'איז פאר מיר א גרויסע סאטיספאקציע אין די דאזיגע שווערע טעג. איך בעט אייך: זאל ווארשע האלטען אפען די געשעפטען און פיהרען א נארמאל לעבען.

איך זאג אייך צו, בירגער, אז מיר וועלען ווארשע ניט אפגעבען דעם שונא! יעדער שוועל וועט פאר אונז זיין א פעסטונג—אזוי העלף אונז גאט!

בירגער! דורך א פאטאלען טעות האבען מיר ארויסגעשיקט פון ווארשע אונזער בעסטע יוגענט, וועלכע איז אונז דא נויטיג. דאס איז געווען אונזער גרעסטער פעהלער! אבער דערפאר מוזען די טאטעס אויס־פילען די ערטער פון זייערע זיהן, וועלכע בלאנקען זיך ערגעץ אויף די בלוטיגע וועגען. זארגט ניט פאר זיי: די פון זיי, וועלכע זיינען געפאלען — וועלען ווייטער חלומ'ען אונזער גרויסען חלום פון דער רוהמרייכער באַ־פליגעלטער פוילישער גבורה, דעם חלום וועט איהר פארווירקליכען ביים פארטיידיגען אונזער ווארשע! די פון זיי, וועלכע זיינען געבליבען לעבען, וועלען אין יעדער פוילישער כאטע געפינען א גאלדען הארץ און שווארץ פויעריש ברויט; זיי ווארטען אויף אונזער נצחון, כדי צוריקקומען אהיים און צוזאמען מיט אונז טרייבען דעם בלוט־שונא!

אונזערע פארוואגעלטע קינדער פון ווארשע — צי זיי געפינען זיך איצט אין מיליטער אונטער דעם האגעל פון קוילען און באמבעס, צי זיי וואנדערען איבער די בלוטיגע שאסייען, צי זיי געפינען זיך אין געפאנגענשאפט און ווערען געקאטעוועט דורך דייטשען — זיי אלעמען שיקט אונזער העלדישע ווארשע איהר פלאמיגסטען גרוס!

אונזערע אייסדריקען פון ליבע און סאלידאריטעט שיקען מיר צו אונזערע חברים פוילישע זעלנער, וועלכע קעמפען שוין דעם צעהנטען טאג אויף א קליינטשיק שטיקעל פוילישער טעריטאריע ביים ברעג פון פוילישען ים — אין וועסטערפלאטע! מיר וויסען, חברים מארטירער, אז איהר זייט ארומגערינגעלט — אויך מיר אין ווארשע זיינען ארומגערינגעלט! אבער מיר אלע זיינען ניט איינזאם מיט אונזער צער און צארן! אויב וועסטערפלאטע און ווארשע וועלען זיין א נצחון—וועט עס זיין הער פרעכ־טיגסטער זיג אין דער וועלט־געשיכטע! אויב עס וועט אונז אויסקומען פאלען — וועלען אונזערע קברים באוואַרפען ווערען דורך דער גאנצער וועלט מיט בלומען, אלס סימבאל פון קעמפער פאר פרייהייט און גערעכ־טיגקייט! הארד מיך גאנץ פוילען — סיי די וואס שמאכט אונטער'ן דייטשען שטיוועל, סיי די וואס איז פריי: זאלען לעבען ווארשע און וועסטערפלאטע!

אז ארקעסטער שפילט דעם פוילישען הימן: „נאך איז פוילען ניט פארלוירען, כל זמן מיר לעבען!"... מיר אלע האבען שוין פון לאנג פארגעסען וועגען אונזער

עסן, האבן פארזאמעלט זיך ארום ראדיא־אפאראט און אויסגעהערט די רעדע שטעהענדיג אין טיפסטן עהרפורכט פאר אונזער העלדישער ווארשע, פון וואנען מיר האבן אזוי פלוצלונג באקומען א לעבעדיגען גרוס.

* * *

אין גאס איז שוין נאכט. די פענסטער ביים לערער זיינען פארהאנגען מיט שווארץ געוואנט, כדי עס זאל קיין ליכט ניט ארויס אין גאס אריין. מיט דער הילף פון איינינע אונזערע חברים ווערן איבערגעשטעלט די שול־בענק אין צוויי קלאסן, פון שייער ווערט אריינגעבראכט פריש היי וואס פאר'שיכור'ט מיט די פיינסטע ריחות פון גאט געבענשטע פעלדער. מיר קוקן אויף אונזערע געלעגערס מיט פרייד. אוי, ווי גוט ס'איז צו שלאפן, אלץ דורכשלאפן...

די געלעגערס זיינען שוין גרייט, אבער מיר זאמלען זיך אלע ווידער צוזאמען ביים לערער אין צימער — מיר ווילן אויסרויכערן די לעצטע סיגארעטן, ווינשען אונזער הארציגען בעל הבית „א גוטע נאכט" און איהם אפדאנקען, ווייל מארגען פארטאג וועלען מיר זיך לאזן אין ווייטערן וועג אריין. צוליב די אפטע אטאקעס פון עראפלאנען און אויך צוליב די שטארקע היצן האבן מיר באשלאסען אנווענדען פון מארגען א נייע סטראטעגיע: געהן אין וועג פארטאג פון פינף ביז נייז אזייגער פריה, און אין אוונט פון פינף ביז צוועלף ביינאכט. אין די איבעריגע שעה'ן בייטאג, וואס זיינען לויט אונזער ערפאהרונג די געפערליכסטע, און אויך אין די שפעטע צייט פון נאכט — וועלען מיר שלאפן ווי און וואו עס וועט זיך לאזן... דער אינזשיניר האנדעלט אונטער ערפאלגרייך מיט דעם לערער'ס דינסט וועגען איינקויפען פאר אונז א גרעסערען רעזערוו עסען. מיר זיינען אלע זעהר צופרידען מיט דעם עמפאנג און באציהונג פון פוילישען דארפסלערער און באמיהען זיך עס איהם ווי ווייט מעגליך ארויסצואווייזען. מיר פארשרייבן זיך זיין אדרעס און זאגען איהם צו איינצוארדענען אין דער צוקונפט מיט אונזערע ווארשעווער שול־קינדער אן אויספלוג צו זיין שולע. אין דער צייט פון אונזער לעצטען געשפרעך, זאג איך צווישען אנדערעס:

— ביי אייך זעהען מיר דאס ערשטע דארף, וואס איז פולשטענדיג אומבאריהרט דורך באמבעס...

איך וויל נאך עפעס זאגען, אבער דער בעל הבית רייסט מיר נערוועז איבער:

— איהר געדענקט אפשר, אז באלד ביי אייער אנקומען האב איך אייך געזאגט, אז איהר זייט פאר מיר נויטיגער, ווי איך פאר אייך: איהר וואלט אויך אהן מיר באקומען ערגעץ אפצועסען און איבערצושלאפן, אבער איך האב געווארט אויף אזעלכע, ווי איהר, כדי אייך צו מאכען לעבעדיגע עדות פון אונזער אומפארדינטער חרפה: איהר האט זיכער באמערקט, אז מיין שולע טראגט דעם נאמען פון מיקאלאי רעי, דעם ערשטען בארימטען פוילישען שרייבער־וואנגע־

ליק; איז אונזער דאָרף וואוינען כמעט בלויז פּאָליאַקען־עוואַנגעליקער. איצט געשעהט אונז די גרעסטע חרפּה: אויף אונזער דאָרף ווערען ניט געוואָרפען קיין באָמבעס! היטלער אַנערקענט אונז פאַר דייטשען, און באָמבאַרדירט אונז ניט. און אפשר פאַרקערט: אפשר וויל ער אונז אַזוי אַרום באַשטראָפען פאַר אונזער איבעריכטיגער פּוילישקייט און וויל אונז מאַכען צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגען פון גאַנץ פּוילען... אין די אַרומיגע קאַטוילישע דערפער האָט מען אָנגעהויבען קוקען אויף אונז מיט פאַראַכטונג און אומצוטרוי; קיינער פון זיי קומט ניט צו אונז אויסבאַהאַלטען זיך און געניסען פון היטלער'ס חסד... עס איז גראָד מעגליך, אַז איך וועל פאָרט אויסבעטען ביי גאָט אַ באָמבע פאַר זיך און פאַר מיין הויז, ווי אַ רעהאַביליטאַציע פון מיין כבוד און גוטען נאָמען, און דוקא איהר, וואַנדערער אונטער עראָפּלאַנען און באָמבעס, וועט אויפהיטען אייער לעבען ביז בעסערע צייטען.. אַלזאָ, איז מיין ביטע צו אייך, אַז איהר זאָלט געדענקען מיינע ווערטער: היטלער'ס „טובה" מאַכט אונז פלאַמען פון חרפה און כעס... מיר זיינען ניט קיין דייטשען — מיר זיינען פּאָליאַקען און מענשען!

און איך דערמאָן זיך פּלוצלונג, אַז איך האָב מיט איניגע טעג צוריק שוין געהערט עהנליכע רייד... יאָ, אַלץ וואָס די ערד פאַרמאָגט גוטעס און מענשליכעס מוז אָפּטרייסלען זיך פון נאָמען ד י י ט ש — אפילו שטאָם־דייטשען...

* * *

לאַנג האָב איך אין יענער נאַכט ניט געקאָנט איינשלאָפען און עס האָבען זיך מיר געפּלאָנטערט פאַרשידענע רעיונות: גוטמאַנען האָט אונזער בעל הבית געמאָסטען די טעמפּעראַטור און ער האָט הויכע היץ; אויך אונזער בעל הבעת האָט זיבער היץ, ווייל ער האָט עפּעס אַזוי מאָדנע אומנאָרמאַל גערעדט וועגען „פאַרשעהמטקייט" און געבעטען אויף זיך באָמבעס; אויך איך מוז האָבען היץ, איך פיהל פלאַמען אין קאָפּ און אַ צעטרייסלונג פון מיינע געדאַנקען; אַלע מיינע חברים האָבען וואַרשיינליך היץ און דערפאַר האָבען זיי פאַרלוירען דעם גלייכגעוויכט ביים דענקען, ביים רעדען, ביים טרינקען, ביים עסען; די גאַנצע וועלט פיבערט און טרייסעלט זיך אין היץ, ליידט פון שרעקליכע האַלוצינאַציעס, איז אַראָפּ פון זינען... ווי קען דען זיין אַנדערש, אַז עס דונערט ביי קלאָרע הימלען, אַז שטאָלענע פייגעל פליהען און פאַרשפּרייטען מאָרד, אַז שטעט און דערפער ברענען אין די נעכט ווי פאַקעלען, אַז דער טויט לויערט פון יעדען ווינקעל?...

איך הויב זיך אויף פון מיין געלעגער, שטעל זיך ביים אָפענעם פענסטער און בויג אָוועק די שווערע שוואַרצע מלחמה־גאַרדינען. איך פיבער אויף פון נאַכטיגער קעלט, אָבער גלייכצייטיג שלאָגט אין מיינע אויגען די הייסע רויטקייט פון אַ ווייטער גרויסער שריפה...

16

אַ טאָג פון בהלה

מיר קומען פאַרטאָג אַרויס אויפ'ן שאָסיי און ווערן אויפגעשווידערט צוליב דעם אויסטערלישן געלויף פון הונדערטער מענטשן: מען האָט אויפגעהערט גיין, ווי ביז איצט — מען לויפט... אין אַלעמענס אויגן וואוינט שרעק, אויף אַלעמענס ליפּן צאַפּלען פאַרצווייפעלטע בשורות:

— די דייטשן קומען אָן! זיי דרינגען אַריין פון אַלע זייטן!

מיר מישן זיך צונויף מיט דער גאַנצער צושראָקענער מאַסע און לויפן אויך אין אַ גרויסער בהלה. עס דערמאָנט זיך מיר אַ פילם־בילד פון דער דזשאַנגעל, ווען אַלע חיות — הירשן, האָזן, פּאַנטערס, אַנטילאָפּעס, שטרויסן און פּיל־פּיל אַנדערע — לויפן אין אַ שרעקליך צעמישעניש, ווייל פון ערגעץ דערנענטערט זיך אַ סטאַדע העלפאַנטן וואָס צעטרעט און מאַכט וויסט אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין וועג... אין אונז אַלעמען האָט דערוואַכט אַן אוראַלטע פּרימיטיווע חיה'שע שרעק, וואָס איז אויסגעטאָן פון חרפּה אָדער לאָגיק — עס ווירקט בלויז דער אינסטינקט.

אין צייט פון אונזער לויפן דערוויסן מיר זיך, אַז אין אַ נאָהענט שטעטל האָבן זיך פּלוצלונג באַוויזן דייטשן. צווישן אונזערע מיטלויפער געפינען זיך אַזעלכע, וואָס האָבן שוין זיי געזען מיט אייגענע אויגן. זיי דערציילן מורא'דיקע זאַכן: אַ סך פּליטים זיינען גלייך געוואָרן דערשאָסן, אַנדערע האָבן זיי דערווייל גענומען געפאַנגען — זיי שרעקליך צעשלאָגן, מורא'דיק געמאַטערט.

פון וואַנען נעמען זיך דאָ פּלוצלונג דייטשן?

— פון אַלע זייטן קומען זיי. „קלײנע" קלאַפּן זיי אַריין צווישן פּוילישע שטעט און דערפער... אומעטום זיינען זיי דאָ! גאַנצע מחנות דייטשע פּאַראַשוטיסטן מיט מאַשינען־געווער פאַלן אַראָפּ פון הימל. מען זאָגט, אַז די דייטשן לאָזן זאָגאַר אַרונטער פון עראָפּלאַנען טענקס און האַרמאַטן.

— וואוהין לויפט איהר, מענטשן?

— אין דער ריכטונג צו בריסק? די דייטשן זיינען שוין דאָרט דאָ!

— איהר ווילט לויפן קיין מאָלאָדעטשנע? די דייטשן זיינען דאָרט נאָך נעכטן אָנגעקומען.



אין נאצישע קלעם

— אין ביאַליסטאָק — די דייטשעו!

— אין ווילנע — די דייטשעו!

— מענטשען, זייט ביים קלאָרען זינען! פאַרשפּרייט ניט קיין פּאַניק! ווי אַזוי קומען דאָרט די דייטשען?

— זיי זיינען דאָרט דאָ — און אויס מיט לאָגיק! ווער זוכט היינט ערטער אויף אַ לאַנד־קאָרטע און פאַרבירט פאַרשטעהן סטראַטעגיע? אַלע געזעצען פון שכל־הישר האָבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

— וואוהין ווייטער לויפען?

— וואו די אויגען וועלען טראָגען! ביז... מען וועט סוף־כל־סוף אריינפאַלען אין זייערע הענט. פון זיי איז ניטאָ קיין רעטונג!

ווי וואַהנזיניגע לויפען מענשען אין פאַרשידענע ריכטונגען. די וועלט איז געוואָרען שמאָל און ענג, ווי אַ פאַרמאַכטע שטייג; עס פעהלט לופט צום אָטעמען און אָרט צום באַוועגען זיך; די ערד ברענט אונטער די פיס, די הימלען פייערען איבער די קעפּ; פאַראויס צי אונטער דיר, אין מזרח צי אין מערב — אומעטום לויערט דער פיינד, דער טויט...

צווישען די מחנות לויפענדע פּליטים באַוועגען זיך — לויפען גלייך מיט אונז — רעשטלאַך פון פּויליש מיליטער: אָפּגעריסענע, פאַרמאַטערטע, אויסגעהונגערטע: ניטאָ מעהר קיין דיסציפּלין, קיין אָרגאַניזירטע גרופּען. „ראַטעווע זיך, ווער עס קאַן" — דאָס איז זייער לאָזונג. זיי לויפען צופוס הינקענדיגע; זיי רייטען אויף אויסגעהונגערטע פאַרמאַטערטע פערד, וועלכע זיי וועלען מן הסתם היינט־מאָרגען שעכטען און אויפעסען; זיי פאָהרען אויף וועליסאַפּעדען; אויף אויטאָס, וואָס שטילען דעם דורשט מיט די לעצטע טראָפּענס בענזין; אויף וועגענדלאַך פון געוועזענע האַרמאַטען אָדער פעלד־קיכען, וואָס האָבען ערגעץ אויפ'ן וועג פאַרלוירען זייער מיליטערישען אויסזעהן.

— גיט אַ שטיקעל ברויט! — בעט אַ זעלנער — איך וועל אייך אָוועקגעבען מיינע שטיוועל.

— קויפט ביי מיר דעם וועלאָסיפּעד — בעט אַן אַנדער זעלנער, וועלכער האָט שוין מיט אַ טאָג פריהער פאַרקויפט זיינע שטיוועל.

די מערהייט זעלנער זיינען געקליידעט האַלב ציוויל: אַ טייל פון זיי האָט ניט באַקומען קיין פולע מיליטערישע אַנטואַכיז, אַנדערע האָבען זיך איינגעשאַפּט אין וועג ציווילע קליידער און זיי גרייטען זיך אויפצוגעבען זייער מיליטערישע קאַריערע און ווערען „נאָרמאַלע פּליטים" — אפשר וועט זיי דאָס אָפּראַטעווען פון געפאַנגענשאַפט... אין פיל ערטער ליגט צעשפּרייט אָוועקגעוואָרפען געוועהר מיט וועלכע עס וואָלט געניגט צו באַוואָפענען היבשע מחנות. מיר באַמערקען, ווי פּויערים באַגראָבען אין דר'ערד ביקסען און קוילען — אַז אַלטע שוואַכקייט אַזעלכע ביי די פּוילישע פּויערים. דאָס געוועהר וועט ליגען אין די פּויערישע

קברים, אזוי ווי אין דער צייט פון יענער מלחמה, ווען פלוצלונג איז יאָהר 1918 איז דער כלי־זין אויפגעשטאַנען תחית המתים און געטריבען די דייטשע אָקו־פאַנטען . . .

מיר באַגעגענען אין אונזער וועג פיל מענשען באַנדאַזשירטע, מיט געשפאָל־טענע קעפ, מאַסאַקרירטע געזיכטער — אַ צייכען פון אַ פלוצלונגער באַגעגעניש מיט דייטשען, פון וועמענס הענט עס האָט זיי לסוף געגליקט זיך אַרויסצורייסען.

פון דעם טאָג באַגעגענען מיר וואָס אַמאָל עפטער משוגעים — ניט איין צו־פעליגען משוגענעם, נאָר פיל־פיל נאָך אומגליקליכערע פון אונז, וועלכע האָבען זייער לעצט ביסעל שכל פאַרלוירען. אויך מיר געפינען זיך וואַרשיינליך אויפ'ן גרעניץ פון שגעון און עס ווערט אונז שווער אונטערצושיידען, ווער עס איז נאָך ביים קלאָרען זינען.

אַט לויפט אַ איד איבער'ן שאָסיי מיט אַ שרעקליך געשריי: „רבקה'לע! רבקה'לע!" — דאָס האָט ער זיין טאָכטער אָדער זיין פרוי פאַרלוירען אין וועג. פלוצלונג הערט ער אויף צו שרייען, פאַרגלאָצט די אויגען צום הימעל, לעגט חזנ'יש אַ האַנט צום אויער און הויבט אָן זינגען משנה'דיגע לידער — רויע הייזעריגע קלאַנגען אָהן אַ זין, ווילדע ווערטער אָהן אַ פאַרבינדונג, אַ געמיש פון לשונות.

אַט דערנעהענטערט זיך צו מיר אַ יונגערמאַן, זעהט אויס צו זיין אַן אינטע־ליגענטער רוהיגער מענש, און רוימט מיר איין אַ סוד: „אַז זיי וועלען אַנלויפען — זאָלט איהר זיך ניט באַהאַלטען — איך האָב אויסגעפונען אַ זיכערען סיסטעם: מען שטעהט גלייך און מען שפרייט אויס ביידע הענט, מען ווערט אַ סטראַשידלע, שרעקען זיך די פייגעלאַך... מיין פרוי האָט ניט געוואוסט דערפון, איז זי גע־פאַלען — אַ צווייט מאָל וועט זי שוין וויסען" . . .

מיר סאַפּען שווער פון מידקייט און לויפען ווייטער. מיר ווילען אַנטלויפען פון שונא, וועמענס שווערע טריט עס הילכען אָהן אויפהער אין אונזערע אויערען; עס דאַכט זיך אונז, אַז מיר פיהלען אויף זיך זיין הייסען הויך... איצט לאָמען מיר שוין אַלע, ווייל אונזערע פיס זיינען מורא'דיג צעשוויטאַגט און באַדעקט מיט פענכערס. אויפ'ן וועג שטעהען פאַרלאָזט אויטאָס, טאַנקען, האַרמאַטען. מיר שלאָגען אויס די שויבען פון אַן אויטאָ (צו וואָס האָט דער אייגענטימער, דער שוטה, זיין מאַשין פאַרשלאָסען, צי מיינט ער נאָך קומען און עס צוריקנעמען?); מיר ציהען אַראָפּ דעם ווייסען צודעק פון די ווייכע קישענס; מיר ווילען דערמיט באַנ־דאַזשירען אונזערע פיס; קיין גאַנצע זאָקען האָבען מיר שוין ניט.

מיר זענען ניט די איינציגע, וועלכע געניסען פון הפקר. פויערים פון די אַרו־מיגע דערפער פלינדערען אַלץ, וואָס נאָר מעגליך; זיי שניידען אַרויס דעם ווייכען געוואַנד פון די אויטאָס, שרויפען אַרויס שרייפלאַך און לאָמפּען אָדער זיי שלעפּען גאַנצע אויטאָמאָבילען צו זייערע האַלב־פאַרבראַנטע כאַטעס.

פלוצלונג דערזעה איך א גרופע יונגעלייט און צווישען זיי א פרוי. איך קוק זיך איין: „העניע!״ מיין פרוי׳ס א קרובה. מיר דערפרעהען זיך ביידע, ווייל יעדער פון אונז האט צו באקומען פון צווייטען ידיעות וועגן אונזערע נאהענטסטע.

ווען ביסטו ארוים פון ווארשע, העניע? האסט אפשר געזעהן אנקען (מיין פרוי), די קינדער? — פרעג איך אומגעדולדיג.

— איך בין ארוים פון ווארשע דעם זעקסטען סעפטעמבער. און דו?

— דעם זיבעטען.

— האסט אפשר געזעהן מיין מאן אין וועג? — פרעגט זי מיט גרויס אומרוה.

און דאן דערמאן איך זיך דאס, וואס איך האב ניט געטארט פארגעסען אדער ניט באמערקען: העניע איז אליין — אהן איהר מאן.

זי הויבט מיר אן צו דערצעהלען מיט א פארכאפטען אטעם:

— מיר זיינען געגאנגען צוזאמען: איך, מיין מאן און נאך איינינע פריינד, אט די, וועלכע ווארטען אויף מיר אזוי אומגעדולדיג פון דערווייטענס. אין מיטען נאכט, ווען מיר זיינען געווען שרעקליך מיד און פארשלאפען, האבען מיר באגעגענט אויפ׳ן וועג א פויערישען וואגען, וואס האט אונז אלעמען ארויפגענומען. עס איז אונז האסטיג באפאלען א שטארקער שלאף. פארטאג, ווען דער פויער האט אינז קוים דערוועקט און געהייסען אויסשטייגען, האב איך דערזעהן, אז מיין מאן איז ניטא... איך וויים ניט, וואס מיט איהם איז געווארען; אפשר איז ער אין שלאף ארויסגעפאלען פון וואגען, ווייל מיר זיינען אלע געזעסען זעהר ענג און זיך געהאלטען ביים ברעג קוים, קוים... געשעהן איז עס ניט ווייט פון דאנען. שוין עטליכע שעה, ווי מיר זוכען איהם ארום, אבער מיר קאנען איהם ניט געפינען. מיינע חברים ווילען ניט ווארטען לענגער, איך מוז אליין געהן ווייטער. וואס וועל איך דא טאן אליין?... אויב דו וועסט איהם באגעגנען, זאלסטו איהם זאגען — און אין איהרע אויגען פינקלען טרעהרען — אז אויב ער איז אוועק מיט זיין אייגענעם ווילען, ווייל ער איז געווארען פלוצלונג אייפערזיכטיג אויף זיינעם א פריינד, בעט איך איהם ער זאל צוריקקומען; זאג איהם, אז איך ווארט אויף איהם, נאר אויף איהם; איך וועל ווארטען אין שטעטעלע שווענציאני (נעבען דער ליטווישער גרעניץ), ביי מיין ברודער. זאג איהם, אז ער זאל צו מיר וואס שנעלער קומען... איך וויים ניט צי איז ער באמת אוועק פון מיר צוליב אייפערזוכט, אבער מיר דאכט זיך אויס, אז פרויען פיהלען טיפער דעם אומגליק פון דער וועלט, דאגעגען וועלען מענער, אויב אפילו די גאנצע ערד זאל חרוב ווערען, בלייבען שטענדיג די זעלבע אין באצוג צו פרויען: אגרעסיוו, אייפערזיכטיג.

איך זאג איהר צו, אז איך וועל מעלדען אלע מיינע באקאנטע, וועלכע איך וועל אין וועג באגעגנען, וועגען איהר פארלוירענעם מאן און וועגען דעם ארט

וואו זיי וועלן זיך קאָנען אויפזוכען. זי באַהעפט מיט אַ שפּילקע צו אַ טעלעגראַף־סליפּ און צו איינציגע בוימער די פאָלגענדע מעלדונג:

„הענריק, איך וועל זיך באַמיהען געהן קיין קאָוועל, פון דאָרט קיין שווענציאַני. זוך מיך אויף'ן וועג און קום צו מיר וואָס שנעלער. הענייע".

אַלע טעלעגראַף־סליפּען זיינען באַהאָנגען מיט ענליכע מעלדונגען: פּרויען זוכען זייערע מענער, קינדער זייערע עלטערען, עס זוכען זיך ברידער און שוועסטער, פריינד און באַקאַנטע — מענשען, וועלכע האָבען זיך פאַרלוירען אויף פאַרשידענע וועגען, דורך די מערקווירדיגסטע צופאַלען: טייל האָבען זיך פאַרלוירען אויף אייביג, טייל וועלען זיך אפשר אמאָל אין יאָהרען אַרום ווידער צוזאַמענטרעפען. פון יעדער מעלדונג וויינט אַרויס אַ מענשליכע טראַגעדיע פון פאַר־יתומ'טקייט און אומגליק.

די בהלה און דער געלויף ווערען אויף אַ מינוט ניט קלענער, אָבער אונזער „זיבעטעל" שלעפּט זיך קוים. מונק זיפצט אַהן אויפהער:

— חברים, צו וואָס אַנטלויפען פון שוין געחתמ'עטען גורל? וואָס איז דער אונטערשייד וואו דער נאַצי וועט אונז כאַפּען, מיט איינציגע קילאָמעטער ווייטער אָדער נעהענטער? לאָמיר זיך אַוועקלייגען אויף'ן גראָז און וואַרטען...

מושעס איז מסכים: אויך ער האָט ניט קיין כוח צו וואַנדערען ווייטער.

פּלוצלונג דערהערט זיך אַ געראַויש פון עראָפּלאַנען. אַלע צעשפּרייטען זיך איבער די פעלדער, וואַרפען זיך אויף'ן גראָז און וואַרטען מיט קלאַפּענדע הערצער, אַז די קויל זאָל פאַלען גלייך אין האַרץ, אַז די באָמבע זאָל אונז פולשטענדיג צו־שמעטערען, אַז עס זאָל שוין זיין אַ סוף צו די צרות. די איינציגע תפילה איז: נאָר ניט פאַרוואונדעט ווערען, נאָר ניט לאַנג מאַטערען זיך...

אַלע ליגען ווי צוגעוואַקסען צו דער ערד און קוקען מיט פאַרשטאַרטע אויגען צום שאָסיי, וויל דאָרט שטעהט עמיצער אומבאַוועגליך מיט צעשפּרייטע הענט.

— לייג זיך! לייג זיך! — שרייט מען צו דעם מענשען פון אַלע זייטען, אָבער ער ריהרט זיך ניט פון אָרט.

עס הערט זיך אַ צוגעאיילט פּויקען פון מאַשינען־געווער, קוילען האַגלען אויף'ן שאָסיי, אָבער דער מענש שטעהט ווייטער מיט ברייט צעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט געפּרעגט די הימלען אַ באַשייד: פאַרוואָס ווערט אַ וועלט געפּייניגט?

די עראָפּלאַנען קרייזען אַרום שאָסיי, שיסען אויף אונז פון מאַשינען־געווער, און פליהען אַוועק. זייערע באָמבעס טראָגען זיי איצט צו ווויכטיגערע צילען, ווי עס איז פאַר זיי די מאַסע פון געוועזענע מענשען. מיר הויבען זיך אויף פון אונזערע ערטער און לאָזען זיך אין ווייטען וועג אַריין. פון שאָסיי הילכט אַ הויך געלעכטער פול מיט פרייד פון שגעון:

— מענשען, איך האָב אַ סיסטעם! צעשפּרייט אַלע אייערע הענט צו די הימ־לען, מען וועט זיך פאַר אייך דערשרעקען!...

געהענדיג ווייטער מיט'ן שאַסיי זעה איך ווי אַ יונגע פרוי פיהרט אַ קינדער־וועגעלע און וויגט איין אַ קינד מיט אַ רוהיגע מונטערע מאַמע־שטימע:

פאַרמאַך קינדעלע די אויגען, שלאָף,
וועסט אַם ירצה שם ווערען אַ רב!

מיר דערנעענטערען זיך און איך ווער אויפגעשווידערט: דאָס וועגעלע איז ליידיג.

עמיץ דערצעהלט מיר: מיט צוויי טעג צוריק זיינען דריי פערזאָן אַרוים פון אַ קליין שטעטעלע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין — אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ קינד אין אַ וועגעלע. בשעת אַ לופט־אַטאַקע האָט דער פּאַטער אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד פון וועגעלע און איז דערמיט אַנטלאָפען זיך באַהאַלטען — האָט זיי אויסגעזוכט אַ דייטשע באָמבע, אויסגעמישט זייער איבערבלייב מיט אַרויסגעריסענע שטיקער רויכיגע שוואַרצע ערד, עס וויט צעוואָרפען און מיט רויט בלוט צוגעקלעפּט צו אַלע הויכע צווייגען פון אַ דערבייאיג וועלדעל. איז איבערגעבליבען בלויז אַ מאַמע און אַ וועגעלע — און אַן אילוזיע פון אַ צעטרייסעלטען מוח: דאַכט זיך איהר, אַז דאָס קינד ליגט אין וויג און דער מאַן געהט צוזאַמען מיט איהר. שפּרייזט זי אַזוי איבער'ן שאַסיי: שמייכעלט און זינגט צו אַ פּוסט וועגעלע אַדער שמועסט שטיל מיט דעם פּוסטען אַרום, ווי מיט איהר מאַן.

די לופט ווערט שטיקענדער פון מינוט צו מינוט. ניט בלויז דער רויך פון ברענענדע הייזער, נאָר די איוב־בשורות פאַר'סמ'ען דעם אָטעם.

איך ווייס ניט ווי אַזוי ס'דערגעהט צו מיר די שרעקליכע ידיעה וועגען דעם אידישען ראָמאַניסט, פריינד שמעון האָראָנטשיק, אָבער איך דערוויס זיך פון ערגעץ, און דאָס בלוט גליוועוערט: האָראָנטשיק איז געלאָפען אין וועג צוזאַמען מיט זיין אכצעניאָהריגען זוהן; דער בן־יחיד איז געפאַלען פון אַ באָמבע, דער פאָ־טער האָט זיך געהאַנגען אויף אַ בוים... מען דערצעהלט, אַז מענשען טראָגען אויף די הענט, ווי מען טראָגט קליינע קינדער, זייערע נאָהענטסטע, וועלכע זיינען דערשאָסען געוואָרען אין וועג — קיינער פּרואווט ניט איבערצייגען זיי, אַז טויטע וועלען שוין ניט ווערען לעבעדיג... אונז אַלעמען הויבט זיך אָן דאַכטען, אַז אַלץ וואָס ס'געשעהט אַרום אונז איז בלויז אַ גרויזאַמער קאָשמאַר־חלום; לאָמיר זיך נאָר אויפכאַפּען פון שווערען מאַטערענדען שלאָף — און מיר וועלען ווידער זיין אין אונזערע הייזער, ביי אונזערע פרויען און קינדער, ביי אונזער טאָג־טעגליכער אַרבייט...

17

צווישן צוויי פייערן

אין פארנאכט פון שרעקליכן בהלה־טאג איז אונז נאך באשערט געווען איבערצולעבן פיל מאמענטן פון גרויל און שרעק.

אונזער „זיבעטעל" האט אויפגעהערט צו גיין מיט דעם שאסיי, וואו עס ווערט וואס אמאל געפערליכער. מיר האבן זיך איבערצייגט, אז צוליב דער גרויסער באוועגונג אויפ'ן שאסיי האמערן דארט אכזריות'דיג די עראפלאנען מיט זייערע באמבעס און מאשינען־געווער; דארט דראט אויך א פלוצלונגער איבערפאל פון דייטשע טענקס, וואס לויפן איבער די געפלאסטערטע וועגן ווי א בייזער טייפאן און פארניכטן אלץ וואס זיי באגעגענען.

מיר גייען באַרוויסע איבער קרומע פארווארפענע סטעזשקעס און זאמדיגע פוילישע וועגן, קירעווענדיג זיך לויט א לאנד־קארטע. מיר זיינען שוין ניט זיכער, צי באוועגן מיר זיך אויף פרייער פוילישער ערד, צי מיר וועלן זיך ניט א לאדע מינוט געפינען אויג־אויף־אויג מיט דעם שרעקליכן שונא. מיר ליגן ניט קיין אכט אויף אונזער פארמאטערטקייט, אויף אונזערע צעוועהטאגטע פיס, וועלכע זיינען באדעקט מיט היץ־פענכערס, אויף דעם הונגער וואס נאגט אומאויפהערליך ביים הארצן און לאזט זיך ניט אפנארן מיט ברודיגע וואסער פון גרינע קאלוזשעס, וואס דער אויבערשטער האט האנט פארשפרייט איבער אונזער וועג. (מיר האבן נאך, וואס אמת, א קליין זעקעלע מיט אנדערטהאלבן לאבענס ברויט, אבער מיר באשליסן דערפון צו עסן מארגן, כדי לענגער צו דערהאלטן די נשמה). מיר שטרעבן צו אויסגעפינען א וועג, וואס איז פריי פון די דייטשן, כדי וואס גיכער צו דערגרייכן דעם טייך בוג — אפשר איז פארט ריכטיג דער קלאנג, אז אויף דער אנדערער זייט טייך ווערט ארגאניזירט א נייער פראנט, וואו דעם שונא וועט באגעגענען אן ענטשלאסענער ווידערשטאנד.

דער אווענט דערנעהענטערט זיך און די היץ ווערט קלענער. מיר שלעפן זיך מיט די לעצטע כוחות און שמועסן צווישן זיך, אז היינט וועט שוין מן הסתם ניט זיין קיין לופט־אטאק — בפרט אין אזא פארווארפן ווינקעל. אבער, ווען מיר געפינען זיך אין אן אפענעם פעלד, ניט ווייט פון א וואלד, דערהערט זיך פלוצלונג א מעכטיגער בייזער געזשום און איבער אונז איז בלויען הימעל וואקסן

אַרוים צענדליגער עראָפּלאַנען — אַזאַ גרויסע צאָהל האָבען מיר נאָך ביז דעם טאָג ניט געזעהן. די עראָפּלאַנען קרייזען איבער אונזערע קעפּ, פליהען זיך פאַרנאַנדער און קומען זיך ווידער צוזאַמען — זיי זוכען עפּעס. וואָס זוכען זיי אין דעם דאָזיגען איינזאַמען און פאַרוואָרפענעם אָרט? צי זיינען מיר — אונזער „זיבעטעל״ — אַזאַ וויכטיגער פאַר זיי אָביעקט?

מיר וואַרפען זיך אויף דער ערד, ווייל צו ווייט איז פאַר אונז איצט דורכצולויפען די עטליכע צענדליג טריט, וואָס טיילען אונז אָפּ פון וואַלד.

עס הויבען אָן פאַלען באָמבעס... זיי גראָבען זיך אַריין טיף און רייסען אַרויס שטיקער ערד, וואָס פליהען הויך־הויך צו די וואָלקענס, צו די עראָפּלאַנען. צום ערשטען מאָל אין אונזער וואַנדער־וועג וואַרפט מען אויף אונז באָמבעס — בלויז אויף אונז — קיין שום פּאַשעפעניש אויסער אונז זעהט זיך ניט אין ערגעץ. ביז איצט פלעגט מען שיסען אויף אונז מיט מאַשינען־געווער און מיר האָבען זיך שוין צוגעוואוינט צו זייער ריטמישען געפּויק; ביי דעם אָנבליק פון די באָמבעס, דערמאָנען מיר די קוילען פון מאַשינען־געווער מיט בענקשאַפט, ווי אַ נאַטירליכען רעגען פון טראָפּענס בליי... די באָמבערס בליצען און דונערען — זייער שרעקליכער געפּילדער פאַרטויבט און צעשטויבט, עס לעשען זיך אין אונז אויס די לעצטע פונקען פון זעלבסט־באַהערשונג: מושעס, וועלכער ליגט ערגעץ ווייט פון אונז, שרייט עפּעס מיט אַ מורא׳דיג קול... איך הער, ווי ביי מיין שכן, וועלכער ליגט נעבען מיר, קאַכט הויך דער מאָגען און איך באַמערק, אַז ער איז צוליב שרעק און פאַרלוירענקייט ניט אימשטאַנד איינצוהאַלטען אַ פּשוט׳ע פיזיאָלאָגישע פונקציע — ער בליפּעט ווי אַ פאַרשעהמט אומבאַהאָלפען קינד... איך קוק מיט ברייט אויפגעריסענע אויגען אויף די שטיקער ערד וואָס הייבען זיך צום הימעל אין אַ רייביגען וואָלקען נאָך יעדען דונער פון אַ באָמבע: איך זוך, צי פליהט ניט דאָרט אַ האַנט — אַ פוס — אַ קאָפּ — פון אַ חבר?... הבונר־של־עולם, ווי גוט וואָלט געווען, אַז איך זאָל איצט אויפהערען פיהלען, זעהען, הערען!

פּלוצלונג צעהילכט זיך פון ערגעץ אַ מורא׳דיגע קאַנאָנאַדע: די ערד אונטער אונז טרייסעלט זיך און ציטערט. עס טראָגען זיך מעכטיגע קלאַנגען פון צענדליגער פירבטערליכע אויפרייסונגען. וואָס איז געשעהן? וואו קומען פאַר די אויפרייסונגען? פאַרוואָס שרייט אַזאַ שרעקליכער עכאָ פון וואַלד?

לסוף שטילען זיך איין די אויפרייסונגען, אָבער די עראָפּלאַנען, וועלכע קרייזען איבער אונזערע קעפּ, גיבען ניט אויף זייער קאַמף; עס לויפען אָן פרישע עסקאַדרעס פון עראָפּלאַנען — און דאָס פעלד אַרום אונז ווערט ווידער איבערגעאַקערט אויף אַ משונה׳דיגע און מורא׳דיגע אופן, ווי בייזע גייסטער וואָלטען אַ גייע ערד באַשאַפען: אויף דעם גרויסען שטח פון גלייכען און פלאַכען פעלד באַוויזען זיך פּלוצלונג בערגלאַך און טאָהלען... נאָך יעדער באָמבע רופען מיר זיך איבער איינעם דעם צווייטען ביים נאָמען, כדי זיך איבערצוציינגען צי מיר לעבען נאָך:

— גוטמאַן! מושעס! האַרן! מונק! וויינגאַרטען! גרויסשילער!

— איך לעב! איך בין גאַנץ! „זיבעטעל", האַלט זיך! פאַרלירט ניט די האָפנונג! — אַזוי רופן מיר און דערמוטיקן איינער דעם צווייטן, אָבער קיינער פון אונדז גלייבט ניט, אַז מיר וועלן אַרויס פון דעם פאַרשאָלטענעם אָרט.

פּלוצלונג ווערט שטיל פון די באָמבעס... עס פאַרשטאַרקט זיך אָבער דער געזשום פון עראָפּלאַנען. מיר קוקן מיט שרעק צום הימל און זעהען, ווי די עראָפּלאַנען לאָזן זיך זעהר נידעריק אַראָפּ. מיר זעהען שוין איצט ניט בלויז זייערע קאָנטורען, נאָר אויך די סוואַסטיקעס, אפילו אַ האַנט פון אַ פּילאָט, וועלכער דיריגירט מיט דער עסקאַדרע... מיר בלייבן ליגן פאַרשטיינערט און אין אונדזער צעשרויפטער פאַנטאַזיע זעהען מיר זיך אַהנמעכטיגע, דערשלאָגענע, צעמאַלטע און צעריסענע אויף שטיקער. פון אונדזער פאַרצווייפלונג רייסט אונדז אַרויס דעם אינזשיניר'ס מעכטיגער רוף:

— אַלע צום וואַלד, צום וואַלד!

מיר רייסן זיך אָפּ פון אונדזערע ערטער און לויפן מיט אַ בליץ־שנעלקייט צום וואַלד. שנעלער פון אונדז אַלעמען לויפט מושעס — ער פיהלט איצט ניט די צעברעכנטקייט און דעם שמאַרץ פון זיינע קראַנקע פיס. אין הימל איז שטיל, יוז די עראָפּלאַנען וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר ניין טויטע נפשות וואָס זיינען פּלוצלונג לעבעדיג געוואָרן און זיי אַנטלויפן פון בית־עולם. מיר לויפן אַריין אין וואַלד.

אין דעם מאָמענט הויבט אָן די ערד צו ציטערן — שווערע באָמבעס פאַלן אויפ'ן פעלד פון וואַנען מיר האָבן קוים באַוויזן צו אַנטלויפן. דאָס אָרט וואו איך בין אַט וואָס געלעגן האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן — דאָרט איז פּלוצלונג געוואָרן אַ גרוב — אַ קבר פון וועלכן איך בין אַנטרונען געוואָרן אַ מינוט פאַר מיין קבורה.

מיר ווילן לויפן טיפער אין וואַלד, ווייל אויפ'ן אָרט וואו מיר שטעהן וואַקסן די ביימער צו שיטער און זיי פאַרשטעלן אונדז ניט אפשר געגונג פאַר די מערדערישע עראָפּלאַנען, אָבער מיר דערהערן אַ בייזן אויסגעשריי אויף פּויליש:

— אַ קויל אין קאָפּ, אויב איהר ריהרט זיך פון אָרט! דאָ איז אַמוניציע!

מיר בלייבן פאַרגליווערט אויף אונדזערע ערטער. ניט ווייט פון אונדז צווישן ביימער שטעהן צענדליגער מיליטערישע לאַסט־אויטאָס איבערגעדעקטע מיט גריינעם ליינוואַנט און מיט צווייגן. אויף דער ערד ליגן פּוילישע זעלנער און אָפיצירן, זיי צילען אין אונדזער גרופּע מיט זייערע רעוואָלווערן און ביקסן.

מיר וואַרפן זיך באַלד אויפ'ן גראָז. איצט פאַרשטעהן מיר, וואָס עס זוכן דאָ דייטשע עראָפּלאַנען. שפּיאָנען האָבן מן הסתם געמאַלדען וועגן קאָנצענטרירונג פון מיליטער און אַמוניציע אין וואַלד. עס ווערט אונדז קלאָר אויך די סיבה פון די אויפרייסן — אַ באָמבע איז געפאַלן אויף אַן אויטאָ מיט אַמוניציע.

פון ערגעץ טיף איז וואלד הערט זיך דאס שיסען פון א זעניט־הארמאט. איין דייטשער עראפלאן הויבט אן פלוצלונג צו רויכערען און פליהט ערגעץ האסטיג אוועק. מיר ווייסען ניט, צי האט ער באקומען זיין פארדינטע שטראף און ער וועט אריינפאלען אויף אונזער ערד אין איינעם פון די גרובער וואס ער האט אליין מיט א באמבע אויסגעגראבען, אדער עס וועט זיך איהם איינגעבען צו דערפליהען ביז זיינע רויב־ברידער און זיי וועלען היילען זיינע וואונדען. די איבעריגע עראפלאנען הערען ניט אויף צו שליידערען באמבעס, וואס פאלען אויפ'ן פעלד און אין וואלד, לעכערען די ערד און ברעכען צווייגען, אבער פארפעהלען זייער ציל.

א יונגער פוילישער אפיציר מיט א רעוואלווער אין האנט קריכט איבער דעם גראז ביז ער דערגרייכט צו אונז. ער פרעגט אויס ווער מיר זיינען און פאדערט אונזערע דאקומענטען. לסוף ערקלעהרט ער קאטעגאריש:

— ניט ריהרען זיך פון ארט ביז מיר וועלען אייך געבען א צייכען, ווייל זיי פון אויבען, טארען ניט זעהן די מינדעסטע באוועגונג. אויב עס וועט דא פאלען א באמבע, וועלען מיר אלע פליהען צום הייליגען פיטער... מיר האבען אייך אבסערווירט די גאנצע צייט, ווען איהר זייט אזוי אומגעלומפערט געלעגען אין אפענעם פעלד אויף די אויגען פון די דייטשען... מיר האבען אייך געוואלט דערשיסען, כדי איהר זאלט אויפהערען ציהען אויף אונז זייער אויפמערקזאמקייט, אבער איהר האט זיך בארעכענט און אליין אהער געקומען...

דאס שיסעריי פון זעניט הארמאט ווערט פארשטומט. די עראפלאנען, וואס פלעגען ביז איצט אנקומען כוואליעסווייז אין פרישע עסקאדרעס צום פארטרעטען דאס ארט פון די, וועלכע האבען ארויסגעווארפען אויף אונז זייער גאנצע לאדונג — ווערען פארשווינדען. זיי פליהען אוועק מיט א געזשום פון טריאומף, זייענדיג זיכער, אז זיי האבען חרוב געמאכט אלץ אויף א שטח פון פיל קילאמעטערס.

צום אפיציר, וועלכער ליגט נעבען אונז, קומען יעדע ווײלע צולויפען סאלדאטען און גיבען איהם איבער רעפארטען. ער שמייכעלט צו אונז א צופרידענער:

— זיי האבען בלויז אביסעל ערד איבערגעאקערט. דער וואלד איז פול מיט מיליטער און מיט הונדערטער אויטאס אמוניציע. קיין איין מענש פון אונזער דיוויזיע אדער פון שטאב האט ניט געליטען. בלויז איין אויטא מיט אמוניציע האט אויפגעריסען. זיי האבען פארלוירען אן עראפלאן און האבען אראפגעווארפען אזוי פיל באמבעס, אז זיי האבען געקאנט דערמיט חרוב מאכען א גרויסע שטאט... און איצט, חברה — זאגט ער צו אונז פריינדליך — אנטלויפט, ווייל דער וואלד איז נאך פול מיט סכנות... מעלדעט זיך אין קאוועל, וועט מען אייך אננעהמען אין מיליטער... דארט ארגאניזירט פאלקאווניק קאץ... מיר זיינען נאך ניט פארלוירען... אמת, א טייל קאמפאניעס מיליטער זיינען זיך צעלאפען, אבער פיל דיוויזיעס זיינען נאך גאנץ און קעמפען ווייטער... בלייבט געזונט!

18

פאַרלוירען אין
אַ פינסטערער נאַכט

עס פאַלט צו אַ פינסטערע נאַכט. מיר געהען פאַרביי אַ דערפעל. ביי אַ הייליג בילד אין פעלד נעבען וועג זיינען אַנגעצונדענע קליינע ליכטעלאַך, וועלכע זעהען זיך צוליב דער געדיכטער פינסטערניש בלויז פון זעהר נאָהענט. אַרום דעם הייליגען בילד, אויף דער ערד, קניהט די גאַנצע באַפעלקערונג פון דערפעל — צענדליגער פויערטעס, פויערים און קינדער; ווייט־ווייט צעטראָגט זיך אַ שטילער געוויין און אַן אומהיימליכע תפילה:

— יעזו כריסטע און הייליגסטע מוטער, דערבאַרעמט זיך אויף אונז! זייט מתפלל פאַר אונז זינדיגע אין דער שעה פון יציאת נשמה!

אויך מיר ווענדען אונזערע הערצער צום הימעל מיט אַ שטיל געבעט צו אונזער גאָט — צו דעם, וועמענס וועלט עס ווערט איצט פאַרניכטעט, וועמענס שאַפונג עס ווערט אָפּגעווישט פון דער ערד:

— דערבאַרעם זיך אויף אונז זינדיגע אין דער שעה פון יציאת נשמה!

דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט פון מיטלייד און פיין. עס ווילט זיך איצט אַרומנעהמען מיט ליבשאַפט די אָרימע פויערים און פויערטעס און זיי ברידערליך זאָגען:

— מיר זיינען דאָך אַלע קינדער פון איין פאָטער . . .

מיר שלעפען זיך ווייטער מידע און דערשלאָגענע. יעדער איינער געהט נאָהענט צום צווייטען, כדי זיך ניט צו פאַרלירען אין דער שרעקליכער פינסטערניש וואָס הערשט אַרום אונז, כאָטש אויף די ווייטע האָריזאָנטען רויטלען זיך שריפות.

ענדליך דערשלעפען מיר זיך ביז אַ דאָרף וואָס האָט ווייניג געליטען פון באָמבעס. מושעס און מונק קרעכצען שטאַרק און זאָגען, אַז זייערע צעוועהטאָגטע פיס קענען זיי שוין ווייטער ניט טראָגען. מיר באַגעגענען אַ פויערישע וואָגען, וואָס איז פול מיט פליטים. אויף דעם וואָגען איז שוין ניטאָ מעהר קיין אָרט פאַר קיינעם פון אונז. די פליטים, וועלכע זיצען אויפ'ן וואָגען, דערצעהלען אונז, אַז זיי האָבען געדונגען דעם פויער צו פאָהרען מיט זיי פינף שעה — ביז פאַרטאָג. זיי צאָהלען איהם זעהר פיל, אָבער וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט דען איצט געלט? . . . דער בעל־עגלה ווייזט אונז אַ הויז פון זיין שכן, וועלכער האָט אַ פערד און אַ

וואַגען; אויב מען זאָל איהם גוט באַצאַהלען, וועט ער מן־הסתם אויך מיט אונז פאַהרען.

דער וואַגען מיט די פליטים פאַהרט אוועק און מיר געהען אריין ביים ליכט פון מיין עלעקטריש לעמפעל אין אַ פויערישען הויף. מיר קלאַפּען אין אַ פענסטער. עס געדויערט לאַנג ביז מען עפענט אונז די טיר.

איך און דער אינזשיניר קומען אריין אין אַ פויערישע כאַטע, וואו עס שיינט אַ קליין נאַפט־לעמפעל. דער אינזשיניר לעגט פאַר דעם פויער, אַז ער זאָל מיט אונז פאַהרען, אָבער ער וויל וועגען דעם ניט הערען. ער איז מיט עטליכע שעה צוריק קוים אַ לעבעדיגער אַהיים געקומען מיט זיין פערד און וואַגען — ער וויל מעהר „פאַר קיין שום געלט" ניט פאַהרען...

דער אינזשיניר זאָגט איהם אונזערע באַדינגונגען, און דער פויער ווערט פאַר־היפּנאָטיזירט:

— מיר פאַהרען בלויז 15 קילאָמעטער, וועסט נאָך היינט ביינאַכט זיין צוריק. מיר צאַהלען הונדערט זלאָטעס.

דער פויער, אַ פאַרבלענדעטער פון אַזאַ סומע, הויבט אָן זיך אָנצוטאָן מיט ציטערדיגע הענט און ער ערקלעהרט:

— דאָס געלט פאַראויס, ביים איינשטייגען אין וואַגען!

— מסכים! — שטימט איין דער אינזשיניר.

די פויערטע, וועלכע בלייבט פלוצלונג אליין אין בעט אין אַזאַ אומרוהיגע שווארצע נאַכט, הויבט אָן מרוקען:

— צום טייוועל! די נשמה וואָלסטו פאַר געלט פאַרקויפט!

אָבער דער פויער שטילט איהר איין:

— שווייג, מוטערל, רוף ניט אַרויס דעם טייוועל. איך וועל באַלד צוריקקומען, האַלט ווארים די בעט ... וועסט זעהן סאַראַ צוויי פיינע פערדלאַך מיר וועלען זיך קויפען...

דער פויער איז שוין אָנגעטאָן. ער נעמט אַ ליכט אין האַנט און געהט אַרויס מיט מיר און מיט דעם אינזשיניר צום שטאַל. די איבעריגע חברים זיינען געזע־סען אויף שטיינער אין הויף און געדרימעלט. אַלע רינגלען אונז מיט פרייד אַרום: „נאָך אַזוי פיל טעג וואַנדערען וועלען מיר ענדליך אַביסעל פאַהרען!"

דער פויער דערנעהענטערט זיך צום שטאַל און מורמעלט מיט שרעק: „ווער האָט געלאָזען אָפּגעשפּאַרט די טיר?" ער געהט אריין אין שטאַל און פּלוצלונג דערהערען מיר זיין יאָמערליך געשריי:

— אַליאַ באַגאַ! וועה איז צו מיר אָרימער יתום! צוגע'גנב'עט מיין פערד!

מיר בלייבען שטעהן פאַרציטערטע. אין דעם מאָמענט שפּרינגט אַרויס פון כאַטע די פויערטע אין העמד, לויפט אריין אויף אַ מינוט אין שטאַל צו איהר מאַן, וועלכער שטעהט דאָרט פאַרשטיינערט פון צרות, קומט צוריק אַרויס מיט אַ גרויס געוואַלד און וואַרפט זיך אויף אונז שלאָגען און דראַפּען מיט די נעגעל:

— איהר, זשידעס, האט צוגע'גנב'עט אונזער פערד! גיט אוועק אייער געלט, ווייל מיר שעכטען אייך באלד אלע אויס!

דער פויער הויבט אן שרעקליך שרייען און וויינען... עס דערהערט זיך א סקריפען פון טירען, א בילען פון הינט, טריט פון אנלויפענדע פויערים.

דער ערשטער באפט זיך אויף פון ערשטוינונג אונזער אינזשיניר און ער שרייט הויך אויף אידיש:

— זיבעטעל, ויברח צום שאסיי! שנעל!

מיר אנטלויפען איינער נאך דעם צווייטען, די הערצער קלאפען. ערגעץ אונטער אונז לויפען נאך בייזע קללות, א געביל פון הינט און מענשליכע טריט... מיר לויפען שנעל דורך פינסטערע געסעלאך פון דארף און קוקען זיך ניט אום, נאר רופען פון צייט צו צייט, כדי קיינעם ניט צו פארלירען: „זיבעטעל, זיבעטעל!"

ענדליך געפינען מיר זיך אויף דעם שאסיי ווייט פון דארף. מיר ליגען זיך אויפ'ן גראז שטארק פארסאפעטע. מיט שרעק באמערקען מיר, אז עס פעהלען צוויי־ען אונז מושעס און מונק... מיר טרייסטען זיך, אז זיי וועלען מן הסתם באלד אנקומען. מיר ליגען שטיל, אבער מיר זעהען קיינעם ניט און מיר הערען גארניט. מיר ווארטען נאך פופצעהן מינוט, וואס ציהען זיך ביי אונז ווי לאנגע שעה'ן, אבער מושעס און מונק באווייזען זיך ניט...

איינינגע פון אונז געהען שטיל, אויף די שפיצען פינגער, מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם, צוריק אין דארף אריין. מיר דערקאנען ניט דעם פויער'ס הויז, אבער מיר פארשטעהען, אז מיר געפינען זיך ערגעץ נאהענט. אומעטום ארום אונז איז שטיל, הייסט עס: דאס דארף האט זיך בארוהיגט; ווען זיי וואלטען מושעס'ן און מונק'ן געכאפט — וואלטען מיר איצט געהערט געשפרעכען אדער געשרייען... ניין, מען האט זיי ניט געכאפט, נאר זיי בלאנקען זיך ערגעץ ארום... מיר געהען צוריק צו אונזער גרופע און מיר אלע קרייזען ארום דארף, הארכען זיך איין צו יעדען שארך, רופען שטיל: „מושעס! מונק!" — אונזערע קולות ווערען איינגעזאפט אין דער פינסטערניש און בלייבען אהן אן ענטפער.

אומזיסט איז געווען אונזער ארומבלאנקען זיך אין דער געדיכטער פינסטערניש. מיר האבען זיי ניט געפונען. מיר זיינען געווען צופרידען, אז עס איז ביי זיי געבליבען דאס לעצטע זעקעלע ברויט, וואס מיר האבען פארמאגט (יעדער פון אונז פלעגט טראגען א געוויסע צייט דאס זעקעלע מיט אונזער אוצר פון אנדערטהאלבען לאבענס ברויט; אין מינוט פון צעשפרייטונג האט זיך דאס זעקעלע, לויט דער רייהע, געפונען ביי מושעס'ן)... די ביידע שווייקס וועט דאס ברויט שטארק צונוץ קומען, ווייל עס איז איצט זעהר שווער צו ערווערבען שפייז... מיר וועלען זיך שוין גיכער אן עצה געבען.

מושעס און מונק, טייערסטע פריינד, אין איין שווארצען טאג האבען מיר אייך פלוצלונג געפונען — אין איין פינסטערער נאכט האבען מיר אייך פלוצלונג פארלוירען...

19

ראש-השנה אונטער א קרייץ

לאנג בלאנקען מיר זיך נאך ארום אין דער פינסטערניש און באמיהען זיך אויפצוכאפען יעדען שארך: אפשר וועלען מיר פארט געפינען אונזערע פאר־שווינדענע צוויי חברים. ביסלעכווייז ווערען מיר רעזיגנירט און פארלירען יעדע האפנונג.

עמיץ פון אונז דערמאנט זיך און זאגט:

— מיר דאכט זיך, אז היינט איז ראש־השנה...

מיר רעכענען איבער און געפינען אויס, אז עס איז היינט ווירקליך ראש־השנה; כמעט צוויי וואכען איז אדורך פון טאג, ווען אונזער לעבען איז אראפ פון די רעלסען און אנגעהויבען קייקלען זיך צום תהום; מיט פערצען טעג צוריק האט א רויטע כוואליע פון פייער און בלוט אנגעהויבען צו פארפלייצען פוילען; שוין זיבען טעג לויפען מיר אין הונגער און דורשט איבער פעלדער און וועלדער, ווי געפלאגטע חיות אנטלויפען פון דעם יעגער, וועלכער האט אבער אומעטום צוגעגרייט פאר זיי פאסטקעס...

דער אינזשיניר זאגט:

— איך בין ניט פרום, אבער דאך בין איך צופרידען, אז דער צופאל, אדער א האנט פון אויבען, האט אונז היינט אפגעהיט פון פאהרען אום ראש־השנה... עס וואלט געווען עהנליך צו א רעוואלט קעגען גאט, און דאס וויל איך היינט ניט; אז *דער מענש* איז געפאלען, ווערט *גאט* דער איינציגער אנהאלט...

דער אינזשיניר ווערט פארשוויגען און קיינער פון אונז האלט ניט אונטער קיין דיסקוסיע איבער רעליגיע. צו טיף און שמערצליך צאפלען היינט אין אונ־זערע הערצער די באגריפען גאט און מענש, אז מיר זאלען זיך איצט פלוצלונג אנהויבען מתודה זיין פון אונזערע אנטוישונגען.

מיר ווערען פארזונקען אין שווערע געדאנקען: ראש־השנה — אנהויב פון א יאהר... מיר קאנען מעהר ניט תופס זיין וויפיל צייט עס איז א *יאהר*... א יאהר באשטעהט פון צוועלף חדשים, אבער אויך א *חודש* איז איצט אזא לאנגע צייט, וואס איז אונז ניט מעגליך ארומצונעהמען מיט אונזער פאנטאזיע. א חודש באשטעהט פון פיר וואכען... רבונו של עולם, אט וואנדערען מיר

איצט קוים א י י ן װ א ך — און װיפיל שוידערליכקייטן מיר האבן שוין באװיזן דורכצולעבן. עס איז אונז ניט מעגליך צו זעהען פאראויס װאס עס װעט מיט אונז געשעהן אין פארלויף פון דער קומענדער װאך, אפילו אין פאר־לויף פון א י י ן ט א ג װאס האט פיר־און־צװאנציג שעה, װייל יעדע ש ע ה האט זעכציג מ י נ ו ט ע ן, װעלכע ציהען זיך לאנג װי א ן א י י ב י ג ק י י ט, װען זיי זענען פול מיט טויט־סכנות און מיט טויט־שרעק... פאר יעדע מינוט פון רוה, פאר יעדע רגע פון רעטונג — װעלען מיר דיר, גאט, זיין דאנקבאר! מיר בעטען ביי דיר: זיי מיט אונז אין די פירכטערליכע רגעים פון אונזער גסיסה־שרעק... דערפיהר דיין װעלט צו א ברעג, װאו צייט װעט זיך װידער אנ־הויבן רעכענען אויף ש ע ה'ן, ט ע ג, װ א כ ע ן, ח ד ש י ם און י א ה ר ע ן. דאן װעלען מיר אפשר װידער קאנען תופס זיין די ערהאבענקייט און גרויסקייט פון ראש־השנה... בארעכענען, װי לאנג איז איצט ביי אונז א יאהר, אויב א רגע געדויערט אן אייביגקייט...

מיר זענען שרעקליך מיד און באשליסען זיך לייגען שלאפען ביז פארטאג. מיר באשטימען אבער, אז יעדע שעה זאלען װאכען צװיי אנדערע חברים, כדי אונז אויפצואװעקען ביי א פלוצלונגען דייטשען איבערפאל; מען דארף אויך אכטונג געבען, אפשר װעלען פארבייגעהן מושעם און מונק. עס איז אונז זעהר קאלט, די ערד ארום אונז איז פייכט. מיר זעצען זיך אויס אויף א קליין בערגעל נעבען װעג, װייל דא איז עטװאס טרוקענער. איך באלייכט אויף איין מינוט דאס ארט מיט א עלעקטריש לעמפעל און איך זעה, אז מיר זיצען אונטער א פויערישען הילצערנעם קרייץ אויף װעלכען עס ציטערט פון קעלט און שרעק דער פארפיי־ניגטער סימבאל פון רחמים.

עס איז אונז זעהר קאלט און אומהיימליך, קיינער קאן ניט איינשלאפען. דער אינזשיניר װיל פארטרייבען אונזערע טרויעריגע געדאנקען און דערצעהלט אונז אן אנעקדאט, װאס קלינגט אבער אויף דעם ארט און אין דער נאכט װי א פאנטאסטישע באלאדע:

"...א קירך אין דייטשלאנד װערט „אריזירט". די קירך איז פול מיט פרומע מתפללים. א נאצי־יונג רייסט זיך ארויף צו דער אמבאנע און רופט מיט חוצפה:

— אלע משומדים, װעלכע געפינען זיך דא, פארלאזט זאפארט, פאר־דאמטע אידען, די קירך!

פון קירך געהען ארויס פיל מענער און פרויען.

— אלע, װעמענס טאטעס, זיידעס אדער עלטער־זיידעס זיינען אידען, ארויס פון קירך!

פון קירך געהען ארויס די לעצטע מתפללים, אבער דער היטלער־קערל האט נאך ניט גענוג. ער קוקט מיט װאוט צו די הייליגע בילדער און שרייט:

— אַלץ וואָס שטאַמט פון אידען, אַרויס פון קירך!

דער קליינער יעזו פאַרלאָזט די ראַהמען פון זיין בילד, דערנעהענטערט זיך שטיל צום בילד פון דער הייליגער מאַריע, נעהמט איהר אַן ביי דער האַנט און זאָגט:

—קום, מאַמע, מיר וועלען ווידער, ווי אין די אַמאָליגע צייטען, זיך צוטוליען צו די אידען... דאָ איז פאַר אונז ניטאָ קיין פּלאַץ..."

דער אינזשיניר האָט פאַרענדיגט דעם אַנעגדאָט, אָבער קיינעם פון אונז ווילט זיך ניט לאַכען. מיר דאַכט זיך אויס, אַז דער אויפ'ן קרייץ, וועמען מען האָט צוגעשמידט צו אייזן אָרט און מען פאַרפּייניגט איהם אָהן אויפהער שוין דעם פערצעהנטען טאָג מיט באָמבעס און קוילען, טרוימט ווירקליך וועגען זיינע יוגענט־טעג אין נצרת, הברון און ירושלים, איידער די וועלט האָט אָנגענומען זיין תורה פון רחמים... געווען איז דאָן דאָס לעבען פיל שעהנער און בעסער ניט בלויז ביי די פאַרהאַסטע פּרושים פון הר־הבית, נאָר אַפילו ביי די געצענדינער פון רוים און פון אַטען, פון קאָרינט און פון אַלעקסאַנדריע... ניט געלוינט פאַרפּייניגט ווערען פאַר אַזאַ וועלט, אום שפּעטער דאַרפען אַראָפּקוקען פון קרייץ אויף די גע־פאַלענקייט פון מענש... אַ שווערע עלטער דערלעבט אין יאָהר 1939...

פון אונזערע מחשבות רייסט אונז אַרויס אַ שטילער קלאַנג פון טריט אויף אַ זייטיגער סטעזשקע. מיר דערפרעהען זיך: אפשר מושעס און מונק?! איך צינד מיין עלעקטריש לעמפּעל און מיר צאַפּלען אויף פון שרעק: עס געהט אַ מחנה פון עטליכע צעהנדליג יונגע פעסט־געבויטע שקצים. טייל טראָגען אין די הענט שווערע שטעקענעס, אַנדערע האַלטען די רעכטע האַנט אין טאַש. זיי זיינען ציוויל געקליידעטע, אָבער זייערע פיינדליכע בליקען, גרעניצלאָזע אַנטלשאָסענקייט און ענערגישע באַוועגונגען זאָגען עדות, אַז דאָס זיינען מיליטער־לייט אין ציווילע בגדים... ניט קיין פּוילישע מיליטער־לייט, וואַרשיינליך ד י י ט ש ע פּ א ר אַ־ ש ו ט י ס ט ע ן! איך לעש שנעל אויס מיין עלעקטריש לעמפּל, אָבער זיי הויבען אָן מאָמענטאַל צו בלענדען אונזערע דערשראָקענע אויגען מיט זייערם אַן לעקטרישען לאַמטער און מיר הערען אַז אומפאַרשטענדליכען שטילען געמורמעל... מיר זיינען צוגעגרייט צו דאָס ערגסטע: איך דריק אין האַנט מיין אויסגעלאָשען לעמפּעל, ווי דעם איינציגען און לעצטען וואָפען... עס נעהמט אונז אַרום אַ ציטערניש, אויך דער פאַרפּייניגטער אויפ'ן קרייץ קורטשעט זיך אין שרעק, ווען עס גליטשען זיך אויף איהם די שלאַנגען פון קאַלטען עלעקטרישען ליכט... דאָס אַלץ גע־דויערט קוים אַ מינוט. די אומבאַקאַנטע לעשען אויס זייער לאַמטער און פאַר־שווינדען אין דער פינסטערניש.

מיר קוקען מיט פאַרשטאַרטע אויגען אין דער ריכטונג, וואו עס ווערען איינ־געזאַפּט זייערע שטילע ענערגישע טריט. מיר באַמערקען, ווי ערגעץ גאַנץ ווייט — מן הסתם אין אַ בענסטער פון אַ פּויערישער כאַטע — צינדט זיך ריטמיש אַן און

לעשט זיך אוים אז עלעקטריש ליכט. דער „פינפטער קאלום" — דער דייטשער ושפיאנאזש — ארבייט אין שאטען פון נאכט...

*　*　*

דעם ערשטען „דיזשור" — צום וואכען איין שעה — נעהמען איבער איך און גוטמאן. מיר האבען געוואלט גוטמאנען באפרייען דערפון, ווייל מיט זיין געזונט ווערט ערגער פון טאג צו טאג. ער האט זיך אבער איינגעשפארט, אז ער וויל וואכען צוזאמען מיט מיר.

דער עולם שלאפט ביסלאכווייז איין. איך און גוטמאן, איינגעהילטע אין מאנטלען, שפאצירען ארום דעם בערגעל און ציטערען פון קעלט... גוטמאן הויבט אן דערמאנען זכרונות וועגען ראש־השנה אין דער היים. זיין טאטע האט זיבעך היינט ביינאכט געדאווענט אין חיפה אין שוהל ביים עמוד, ווי עס איז געווען זיין מנהג אלע אמאליגע יאהרען אין שטאט קעלץ . . . גוטמאן בעט מיך, אז איך זאל איהם נאך איין מאהל (דאס וויפעלטע מאהל ?) דערציהלען וועגען לעבען פון זיינע עלטערען אין ארץ ישראל; ער האט זיי שוין פיר יאהר ניט געזעהן, זייט זיי זיינען אוועקגעפארען פון פוילען; איך אבער האב זיי באזוכט אין חיפה מיט א יאהר צוריק און בין געווען זייער גאסט ביים ערשטען סדר... איך דערציהל איהם אויספירליך, ווי עס האט אויסגעזעהן זיין טאטע, ווי ער האט געפראוועט דעם סדר אין ווייסען קיטעל; ווי עס האט געלויכטען דאס פנים פון זיין שעהנער מאמען; ווי ביידע האבען מיט גרוים ליבשאפט און שטאלץ גערעדט וועגען זייער זוהן מאיר, וועלכער וועט זיכער בקרוב צו זיי אריבערקומען; זאל נאר אין לאנד ווערען שטילער מיט די אראבער; דערווייל זאל ער דארט איבערווארטען אין רוהיגען פוילען...

— ניט געזארגט! — טרייסט איך גוטמאנען, ווייל איך פיהל אז עס איז איהם זעהר שווער אויפ'ן הארץ — מיר וועלען בקרוב אלע זיין אין ארץ ישראל. איך און מיין פאמיליע וועלען צוזאמען מיט דיר פייערען דעם סדר ביי דיינע עלטערען אין חיפה; מיר וועלען אפילו איינלאדען צום סדר מיין מאמע פון בני־ברק און מיין שוועסטער פון תל־אביב. וועסט זעהען, גוטמאן, עס וועט נאך זיין חיי־געלעבט!

גוטמאן שוויגט. ענדליך זאגט ער ארוים פאמעליך און פארזיכטיג, וואס עס דריקט זיין געמיט:

— איך האב מורא, אז איך וועל שוין דארט ניט קומען... איך האב באשלאסען מארגען ערגעץ אין וועג זיך פארהאלטען, אפשר געפינען א בעט, איך פיהל זיך שווער קראנק און איך וועל ניט קענען ווייטער געהן . . . עס קאן זיין,

אז מיר וועלן מעהר זיך ניט זעהן . . . היינטיגע צייטען . . . וועסטו זאגען מיינע טאטע־מאמע, אז איך האב פיל געקלערט וועגען זיי.

איך דערשרעק זיך פאר גוטמאנ'ס ווערטער; איך נעם איהם אן ביי דער האנט:

— רייד ניט אזוי. מיר זענען שוין נאהענט צום טייך בוג. מארגען אווענט וועלען מיר זיין אין וולאדאווע... שטארק זיך, מיר וועלען דיך ניט לאזען אליין, אהן דיר געה איך ניט ווייטער...

גוטמאן שווייגט א טיף געריהרטער פון מיינע ווערטער. לסוף זאגט ער אנטשלאסען:

— טארסט ניט בלייבען מיט מיר, דו קאנסט מיר גארניט העלפען; דו מוזט זיך רעטען צוליב דיין פרוי, צוליב דיין יעלה און אלעקסאנדער'ן... מיר איז ניט מעגליך לאנג צו געהן: איך האב זיכער הויכע טעמפעראטור, עס שטיקט מיך אין האלז...

גוטמאן ציטערט. איך פיהר איהם צוריק צום בערגעל און לייג איהם אויף דער ערד. איך ציה פון זיך אראפ מיין מאנטעל און דעק איהם ארום; ער וואלט עס מיר ניט ערלויבט צו טאן אין אזא קעלט, אבער ער באמערקט עס ניט — ער פיבערט. ער ווערט זעהר שנעל אנטשלאפען, אבער שלאפט אומרוהיג, עס פלאנטער־רען זיך אין זיין מויל ווערטער פון היץ:

— ווייטער! ווייטער! דו מוזט! — און פלוצלונג הויבט ער אן מיט א קינדעריש קול פרעגען די קשיות: „מה נשתנה?" — פארוואס איז אנדערש די נאכט פון אלע נעכט פון א גאנץ יאהר? — און ער צולאכט זיך... מן הסתם שפינען זיך אין זיין צעהיצטען מוח זכרונות פון זיינע קינדער־יאהרען ביים סדר אין דער היים.

איך קוק אויפ'ן זייגער: די שעה פון מיין „וואך־פאסטען" איז אדורך, אבער איך קאן זיך ניט דערוועגען אויפצואוועקען פון טיפען שלאף מיין פאר־טרעטער. איבעריגענס, איך וועל סיי־ווי וואכען, ווייל ווי קען איך קלערען וועגען שלאפען, אז גוטמאן איז אזוי קראנק?...

גוטמאן ליגט עטליכע מינוט שטיל, איך דערהער ניט זיין אטעמען. עס באהערשט מיך א קינדערישע שרעק. איך צינד אן מיין עלעקטריש לעמפעל און באלייכט אויף א ווייל זיין געזיכט: ער איז רויט און גליהט פון היץ. ער אטעמט שווער און זיינע פארברענטע ליפען זיינען באדעקט מיט א דינעם שיכט פון ווייסען שוים.

איך לעש אויס דאס לעמפעל, זעץ זיך אויף דר'ערד און זינק אין שווערע געדאנקען. מיינע אויגען קלעפען זיך און איך הויב אן דרימלען, אבער פלוצלונג וועקט מיך אויף א באקאנט הארציג געזאנג:

— אוי, אוי, אוי! בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון: כמה יעברון וכמה יבראון, מי יחיה ומי ימות... (אום ראש־השנה ווערט פאַרשריבען און אום יום־כפור ווערט פאַרזיגעלט: וויפיל ס'זאָלען אויסגעהן און וויפיל ווערען געבוירען, ווער ס'זאָל לעבען און ווער ס'זאָל שטאַרבען...)

— ווער זינגט עס?

איך שפרינג אויף פון אַרט, קוק זיך אַרום אַ דערשראָקענער און דערזעה, אַז גוטמאַן זיצט און זינגט תפלות פון ראש־השנה...

איך לייג איהם צוריק אויף זיין אָרט און זעה אַז זיין קאָפּ אויף מיין רענ־צעל... ער שלאָפט באַלד ווידער איין.

טרויעריג הויבט זיך אָן פאַר אונז דאָס נייע אידישע יאָהר...

20

דריי שטיקלאַך שוואַרץ ברויט

ווידער וועקט דער פרימאָרגען און רופט אונז אין ווייטערען וועג אריין. די זון שיינט בלאַס און קאַלט. מיר הויבען זיך אויף אָהן חשק פון אונזערע ערטער, צו וועלכע די פייכטקייט האָט אונז כמעט צוגעקלעפּט. איך טראָג מיין קאָפּ, ווי אַ שווערע לאַסט. איך מוז אָנווענדען פיל ענערגיע, אַז איך זאָל ניט אַנטשלאָפען ווערען ביים געהן אין גרויען און נאַסען פרימאָרגען.

גוטמאַן געהט גלייך מיט אַלעמען און באַקלאָגט זיך ניט אויף זיין קראַנק-הייט. איך בלייב צוזאַמען מיט אונזער מעדיקער אַביסעל הינטערשטעליג פון דער גרופּע און איך דערצעהל איהם וועגען מיין לעצטען געשפּרעך מיט גוטמאַנען און זיין באַשלוס צו פאַרהאַלטען זיך ערגעץ, וועגען זיין אומרוהיגער נאַכט, שלאָף-האַלוצינאַציעס און פיבער. מיר באַשליסען צו וואַכען איבער גוטמאַנען, איהם דערמוטיגען, ניט אַרונטערלאָזען איהם פון אויג. אָבער ריידענדיג וועגען דעם אַלעמען, שלאָף איך איין. איך פיהל, אַז איך בין אָנגעשפּאַרט אויף עמיצענס אָרעמס. עפּעס דערזעה איך אין חלום אַ בילד פון אַ לאַנג-געלעזענע מעשה'לע, ווי צוויי מלאכים האָבען געפירט אונטער די אָרעמס דעם פישער סאַטיע דורך דעם ברויזענדען ים... איך וועק זיך איבער, כ'דערזעה אַז מען האַלט מיך אונטער פון ביידע זייטען — און איך שלאָף ווידער איין, כאָטש די פיס באַוועגען זיך ביי מיר אויטאָמאַטיש און פיהרען מיך פאָראויס.

עס איז אַן אויסטערלישער שלאָף, וואו וואָהר און חלום בינדען זיך צוזאַמען: אָט זעה איך סאַטיען, אָט דערזעה איך דעם אינזשיניר; אָט זעה איך מיין זוהנ-דעלע און אָט בויגט זיך איין צו מיר דער מעדיקער און שרייט:

עפּעס זשומעט! לייג זיך אויף דער ערד!

איך לייג זיך אויפ'ן גראָז, כ'רייס אויף מיט אַלע קרעפטען מיינע פאַרשלאָ-פענע אויגען און איך קוק צום הימעל. דער הימעל איז פאַרכמורעט. אויף דער ערד טראָגט זיך אַ נעפּעל. איך בין זעהר צופרידען פון מיין אָבסערוואַציע: דער וועטער איז אויסגעצייכענט גוט פאַר אונז; נאָך בעסער וואָלט געווען, אַז עס זאָל רעגענען — וועלען די עראָפּלאַנען ניט אַטאַקירען, לאָזען צורוה אונז אין וועג און אונזער וואַרשע, וועלכע קעמפט און בלוטיגט.

מיר הויבען זיך אויף פון דר'ערד: דאס האט אזוי, ווייזט אויס, געזשומעט אין אונזערע פארפלאגטע, פארנעפעלטע מוחות... עס איז איצט גענוג, אז איינעם פון אונז זאל זיך אויסדאכטען, אז ער הערט אדער זעהט עפעס — און אלע איבעריגע דערהערען און דערזעהען דאס זעלבע. עס איז ביי אונז פארלוירען געווארען דער כוח פון קאנטראל איבער אונזערע געפילען און איינדרוקען; אויב איינער זאל פלוצלונג זיך איבערשרעקען און לויפען — וועלען אלע אין דער גרעסטער בהלה איהם נאכלויפען. קיינער האט ניט קיין צוטרויען צו זיינע אייגענע פארטעמפטע געדאנקען — עס וואכט איצט אין אונז א שעפסישער סטאדע־אינסטינקט — ניט דער אייגענער ווילען דיקטירט אונזערע באוועגונגען: מיר זיינען אויטאמאטיזירט און פארשלונגען דורך א מאסען־פסיכאז.

מיר געהען ווייטער... איך פיהל זיך ווי אפגענארט דערפון, וואס עס איז ניט געווען קיין אטאק: איך וואלט געקאנט לענגער ליגען אויף דער ווייכער ערד, רוהען, שלאפען... ס'וואלט רעכט געווען אפילו פולשטענדיג איינשלאפען — מיין לעבענס־אינסטינקט הויבט אן איינלעשען זיך.

ווי איך געה אזוי מיט שלאפענדיגע פארמאכטע אויגען, פיהל איך, אז דער מעדיקער באטראכט מיין פולס, לייגט צו זיין קאלטע האנט צו מיין שטערען; איך הער ווי ער זאגט צום אינזשיניר:

— ער איז זעהר אפגעשוואכט... ווייזט אויס, אז ער איז אבסאלוט ניט געשלאפען ביינאכט... נעכטען א גאנצען טאג ניט געגעסען... שוין עטליכע טעג, אז מיר הונגערען אונטער ... אויסער דעם נאכטעסען ביים לעהרער האבען מיר כמעט א פולע וואך גארניט געגעסען קיין נארהאפטעס... דאס זעלבע וואס עס געשעהט מיט וויינגארטענ'ען דערווארט באלד אונז אלעמען.

אז איך הער זייריידען וועגען עסען, דערוועקט זיך אין מיר א מורא'דיגער הונגער. איך פיהל, ווי אין מיין אינגעווייד בורטשעט עפעס, קורטשעט זיך און מאהנט עסען. מיין מידקייט און פארשלאפענקייט געהען ביסלעכוויז פארביי, אבער דאס הארץ נאגט און וועהטיגט — הונגער.

איך עפען ברייטער אויף די אויגען. מיין האפנונג, אז עס וועט רעגענען, ווערט פולשטענדיג צושוואימען: עס שיינט ווידער א חוצפה'דיגע זוהן, וועלכע שפיגעט אין די אויגען מיט ברענענדע שטראהלען... כדי ניט צו בלייבען מיט מיין הונגער „אויג אויף אויג", קניפ איך אן א געשפרעך מיט מיינע חברים. וועגען וואס ריידען מיר? וועגען עסען! מיר פאנטאזירען אויף די טעמעס: „וואס וואלטען מיר איצט געגעבען פאר א שטיקעל ברויט? וואס פלעגט מען ביי יעדען פון אונז עסען ראש־השנה ביטאג נאך דעם דאווענען? וועלכעס פאלק האט א געשמאקערע קיך: אידען, פראנצויזען צי פאלאקען? ווען אלע מענשען זאלען האבען עסען, צי וואלטען געווען אויף דער וועלט מלחמות און רעוואלוציעס? ווי וואלט אויסגעזעהן די מענשהייט, ווען זי דארף ניט האבען קיין עסען, ווען עס

הויבט אָן, למשל, צו רעגענען פון הימעל מיט מן (אַנשטאָט מיט באָמבעס), ווי אַמאָהל צו די אידען אין מדבר? צי איז קנוט האַמסון טאַקע אַמאָהל געווען הונ־געריג, אַז ער האָט אַזוי גוט אין זיין ווערק דעם הונגער באַשריבען? פאַרוואָס עסען אידען שאַרפע מאכלים: געפעפערטע פיש, ציבעלעס, קנאָבעל? צי ווירקט אָט די שאַרפקייט אויף דעם שאַרפזין פון אידישען מוח? ווי ווירקט אויף דער פראַנצויזישער נשמה דאָס עסען ווערים און אויף דער יאַפּאַנישער נשמה דאָס עסען שטשורעס? צי איז דעה דייטשער רוף וועגען „לעבענס־רוים" — אַ הונגער צו ברויט, אָדער צו הערשאַפט?" — — עסען, עסען, עסען! געשיכטע און קונסט, ליטעראַטור און סאָציאָלאָגיע, רעליגיע און ראַסע — אַלץ האָבען מיר געזעהען דורך די ברילען פון עסען, מיט די גרויסע אויגען פון אונזער ניטגעשטילטען הונגער.

פלוצלונג דערהערט זיך אַ געזשום. דאָס מאָהל וואַרפען מיר זיך ניט באַלד אויף דער ערד. מיר פאַרלאָזען זיך שוין ניט איצט אויף אונזער געהער. מיר קוקען צום הימעל און וואַרטען ביז די קליינע ווייטע פייגעלאַך קומען נעהענטער צו אונז, צעוואַקסען זיך אויף גרויסע „סקאַדראָ"־עראָפּלאַנען און הויבען אָן שיסען פון מאַשינען־געווער... מיר שרעקען זיך שוין ניט פאַר זייער געשיסעריי; מיר האָבען זיך צו דעם צוגעוואוינט, אַזוי ווי מען געוואוינט זיך צום בליצען און דונע־רען, וועלכע פאַרשלינגען אויך קרבנות, אָבער בלויז אַ פחדן אַנטלויפט פאַר זיי. מיר זיינען געוואָרען פאַטאַליסטען און מיר גלויבען, אַז אויב עס איז באַשערט דער סוף — וועט ער קומען און ניט לאָזען זיך אויסמיידען.

טראָץ אונזער פילאָזאָפיע פון פאַטאַליזם, צושפּרייטען מיר זיך פונדעסטוועגען איבער דעם פעלד, וואו מיר געפינען זיך אין יענעם מאָמענט, און ליגען זיך אויפ'ן גראָז. דאָס באַהאַלטען זיך איז ניט דיקטירט פון פחד, נאָר מיר האָבען פּשוט ניט קיין כוח צו שפּילען זיך מיט דעם גורל. אויסער אַלעמען: מיר זיינען אַזוי מיד, אַז מיר זיינען גאָר צופרידען, אַז דער הימעל האָט אונז געצוואונגען צו לייגען זיך אַביסעל אָפּרוהען. סיי אונזער מידקייט, סיי אונזער נידערשלאָגענקייט, סיי אונזער לייכטשעצונג פון לעבענס־סכנות — אַלץ פליסט אַרויס פון איין קוואַל: הונגער.

איך ליג אין גרינעם גראָז. די עראָפּלאַנען מיט זייער מאַשינען געווער הויבען אָן צו לאַנגווייליגען און איך פאַרגעס צום סוף פולשטענדיג וועגען זייער עקזיסטענץ... איך קוק נאָר אַ קליינעם ווייסען שמעטערלינג, וועלכער איז אָט וואָס געשטאַנען אויף אַ גרעזעל נעבען מיר, איז פלוצלונג געפלויגען ווייטער און געשטעלט זיך אויף אַ צווייט גרעזעל. איך דערמאָן זיך, אַז מיט דריי וואָכען צוריק האָב איך אין דאָרף שווידער צוזאַמען מיט מיין זוהנדעלע געיאָגט ווייסע און פאַרביגע זומער־פייגעלאַך. מיין אַלעקסאַנדערל האָט געטראָגען אין האַנט אַ שמעטערלינג־נעצעל אויף אַ לאַנגען שטעקען, זיינע בלאָנדע לאָקען האָבען זיך געוויגט אין דער לופט, זיינע באָרוויסע ברוינע פיסלאַך האָבען געטאַנצט, זיין

געלעכטער האָט געקלונגען מיט קינדערישע שמחה... מײַן אַלעקסאַנדער! ביסטו נאָך דאָ? אויב יאָ — ביסטו איצט אין דעם פרעכטיגען זומער־טאָג איינגעשפּאַרט אין אַ קעלער, אַזוי ווי די זוניגע שמעטערלינגען וואָס דײַנע שטיפערישע חברים האָבן געפאַנגען און פאַרמאַכט אין אַ קליין שאַכטעלע פון שוועבעלאַך. געדענקסט, אַז איך האָב געעפענט דאָס שאַכטעלע זײַנען די זומער־פייגעלאַך געלעגן אָהן באַוועגונג, מיט צושטויבטע און צוקוועטשטע פליגעלאַך. אויך דו, מײַן טייער זומער־פייגעלע, געפינסט זיך איצט — אויב דו ביסט נאָך דאָ — אין אַזאַ פאַרמאַכט שאַכטעלע, אין אַ פינסטערן דומפּיגן קעלער, און אַרום דיר פאַלן באָמבעס, פאַלן הײַזער, פאַלן מענשן... מײַן קינד, זאָלן די מערדערייען ניט פאַלן ווי זוימען פון סם אויף דײַן צאַרטער נשמה; לאָז זיך אײַנריידן, אַז דאָס האָבן דערוואַקסענע, פונקט ווי דײַנע שטיפערישע חברים, אַזאַ שפּילערײַ זיך אויסגעקליבן; טראַכט נישט קיין שלעכטס וועגן דײַן טאַטן, וואָס האָט דיך פאַרלאָזט, ניט וועגן אַלע אַנדערע דערוואַקסענע; מײַן קינד, זײַ וואָס נאַרישער, פאַרשטעה וואָס ווייניגער, פאַרגעס וואָס גיכער...

איך רייס איבער דעם פאָדים פון מײַנע געדאַנקען, וואָס האָבן מיך צו ווײַט אַוועקגעפירט. איך זוך דעם ווײַסן שמעטערלינג, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ נאָהענט גרעזעל — ער איז ניטאָ, אָבער אויף זײַן אָרט באַוועגט זיך אַ ווערימעל, משה־רבינו׳ס אַ קיהעלע. ווי שעהן און רוהיג עס איז די נאַטור אַרום מיר. דער גראָז איז פול מיט פרעהליכע גליקליכע לעבעדיגע באַשעפענישען — פעלד־פערדעלאַך, גלאָז־שניידערלאַך, משה׳ס קיהעלאַך, מוראַשקעס — זיי אַלע ווייסן ניט פון קיין מלחמות און הונגער. איך קוק ווידער אויף משה׳ס רויט גלאַנציג קיהעלע מיט שוואַרצע הן־פינטעלאַך אויף׳ן רוקענדעל און בייכעלע — און איך עפען פלוצלונג ברייט אויף די אויגען: איך שלאָף, צי איך זעה אויף דער וואָהר? אין גראָז, נעבען דעם קליינעם פינקעלדיגען ווערימעל, ליגען דריי שטיקלאַך שוואַרץ ברויט.

איך קריך צו אויף מײַנע הענט און פיס ביז דעם אָרט. אַז מײַנע נאָהענטסטע צוויי שכנים פון לינקס און פון רעכטס, דער אינזשיניר און דער אַדוואָקאַט, באַמערקען מײַן פלוצלונגע באַוועגונג — קריכען זיי אויך צום זעלבען אָרט, און זיי פאַרלירען די ווערטער אין מויל פון גרויס ערשטוינונג: דריי שטיקלאַך שוואַרץ ברויט.

מיר באַטראַכטען דאָס ברויט ווי אַ פלוצלונג אַנטדעקטען אוצר. פריש ברויט, מן הסתם ערשט ניט לאַנג אַרויס פון אויוועז, עס שמעקט מיט קימעל. דאָס ברויט איז מערקווירדיג שעהן און גלאַט געשניטען, ווי ניט מיט קיין מענשליכער האַנט און ניט מיט קיין געוועהנליכען מעסער, אָפּגעמאָסטענע דרײַ גלײַכע פּעניצער ברויט.

דער אַדוואָקאַט לייגט ניט קיין אַכט אויף דעם קרייזן פון עראָפּלאַנען איבער אונזער פעלד, ער שטעלט זיך אויף און שרייט הויך, מיט שמחה:

— חברים, ברויט! ברויט!

איך כאַפּ דאָס ברויט אין האַנט און פּאַכע דערמיט צו מיינע חברים זיגעריש, ווי מיט אַ פּאָהן, אָבער פּלוצלונג באַקום איך אַ שטאַרקען קלאַפּ איבער מיין האַנט. די דריי שטיקלאַך שוואַרץ ברויט פאַלען מיר אַרויס פון האַנט און קוילערען זיך איבער'ן גראָז, ווי לעבעדיגע נפשות. דער אינזשיניר יאָגט נאָך די פעניצער ברויט, טרעט זיי מיט די פיס, צוברעקעלט זיי, מישט זיי אויס מיט זאַמד און שרייט ווילד:

— סם! סם! סם!

מיר מיינען, אַז דער אינזשיניר איז משוגע געוואָרען און מיר וואַרפען זיך אויף איהם, כדי אָפּצוראַטעווען דאָס ברויט, אָבער ער פאַרטיידיגט זיך מיט די פויסטען און ברומט:

— אוועק, זעלבסטמערדער!

פון די עראָפּלאַנען באַמערקט מען וואַרשיינליך דעם קאַמף אין פעלד, ווייל זיי הויבען אָן האַגלען מיט קוילען אויף אונזער גרופּע.

מיר וואַרפען זיך צוריק אויף דער ערד סאַפּענדיג פון מידקייט און אויפרעגונג: אַזאַ אומגליק מיט אונזער אינזשיניר, משוגע געוואָרען ביים אָנבליק פון ברויט...

אָבער, ווען מיר באַרוהיגען זיך און הערען פון אינזשיניר עטליכע קלאָרע ווערטער, פאַרשטעהען מיר, אַז ניט ער, נאָר מיר זיינען משוגע געוואָרען ביים אָנבליק פון ברויט.. ווייל פון וואַנען קען זיך פּלוצלונג נעהמען אין אַז איינזאַם פעלד דריי פרישע פעניצער ברויט געשניטען אויף אַ מעכאַנישען אופן? עס איז קלאָר, אַז דאָס האָבען דייטשע פּאַראַשוטיסטען אונטערגעוואָרפען און אויסגעשפּרייט אויף די וועגען פאַר נאַאיווע אויסגעהונגערטע וואַנדערער — גיפט אין געשטאַלט פון לאָקענדע דריי שטיקלאַך שוואַרץ ברויט...

21

אַ באַהן —
אַ קאַשמאַר

די מורא פאַר עראָפּלאַנען — אָדער די מורא פאַר דעם טויט — ווערט מיט יעדען טאָג קלענער. דייטשע עראָפּלאַנען פליִען, וואַנדערער קוקען זיך אויף זיי ניט אום, געהען ווייטער זייער וועג.

מיר באַגעגענען אין וועג דעם אינזשיניר׳ס באַקאַנטע: אַ יונגער מאַן מיט זיין פרוי און איהר ברודער. זיי דערצעהלען אונז, אַז אין אַ זייטיג דאָרף, דריי־פיר קילאָמעטער פון דאַנען, האָבען זיי געקויפט ברויט און אייער. דער אינזשיניר צוזאַמען מיט גרויסשילער און האַרץ מעלדען זיך פרייוויליג צו געהן אין דאָרף ברענגען פון דאָרט שפּייז פאַר אונז אַלעמען. די איבעריגע פיר חברים געהען אַריין צוזאַמען מיט די דריי אַנגעקומענע אין אַ נאָהענט וועלדעל און לייגען זיך אָפּרוהען.

די אַנגעקומענע זיינען זעהר סימפּאַטישע מענשען און מיר קלעהרען וועגען אַריינעהמען זיי אין אונזער „זיבעטעל". אונז שרעקט בלויז אַביסעל די יונגע שעהנע פרוי, וועלכע איז אונז אַלעמען צום האַרץ. צי וועלען מיר זיך קענען מיט איהר פיהלען אַזוי פריי, ווי ביז איצט מיט אַלע חברים פון „זיבעטעל"... און וואָס מעהר זי געפעלט אונז, אַלץ שווערער ווערט איהר איינצילאַדען. מיר האָבען מורא, אַז זי וועט פונאַנדערטיילען אונזערע הערצער. אַמשטאַרקסטען קלעפּט צו איהר דער יונגער סטודענט; דאַכט זיך, אַז דער מאַן באַמערקט עס און איז דערמיט ניט צופרידען. (אוי, יונגער חבר, צי האָסטו פאַרגעסען דיין קליין מיידעל פון וואַרשע? אָדער אפשר ווירקט דאָ אַ אויסגעהונגערטקייט פון דיין אָרגאַניזם נאָך פרויען־רייץ און זוניגער שמחה, וועלכע שטראַהלען אַרוים פון אונזער פריינדינ׳ס בלויע אויגען און בלאָנדע האָר?)

די אַנגעקומענע גיבען אונז איבער ידיעות פון דער ברייטער וועלט — די לעצטע סענסאַציאָנעלע נייעס:

...רומעניע מאָביליזירט און וועט קומען פוילען צו הילף... אין סלאָוואַקיי גרייט זיך הילף פאַר פוילען. די אונגאַרען, די אייביגע פריינד פון פוילען, וועלכע האָבען זיך אַזוי האַרציג געקושט מיט די פּאָלאַקען, ווען זיי האָבען באַקומען אַ בשותפות׳דיגע גרעניץ דורך דער ערד פון טשעכיע — שאַפען איצט ספּעציעלע

לעגיאָנען אונטער דעם אַלטען לאָזונג: „פּאָלאַק וועגנער דוואַ בראַטאַנקי — אי דאָ שאַבלי אי דאָ שקלאַנקי" („דער פּאָלאַק און דער אונגאַר צוויי קוזינען — סיי צום שווערד סיי צום גלעזעל")... סאָוועט־רוסלאַנד קאָנצענטרירט מי־ליטער ביי דער פּוילישער גרעניץ און וועט אויך קומען פּוילען צו הילף. עס זאָל אַנטשטעהן אַ בונד פון אַלע סלאַווישע פעלקער... ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען גיגאַנטישע קריגס־ערפינדונגען, וואָס וועלען דייטשלאַנד חרוב מאַכען. בערלין ווערט אַזוי שטאַרק באָמבאַרדירט, אַז די דייטשע רעגירונג האָט זיך גע־מוזט איבערטראָגען קיין קראָקע.

אָבער די גרעסטע סענסאַציעס זיינען די אידישע:

...ארץ־ישראל, פון ביידע זייטען ירדן, אָנערקענט אַלס אידישע מלוכה. וויצמאַן באַשטימט אַלס צייטווייליגער מלוכה־פּרעזידענט — ביז עס וועלען פאָר־קומען דעמאָקראַטישע וואַהלען. איז דער ציוניסטישער מחנה איז בורגפרידען. דער מיניסטאָרען־ראַט באַשטעהט פון זשאַבאָטינסקי — קריגס־מיניסטער, בן־גוריון — אינערן־מיניסטער, טשערטאָק — אויסערן־מיניסטער. סטיפען וויז פאָדערט, אַז דער אַמעריקאַנער וועלט־קאָנגרעס זאָל האָבען אַ דעצידירענדע דעה אין דער פּאָליטיק פון פּאַלעסטינע. דאָבקין, דער דירעקטאָר פון עמיגראַציע דעפּאַרטמענט, האָט אַרויסגעשיקט שיפען קיין קאָנסטאַנצע און קיין אָדעס — זיי וועלען דאָרט וואַרטען אויף פליכטלינגען פון פּוילען, כדי זיי ברענגען אין פּאָרט פון תל־אביב; די פּאָרטען אין חיפה און יפו זיינען ניט גענוג זיכער צוליב מעגליכע נייע אַראַ־בישע אומרוהען...

מיר הערען אוים אַלע ידיעות מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם. מיר צווייפלען אין זייער ריכטיגקייט, אָבער מיר זיינען אַנטציקט פון זייער שעהנקייט.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַלץ? — פרעגען מיר אונזערע אינפאָרמאַ־טאָרען.

— דער ראַדיאָ האָט עס געמאָלדען.

— וועלכער ראַדיאָ? די ערשטע פּוילישע ראַדיאָ־סטאַנציע ביי ראַשין איז דאָך צושמעטערט, אויך די צווייטע איז שווער צו דערהערען... — פאָרשען מיר ווייטער אונזערע נייע פריינד. זיי ערקלערען אונז רוהיג און געלאַסען:

— צוויי נייע ראַדיאָ־סטאַנציעס זיינען איצט אַנטשטאַנען און זיי אינפאָר־מירען גענוי וועגען אַלעמען: אַ אידישער ראַדיאָ מיט דעם נאָמען איוו"אַ („אידען ווילען אַזוי"...) און אַ פּוילישער ראַדיאָ פּי. פּי. פּי. („פּעוויען פּאַן פּאַוויעדזיאַל" — „איינער האָט געזאָגט"...).

אונזערע דריי נייע פריינד האָבען אונז אָפּגענאַרט, אָבער מיר זיינען אויף זיי חלילה ניט ביין. עס איז זעהר גוט געווען צו האָבען אילוזיעס, כאָטש אין פאַר־לויף פון צעהן מינוט... איבעריגענס, היינט איז ליכט אָפּצונאַרען, ווייל אַלץ

איז מעגליך. זייערע ידיעות זיינען געווען אזעלכע נאטירליכע, אז עס איז ווירקליך א וואונדער, און אודאי אויך א שאד, וואס עס איז אנדערש.

אידען זיינען, טראץ אלעמען, א פרעכטיג פאלק מיט א געזונטען לעבענסגייסט: אט, דאכט זיך, געהען זיי פאראורמערטע, נידערשלאגענע און צושראקענע, אבער זיי וועלען פארט ניט אדורכלאזען קיין געלעגענהייט פון אויסשמידען אין א „הייסער מינוט" די פיינסטע וויצען באהויכטע מיט ראפינירטען שארפזין. א שאד, וואס איך האב ניט פארנאטירט די צעהנדליגער חכמות, געבוירענע אויף יענע וועגען, פולע מיט אפשפעטונג פון „יעקע", פון דער גאנצער וועלט און פון זיך אליין...

ניט ווייט פון וועלדעל, וואו מיר געפינען זיך, ציהען זיך רעלסען. פלוצלונג קומט אן א צוג און ער שטעלט זיך אפ נעבען אונז, ווי מיר וואלטען איהם טעלעפאניש באשטעלט... דער צוג באשטעהט פון איניגע פאסאזשיר־וואגאנען און דריי לאסט־וואגאנען. אין צוג הערשט א שרעקליכע ענגשאפט. בלויז די מענשען, וועלכע שטעהען ביי די טירען אדער אויף די טרעפ, שפרינגען אראפ אויף דער ערד, כדי אויסצוגלייכען די איינגעהויקערטע פלייצעס. די איבעריגע פאסאזשירען האבען מורא צו פארלאזען די ערטער, ווייל אנדערע וועלען זיי פארכאפען. אין צוג געפינען זיך מעהרסטענס באהן־ארבייטער, אבער עס איז דא אויך אביסעל זייטיגע מענשען, און אפילו אידען.

— צו וואס האט איהר זיך דא פארהאלטען? — פרעגען מיר איינעם פון די פאסאזשירען, וועלכער שפאצירט ביים צוג.

— דער לאקאמאטיוו־פיהרער האט דא ערגעץ א מיידעל, האט ער זיך פארהאלטען, כדי איהר מיטצונעהמען.

— וואוהין פאהרט איהר?

— מיר ווילען פאהרען קיין בריסק, אבער מיר וועלען פאהרען ביז די רעלסען וועלען זיך איבעררייסען, מיר האבען זיך שוין איין מאהל אין וועג צוליב דעם פארהאלטען, אבער עס האט זיך אונז איינגעגעבען די רעלסען צו פאריכטען און ווייטער לויפען... קומט מיט אונז! מיר וועלען אייך ערגעץ אריינפרעסען!

— און עראפלאנען שוינען אייך?

— זיי האבען אונז שוין פיל מאהל באמבארדירט, אבער מיר לויפען שנעל, און גאט איז א פאטער...

דער לאקאמאטיוו־פיהרער קומט צוריק און פיהרט מיט זיך א שעהן שיקסעל און אן אלטע גויה — די מאמע פון שיקסעל. די אלטע גויה הערט ניט אויף צו ריידען און אראפצודערצעהלען פון הארץ איהר אומגליק:

— דא ציהט סטאשעק (דער טאכטער'ס חתן) צום צוג, דארט ציהט קראסנולע (א קוה) צום שטאל... א רחמנות אויף מיין קראסנולע! א רחמנות אויך אויף מיר, ארימע יתומה נעבעך!

באַלד וועט דער צוג ריהרען פון אָרט. אַלע וואַגאָנען זיינען איבערפולט, אָבער אין לעצטען וואַגאָן איז נאָך מעגליך זיך אַריינצושטופען. מיר קאָנען ניט פאַהרען, ווייל אונזערע דריי חברים זיינען געגאַנגען אין דאָרף ברענגען פאַר אונז שפייז, מיר קאָנען דאָך זיי ניט איבערלאָזען... מיר לייגען פאָר די באַגעגענטע פריינד, אַז אויך זיי זאָלען בלייבען מיט אונז. די פרוי איז גרייט מיט אונז צו בלייבען, ווייל זי וויל זעהר געהן „מיט אַזאַ סימפּאַטיש זיבעטעל"; איהר ברודער וואַקעלט זיך, ווייל אויך איהם זיינען מיר „צוגעפאַלען צום האַרץ", אָבער דער מאַן איז צו אונז כמעט פיינדליך געשטימט און ער שרייט צו זיין פרוי און צו דעם שוואָגער:

— שנעלער, שנעלער! דאָס איז די איינציגע געלעגענהייט!

ער שטופּט זיין פרוי ברוטאַל, כמעט מיט געוואַלד, אַריין אין אַ לאַסט־וואַגאָן („40 זעלנער אָדער 12 פערד"), ער און זיין שוואָגער שפּרינגען אַריין נאָך איהר. די פרוי קוקט צו אונז אַרויס און טרעהרען גלאַנצען אין איהרע אויגען... אונזער יונגער סטודענט ציטערט פון אויפרעגונג און מיטלייד.

דער צוג פאַהרט אַוועק. מיר געהען צוריק אין וואַלד און זעצען זיך אויס אויפ'ן גראָז. דער יונגער סטודענט זאָגט שטיל, ווי בלויז צו זיך אַליין:

— עפּעס מאָדנע איז געווען דאָס פלוצלונגע ערשיינען פון דער פרוי מיט די צוויי מענער און זייער פלוצלונגער אַוועקפאַרען מיט דעם קאַשמאַר־צוג... עפּעס איז אויף אַלעמען געלעגען אַ מאָדנער הותם פון אומקום... ווי זיי וואָלטען אַליין געלאָפען אין מויל פון טויט...

מיר ווערען אַלע דערציטערט פון די ווערטער. גוטמאַן, וועלכער האָט ביז איצט כמעט ניט גענומען קיין אַנטייל אין דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען, צושרייט זיך פלוצלונג מאָדנע בייז אויף דעם יונגען סטודענט:

— ווער פאַרשוויגען! אַנגעלייענט זיך מיט עדגאַר פּאָ, אָנגעזאַפּט זיך מיט פילמען פון פראַנקענשטיין און אַנדערע ווילדע מעשיות, און וויל אונז דערצעהלען וועגען פאָרגעפילען! פאַרפייניג אונז ניט!

דער יונגער סטודענט ווערט פאַרשוויגען, אָבער זיין האַרץ איז פאַרקלעמט מיט דעם גורל פון דער פרוי אין צוג ניט ווייניגער ווי מיט דעם גורל פון זיין מיידעל אין וואַרשע.

מיר ליגען שווייגענדיג. גוטמאַן דרימעלט. אַזוי געהט אַוועק אַ צייט. פלוצלונג דערהערען מיר אַ הילך פון אַ ווייטען אויפרייס. מיר זיינען אומרוהיג, וואָס אונזערע דריי חברים זיינען ניט צוריקגעקומען. אפשר איז מיט זיי עפּעס געשעהן אין דאָרף אָדער אין וועג...

עס ציהען זיך אַזוי פאַמעלעך איינציגע שעה. מיר ריידען וועגען געהן זיי זוכען, ביז מיר דערזעהן זיי פון דערווייטענס, ווי זיי דערנעהענטערען זיך צו אונז באַלאָדענט מיט שווערע רענצלאַך. זיי האָבען געבראַכט גאַנצע אוצרות: עטליכע

לאַבענס שוואַרץ ברויט, עטליכע צעהנדליג האַרטע אייער, אַ רענצעל באַרנעס, און לסוף, עכטע קעניגליכע פּאַטראָנעס: צוויי געפּרעגעלטע היהנער פאַר אונז פיר, ווייל זיי דריי האָבן אין דאָרף געגעסן.

מיר וואַרפן זיך אויסגעהונגערטע אויף די היהנער און אויפ'ן ברויט. איבער אונזערע ליפּן רינט שמאַלץ, אונזערע ציינער גריזשען הויך די ביינדלעך, מיר עסן מיט שמוציגע הענט — און זיינען גליקליך.

ווען מיר האָבן זיך שוין אָנגעגעסן צו דער זעט, הויבן מיר אָן אויס־פרעגן אונזערע שליחים, וואָס זיי האָבן געהערט און געזעהן אין דאָרף. זיי שווייגן. בלויז דער אינזשיניר רופט זיך לסוף אָן — ער פרעגט מיט אַ טרויעריגען פאַרוואורף:

— פאַרוואָס האָט איהר מיינע פריינד דאָ ניט פאַרהאַלטן?

דער טאָן פון זיין ריידן טראָגט אין זיך אַן אָנזאָג פון אומגליק און מיר וואַרטן מיט ציטערניש אויף זיינע ווייטערדיגע ווערטער:

— איהר האָט זיי אָוועקגעלאָזט... איינינגע קילאָמעטער נאָך דעם דאָרף, וואו מיר זיינען געווען, האָבן עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט אַ צוג. איין וואַגאָן, דער לעצטער, איז געוואָרן פולשטענדיג צושמעטערט. דער לאָקאָמאָטיוו מיט די איבעריגע וואַגאָנען זיינען אַנטלאָפן. עס זיינען דאָ זעכציג קרבנות. אונזער פריינדין טויט, איהר ברודער שווער פאַרוואונדעט; בלויז איהר מאַן און נאָך צוויי פערזאָנען זיינען געבליבן אומבאַריהרט. מען האָט אַלעמען געברענגט אין דאָרף אַריין. דאָרט געפינט זיך צופעליג אַ מיליטערישער אַמבולאַנס מיט דאָקטוירים. זיי האָבן געטאָן וואָס עס איז נאָר מעגליך, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין וואַטע און קיין באַנדאַזשען. די פאַרוואונדעטע האָבן געברענגט זייערע לייכער און זונטאָגדיגע קאָפּטיכלאַך... דאָס עסן האָבן מיר נאָך פאַר דעם אומגליק געהאַט איינגעקויפט... איך האָב געפרעגט מיין אומגליקליכען פריינד פאַר־וואָס ער איז ניט געבליבן מיט אייך — האָט ער אויף מיר געקוקט ווילד — ניט פאַרשטאַנען די פראַגע אָדער ניט געוואָלט ענטפערן... ער איז איצט געבליבן ביי זיין טויטער פרוי און פאַרוואונדעטן שוואָגער.

מיר זיצן אַלע נידערגעשלאָגן. פאַר מיינע אויגן באַווייזט זיך, ווי לעבע־דיג, די וואונדערבאַר שעהנע פרוי: זי שטעהט אין אָפענעם וואַגאָן און וויל זיך פון דאָרט צו אונז אַרויסרייסן, ווי זי וואָלט פאַרגעפילט דעם שרעקליכען סוף.

מיר אַלע האָבן עס אין יענעם מאָמענט פאַרגעפילט...

22

איבער דעם טייך בוג

שפּעט בײַנאַכט דערגרייכען מיר וולאָדאַווע. אַלע וועגען זײַנען איבערפֿולט מיט פּויליש מיליטער. דער בריק איבער דעם טייך בוג איז באַוואַכט דורך זעלנער. וועלכע לאָזען קיינעם ניט אַריבערגעהן, אויסער מיליטער־לײַט. אַ מאַסע פֿון פּליטים שטופּט זיך און שטויסט פֿאָראויס. מען האָט שוין אין אונזער אַניוועזענהייט איינינגע מאָהל געשאָסען אין דער לופֿט, כּדי אָפּצושרעקען די ציווילע, וועלכע שפּאַרען אָהן אויפֿהער און ווילען דוקא אַדורכרײַסען זיך דורך דעם בריק. מען זאָגט, אַז מיט איינינגע שעה צוריק זײַנען דערשאָסען געוואָרען זעהר פֿיל מענשען וועלכע האָבען בשום אופֿן ניט געוואָלט אָפּטרעטען דעם וועג פֿאַר זעלנער. מיליטער־לײַט טענה׳ן, אַז דער גרעסטער אומגליק נעהמט זיך פֿון דעם, וואָס ציווילען פֿאַרפֿילען אַלע וועגען און בריקען — דאָס פּאַראַליזירט די באַוועגונג פֿון מיליטער... עס איז דאָ אַ באַפֿעל צו זײַן ריקזיכטלאָז פֿאַר ציווילע, ווייל די דייטשען העלפֿט שטאַרק דער כאָאָס אין לאַנד... עס אַנשטעהט איצט אַ משונה׳דיגע שנאה צווישען מיליטער און פֿאָלק — צווישען מונדירטע און ציווילע ברידער.

די מיליטערישע וועכטער שרייען:

— בירגער! צוריק, צוריק! קיינער וועט ניט אַריבערגעהן דעם בריק! געהט צוריק אין אייערע היימען!

די ווילדע מאַסע שטורעמט:

— איז אונזערע היימען? מיר האָבען שוין ניט קיין היימען! לאָזט אונז דורך, איהר העלדען צום אַנטלויפֿען, איהר גבורים צום שיסען אייגענע ברידער!

אונזער „זיבעטעל״ ציינגט זיך איבער, אַז דאָ בײַם בריק לאָזט זיך גאַרניט אויפֿטאָן. מיר באַשליסען אַרײַנבאַקומען זיך אין שטעטעל דורך קרומע זייטיגע וועגען, ווייל אויך דאָס שטעטעל איז באַוואַכט און מען לאָזט ניט אַרײַן קיין פּליטים. מיר שפּרינגען איבער פֿאַרקאַנעם באַדעקטע מיט שטעכיגע דראָטען, מיר צורײַסען זיך די מלבושים, צווייגען קלאַפּען אונז איבער די געזיכטער — ביז מיר קומען ענדליך אַרײַן אין אַ פֿינסטער געסעל פֿון וולאָדאַווע. דער קראַנקער גוטמאַן כאַפּעט פֿון אָנשטרענגונג, אָבער ער בלײַבט ניט הינטערשטעליג. איך געה דער לעצטער און איך לײַכט פֿון צייט צו צייט פֿאָרזיכטיג מיט מײַן עלעקטרישע לעמפּעל,

כאטש עס איז פארבאטען, ווייל עס קען וועקען א פארדאכט, אז מיר סיגנאליזירע צו עמיצען. אין געסעל, וואו מיר האבען זיך פארהאלטען, געפינען זיך פיל קליינע הילצערנע אידישע הייזלעך.

עמיץ פרעגט אונז פון געדיכטער פינסטערניש: „אידען?״

„אידען!״ — ענטפערען מיר מיט שמחה. מיר פרעהען זיך, אז מיר האבען פארט געפונען עמיצען, וועלכער וועט אונז אפשר אנווייזען א וועג אין דעם פינסטערען לאבירינט.

נעבען אונז עפענט זיך פלוצלונג א ליכטיגער שפאלט — דאס האט מען עטוואס אפגעשפארט א טיר.

— קומט אריין, אידען!

מיר קומען אריין, אין א שטוב פון אן ארימען אידישען שניידער. די נעהמאשין איז צוגעדעקט מיט א ווייסען טישטוך. אויפ'ן טיש שטעהען שבת־לייכטער אין וועלכע די ליכט האבען זיך שוין אויסגעברענט.

— וויפיל מענשען זייט איהר? — פרעגט אונז אן עלטערע פריינדליכע ארימע פרוי, דעם שניידער'ס ווייב, און זי צעהלט אונז: — ניט איינס, ניט צוויי... ניט זיבען. אוי, רבונו־של־עולם, הלואי זאל שוין דיין וואך האבען זיבען ליכטיגע גליקליכע טעג . . . איך זעה, אז איהר זייט אלע זיידענע קינדער, א קלאג איז צו מיר; איהר קאנט כאטש ריידען אידיש, אז א־ד־און־וועה צו מיינע יאהרען?

מיר הויבען אן ריידען א געשמאקען אידיש און מיר דערוועבען פולשטענדיג איהר הארץ. די גוטע פרוי באציהט זיך צו אונז מיט מוטערליכע ליבשאפט:

— איהר זייט זיידענע יונגעלייט און וואוילערנער, א קלאג צו מיינע יאהר... זעצט זיך, איך האב עטליכע שטיקעלעך בידנע פיש, אביסעל יויך באשטימט אויף מארגען... עס מאכט ניט אויס, עס מאכט ניט אויס — איך און מיין מאן וועלען שוין געפינען מארגען וואס צו עסען... זיצט און עסט! אפשר ווייסט איהר, קינדערלעך, וואס עס הערט זיך אין פעסטונג מאדלין; דארט דינט מיין איינגסטער זוהן אין מיליטער, אז א־ד־און־וועה צו דער מאמען זיינער!

עסענדיג די געשמאקע פיש, די יויך און לאקשען, דערצעהלען מיר, אז מיר האבען זיך קוים אריינבאקומען אין זייער שטעטעל וולאדאווע, אז מיר ווילען וואס גיכער אריבער דעם טייך בוג — און מען לאזט אונז ניט.

די אידינע הערט אונז אויפמערקזאם אויס און זאגט צו איהר מאן:

— געה, לייזער קרויז, און דערוויס זיך וועגען א שיפעל פאר זיי; זאל דיך גארניט הארען, אז היינט איז שבת... אפשר איז איצט אונזער דוידל אויך ביי א פרעמדען טיש, אוןווארט אויף ליטענס הילף...

דער שניידער ווערט פארשוואונדען, קומט צוריק נאך איינינע מינוטען און ערקלערט, אז זיין גוי'שער שכן וועט אונז אריבערפירען מיט א שיפעל איבער דעם טייך פאר צעהן זלאטעס פון א פערזאן. מיר האלטען שוין ביים סוף פון אונזער

שבת־סעודה און מיר קלערן, ווי אזוי זאָלן מיר באַצאָהלן דעם אָרימען שניידער פאַר אונזער עסן און פאַר זיין טירחה, אָבער די פרוי רייסט איבער אונזער שטיל שעפּטשען און זאָגט :

— הערט, קינדערלעך, שעהמט זיך ניט, איהר האָט אפשר ניט קיין געלד פאַר דעם שיפער, וועל איך אייך אויסבאָרגן.

מיר זיינען פאַרשעהמט. מיר דאַנקען און פּרובירען איבערלאָזען געלד מיט דעם תירוץ : „זאָל עס זיין פאַר אַנדערע, וואָס וועלען צו אייך קומען"... אָבער די בעל־הבית'טע פּראָטעסטירט : „וואָס זיינען מיר, אַז אַד־און־וועה צו אונזערע יאָהרען, קיין אידען ניט ?! אַז עמיץ וועט דאַרפען — וועלען מיר שוין אַרויס־העלפען; און איהר — וואונד־און־וועה צו היטלער'ס קאָפּ — פאַרהאַלט זיך אייער געלד, עס וועט אייך צוניץ קומען...

מיר געזעגענען זיך מיט דער ליבהאַרציגער פרוי און יעדער פון אונז קושט איהר האַנט, ווי עס איז אָנגענומען איז פוילען אין די פאָרנעהמע הייזער... דאָס איז אָבער ניט קיין נוסח'דיגער פוילישער קוש — מיר אַלע פון „זיבעטעל" און אויך די פרוי מיט איהר מאַן זיינען אין דעם מאָמענט גערירט און האָבען טרערען אין די אויגען : דאָס איז אונזער אויסדרוק פון ליבשאַפט און אַכטונג צו דער היימיגער אויסגעהאָרעוועטער מיט מאַזאָליעס באַדעקטער האַנט פון דער אידישער פאָלקס־מאַמע, דאָס איז אונזער געזעגענונג און גרוס צו אַלע מאַמעס אויף דער גאַנצער וועלט, וועמענס קינדער עס בלוטיגען אויף שלאַכטפעלדער אָדער וואַנדערען פאַרוואָגעלטע און ווערען צוגעטוליעט דורך פרעמדע מאַמעס...

אונזער פריינד, רב לייזער, פיהרט אונז דורך פינסטערע געסלעד, וועלכע געהען באַרג אַראָפּ ביז צום טייך בוג. ביים ברעג געהען מיר אַרונטער אויף הילצערנע טרעפּ און שטייגען אַריין אין אַ קליין שיפעל וואָס וויגט זיך פאַמעלעך איבער'ן וואַסער.

מיר שיפען זיך שטיל. מיר הערען, ווי פון דערווייטענס, איבער דעם בריק פאָהרען טאַנקען און האַרמאַטען — דאָס ראַטעוועט פוילען איהרע לעצטע רעשט־לאַך. מיר גנב'ענען זיך דורך דעם טייך בוג, וועלכער זאָל פוילען צושניידען אויף צוויי חלקים : איין טייל, וואָס האָט שוין רעזיגנירט און זינקט אונטער די נאַצישע שטיוועל — און אַ צווייטע טייל, וואָס גרייט זיך צו אַ ווידערשטאַנד ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט... צי זיינען מיר אַלע פאַרמישפּט אויף אונטערגאַנג, אָדער מיר וועלען נאָך צוריקקומען אַהיים ?... מיר קוקען מיט פאַרקלעמטע הערצער אויף דעם געהיימניספולען שוואַרצען שפּיגעל פון טייך. אונזער שיפער, וועלכען מיר פרעגען וועגען נייעס, צושפּרייט הילפלאָז די הענט און זאָגט : „טילקאָ בוג וויע" — און מיר פאַרשטעהען ניט, צי מיינט ער : „נאָר גאָט ווייסט", אָדער, אַז דער געהיימניספולער טייך „בוג ווייסט", ווייל דער ווייטער ג אָ ט און דער

יאָהענטער ט י י ך טראָגען איז דער פּוילישער שפּראַך איין בשותּפות'דיגען נאָמען בּ ו ג.

אונזער שיפער פאָהרט לאַנג לענג־אויס דעם טייך, כּדי מיר זאָלען ניט דאַרפען אויסשטייגען אויף אַן אָרט וואו עס סטאַנציאָנירט מיליטער, ווייל היינט איז פּלוצ־לונג אַרויס אַ באַפעהל, אַז קיינער זאָל מעהר ניט אַריבער דעם טייך. אויפ'ן וועג זעהען מיר האַרט נעבען בּרעג אַ פּרעכטיג באַלויכטען הויז: אַלע פענסטער שיי־נען אַזוי פרעהליך און ליכטיג, ווי עס וואָלט דאָרט פאָרגעקומען אַ גרויסער באַל; דאָס ליכט, וואָס באַקומט זיך אַרויס דורך די פענסטער, טויישט די קאָלירען און ווערט אַמאָהל ליכטיגער, אַמאָהל פינסטערער, ווי מען וואָלט דאָרט הונדערטער טאַנצענדע פּאָרלעך באַשטראַהלט מיט מעכטיגע רעפלעקטאָרען און געצויבּערט מיט פאַרביגע ליכט־עפעקטען...

— פון אַ צינדר־באָמבּע בּרענט שוין אַזוי איינינע שעה דאָס שעהנסטע געמויערטע הויז אין וולאָדאַווקע (אַזוי הייסט די צווייטע זייט וולאָדאַווע); עס בּרענט בּלויז אינווענינג אַלץ וואָס פון האָלץ: דאָס מעבעל, די דילען, די ראַהמען פון פענסטערס...

אונזער שיפעל דערגרייכט ערגעץ אַ שטילען פינסטערען בּרעג און מיר שטיי־גען אויס. דער שיפּער עצה'ט אונז:

— לויפט גלייך מיט די פעלדער אַ צוויי־דריי קילאָמעטערס, דאַן פאַרקירע־וועט אויף לינקס און מישט זיך אויס אויפ'ן שאָסיי מיט אַלע פּליטים, וועלכע זיי־נען אַריבערגעגאַנגען דעם טייך איינינע שעה פאַר אייך, איידער עס איז אַרויס דער פאַרבאָט... זיי ענדערען דאָ די גזירות יעדע עטליכע שעה, די רעכטע האַנט ווייסט ניט, וואָס די לינקע האָט געטאָן.

מיר זיינען שוין אויף דעם צווייטען זייט פון טייך בּוג, אָבער עס ווערט אונז ניט פרעהליכער אויפ'ן האַרץ. מיר פיהלען, אַז אונזער וואַנדער־וועג איז נאָך ניט פאַרענדיגט.

23

אין קעניגרייך פון ווייסרוס מיקיטאַ

עס איז נישטאָ קיין מענטש אויף דער וועלט, וועמענס שעה עס זאָל אַמאָל ניט קומען. היינט האָט געשלאָגן די שעה פון מיקיטאַ.

פּוילישע מיניסטאָרן אין וואַרשע, וואָיעוואָדעס אין נאָוואָגרודעק און אין לוצק, סטאַראָסטעס אין קאָוועל און אין בריסק, פּאָליציי־קאָמיסאַרן אין גראָדנע און אין לידע, פּאָליציאַנטן אין אַלע פּאַרוואָרפענע דערפלעך — האָט זיי אַלע האָבן זיך פאַרלייגט ניט בלויז אויף דעם איד משה, נאָר אויך אויף דעם ווייס־רוס מיקיטאַ... פאַר שטייערן איז פאַרקויפט געוואָרן זיין לעצטע קוה, מען האָט איהם ניט דערלויבט עפענען אַ ווייסרוסישע שולע פאַר זיין קינד, מען האָט געשיקט קעגן מיקיטאַ מהנות באַוואָפנטע מיט ביקסן און שווערדן, מיט גומענע פּאַלקעס און בלייענע ריטער — און מען האָט עס גערופן „פּאַציפיקאַ־ציע"; מען האָט ביי מיקיטאַ גערויבט ערד און אַריינגעזעצט דאָרט קאָלאָניזאַטאָ־רן — אָסאַדניקעס, וועלכע האָבן כלומרשט געהאַט הויכע צילן: הויבן די אינטעליגענץ פון פּרימיטיווע מיקיטאַ און פאַרטיידיגן זיין ערד קעגן באָלשעוויזם, זיי האָבן אָבער באמת געדינט אַלס אַ היטל און אַ מסור ביי דעם פּאָלי־ציאַנט, אַלס אַ מיטהילף און אַ מסור ביים אומ'ברחמנות'דיגן שטייערן־באַאַמטן.

לאַנגע יאָהרן האָט מיקיטאַ געקריצט מיט די ציינער און געשוויגן. געקוקט, ווי מען פאַרפרעמדט זיינע קינדער, געקראָגן קלעפּ, געזעסן אין תפיסות, געבויט אָהן געלד שאָסייען, געצויגן מיט הכנעה דאָס היטל פאַר דעם פּאָליציאַנט און פאַר דעם פּוילישן אָסאַדניק. מיקיטאַ האָט געשוויגן, אָבער ער האָט פיינד געהאַט מיט אַ גרעניצלאָזע שנאה. געווען שטענדיג אונטערטעניג, אָבער געטאָן אַלץ, וואָס מעגליך, כדי „אָפּצודינען דעם פּאַן". קיין גרויסע מעגליכקייטן פון נקמה האָבן די מיקיטאָס ניט געהאַט, ווייל אומעטום האָט געוואַכט דאָס אויג פון פּאָליציאַנט און פון אָסאַדניק — פלעגן זיי נאָר אַמאָל אָפּברענען דעם אָסאַדניק עטליכע סטויגן היי, פאַרשלעפּן איהם אַ פּאָר פערד, עטליכע היהנער; אָדער ביים „בעסטן" פאַל: אונטערצינדן אַ פּריציש פּאָלוואַרק, שיסן פון ווינקעל צו אַ פּאָליציאַנט; אָדער, וואָס עס איז געווען אַמלייכסטן: לאָזן זיך

וואוילגעהן איבער אידען און אויסלאָזען צו זיי דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ, אויב עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון שטעטעל, אַז עס גרייט זיך אַ פּאָגראָם.

דער פּ אָ ל י צ י אַ נ ט און דער ש ט י י ע ר ־ ע ק ז ע ק ו ט אָ ר — דאָס איז געווען דער העכסטער שטאַפּעל פון הערשאַפט פאַר מיקיטאַ. קיין העכערס פאַר זיי האָט ער ניט געקענט. לויט זיי פלעגט ער מעסטען אַלץ, וואָס עס קומט פאַר אין די שטעדט און אין דער הויפט־שטאָדט. דער סטאַראָסטאַ, דער וואָיע־וואָדע, דער קאָמיסאַר, דער מיניסטער, דער פּרעזידענט — און אפשר אפילו: גאָט — זיי אַלע זיינען פּאָליציאַנטען און שטייער עקזעקוטאָרען, נאָר גרעסערע און מעכטיגערע.

האָט דער אַלטער מיקיטאַ שוין געוואָלט הינפונגסלאָז אַ מאָל טאָן מיט דער האַנט און אונטערוואַרפען זיך דעם געבאָט פון מלכות, אָבער זיינע זיהן האָבען ניט געלאָזט, אַז עס זאָל זיך אויסלעשען דאָס פייערעל פון בונט: אין די ווינ־טערדיגע לאַנגע נעכט, ביים שיין פון אָנגעצונדענע הילצערנע קיהנדעלער, פלעגען זיי דערצעהלען זייערע טאַטעס און מאַמעס וועגען אַ ווייסרוסישע מלוכה, וועלכע געפינט זיך ביי די נאָהענטע גרעניצען... דאָרט איז אַלץ פריי, יעדער האָט זיין ברויט, זיינע בהמות, ביינאַכט שיינט דאָרט עלעקטריע, מען לייענט צייטונגען און ביכער, מען געהט אין טעאַטער און מען זעהט פילמען, און אַלץ איז ווייסרו־סיש... דאָ וועט אויך אַזוי זיין, אַז די באָלשעוויקעס וועלען קומען.

האָבען די אַלטע ניט געגלויבט אין די קינדערישע באַריהמערייען: עס איז ניטאָ קיין שטאַרקערער פאַר דעם פּוילישען פּאָליציאַנט און קיין קלוגערער פאַר דעם פּוילישען פּאַן.

נאָר וואונדערען פלעגען זיך די פויערים, אַז מען שלעפּט זייערע זיהן, וועלכע דערצעהלען נאַרישע קינדערישע מעשיות, אין די ווייטע פּוילישע תפיסות אַריין און מען פאַרפייניגט זיי דאָרטען פיל יאָהרען... און ווען זייערע זיהן קומען צוריק פון די תפיסות, איז זיי ניט מעהר צו דערקענען: אַזוי קלוג און באַריי־דעוודיג ווערען זיי, ווי זיי וואָלטען זיך דאָרט אויסגעלערענט אַלע חכמות... און זיי דערצעהלען ווידער אַזוי שעהן וועגען די באָלשעוויקעס און פאַרשטאַרקען דעם פייער פון שנאה צו די פּאַנעס. מיקיטאַ און זיינע שכנים קענען זיך אָבער פאָרט ניט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ מעכטיגערער פון אַ פּוילישען פּאָליציאַנט.

אָבער פּלוצלונג, אין די הייסע טעג פון סעפּטעמבער, האָט מיקיטאַ דערזעהן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז איהם געווען פיל וואונדערליכער און משונה'דיגער, ווי דאָס זשומען פון עראָפּלאַנען אין די הימלען און דאָס האַגלען מיט קוילען. דאָס אומפאַרשטענדליכסטע פאַר מיקיטאַ איז די נייע דערשיינונג: פּ אָ ל י צ י אַ נ ט ע ן אַ נ ט ל ו י פ ע ן. צעהנדליגער, הונדערטער פּאָליציאַנטען אַנטלויפען פאַרסאַפּעטע און פאַרשוויצטע אויף זייערע וועליסאַפּעדען — אוים מיט זייער באַפעהלערישען

טאָן, מיט זייער גאוה און מיט זייער גבורה; פון זייערע אויגן קוקט אַרויס שרעק און פאַרצווייפלונג.

אַזאַ ספּעקטאַקל האָט מיקיטאַ זיך אַפילו אין זיינע הערלעכסטע חלומות ניט פאַרגעשטעלט... ניטאָ מער קיין פּאָליציי אין ווייסרוסישן דאָרף. אַלע פּאָ־ ליציאַנטן האָבן זיך פּלוצלונג דערשראָקן פאַר מיקיטאַ און זיינע זין.

מיקיטאַ'ס לאַנג־פאַרהיילטע וואונדן עפענען זיך צוריק אויף און הויבן אָן צו אייטערן, אַלע עוולות און באַליידיקונגען וואַכן אויף פון פאַרשלאָפענעם זכרון און זיי מאָנען נקמה.

עס האָט געשלאָגן די גרויסע שעה פון נקמה פאַר דעם ווייסרוס מיקיטאַ!

מיין פּוילן, לאַנד פון מיינע טאַטעס און זיידעס! אַ שטיפמאַמע ביסטו געווען ניט בלויז צו מיר און צו מיינע אידישע ברידער, נאָר אויך צום אוקראַינער גאַווריליק און צום ווייסרוס מיקיטאַ! אין שעה פון דיין שווערן נסיון, ווען דער גורל האָט דיך אַזוי שווער געפּרואווט און געשטראָפט — האָב איך דיר מוחל געווען דיינע חטאים און כ'האָב אָנגעהויבן האָפן, אַז דו וועסט צוריק אויפ־ געריכט ווערן און דו וועסט מיר ווידער אַמאָל ווערן אַ מאַמע, אָדער כאָטש אַ שטיפמאַמע; אָבער גאַווריליק און מיקיטאַ ווילן דיר דיין רשעות ניט מוחל זיין, כאָטש זיי זיינען צוזאַמען מיט דיר פון איין סלאַוויש טייג געווען געקנעטן...

און אויסגעלאָזן האָט זיך איצט מיקיטאַ'ס כעס ניט בלויז צו דעם פּאָליציאַנט און צו דעם אָסאַדניק, נאָר אויך צו מיר, צו גוטמאַנען, צו אונזער „זיבעטל", כאָטש מיר האָבן קיינמאָל אין אונזער לעבן מיקיטאַן ניט געזען, ניט געטאָן איהם קיין שלעכטס, און מיר זיינען אַלע — סיי משה, סיי גאַווריליק, סיי מיקיטאַ — געשלאָגן געוואָרן דורך דער זעלבער בייטש.

די שפּורן פון באָמבאַרדירונג זיינען אין די ווייסרוסישע דערפער אויף דעם צווייטן זייט בוג געווען ניט קיין באַדייטענדע, אָבער פון יעדע כאַטע האָט צו אונז אַרויסגעקוקט שנאה, האָט אונז נאָכגעשפּיגן פאַראַכטונג.

— ווייטער! ווייטער! — האָט מען פון די ווייסרוסישע כאַטעס געשריגן צו די אָרימע פּליטים, — ניטאָ קיין וואַסער! מיר האָבן ניט פאַר אייך קיין עמערס צום שעפּן וואַסער פון די ברונעמער! איהר ווילט ברויט — זוכט ביים שטייער־עקזעקוטאָר! איהר ווילט מילך — געהט צום אָסאַדניק, וועלכער איז פון דאַנען נעכטן אַנטלאָפן! ווייטער! ווייטער!

ווייסרוסישע שקצים וואַרפן שטיינער, שיקסלאַך לאַכן הויך און שפּעטן פון אונז.

סיי די אידישע, סיי די קריסטלעכע פּליטים, זיינען געגאַנגען איבער די ווייס־ רוסישע דערפער פאַרשעהמטע און צושראָקענע: די ערד האָט געברענט אונטער

אונזערע פיס... דאס האט מען אונז באצאהלט מיט פאראכטונג פאר די מעשים פון פאליציאנט און סאטראפ.

מיר געהען צופעליג נעבען א גרופע ווארשעווער פוילישע טראמוויי־ארבייטער, טעטיגע סאציאליסטען, „פעפעסאוועצעס". זיי שעלטען און רייזערען זיך אויף די טעמפקייט און די פינסטערקייט פון די וויסרוסישע פייערים, אבער ווען עטליכע פוילישע סטודענטען ווארפען זיך שלאגען אויף יונגע ווייסרוסען, וועלכע קוקען זיי נאך מיט פינסטערע שנאה־בליקען, רייסען די ארבייטער איבער דעם געשלעג און זיי רופען:

— אוועק מיט אייערע לאפעס. פריצישע זיהנדעלעך! איהר ווילט נאך פארגרעסערען דאס פייער. אז מען זאל דא ביינאכט אונז אלעמען אויסשעכטען?! דאס שניידען מיר היינט, וואס איהר האט ביז איצט פארזייט!

גוטמאן פיהלט זיך זעהר שלעכט. ער פיבערט. דאס ביינאכטיגע שיפען זיך איבער דעם בוג האט, ווייזט אויס, געווירקט שלעכט אויף זיין געזונט. מיר האלטען איהם אונטער די הענט און פיהרען איהם פאמעלאך. עס איז קאנטיג, אז ער האט ווידער הויכע טעמפעראטור... איז דער זעלבער צייט פארגרעסערט זיך די בהלה און דער געלויף פון די פליטים, ווייל עס פארשפרייטען זיך קלאנגען, אז די דייטשען זיינען שוין אין פיל ערטער אריבער דעם בוג. אלע לויפען, נאר אונזער „זיבעטעל" איז פארנומען מיט דעם קראנקען חבר און מוז באוועגען זיך קוים־קוים... גוטמאן בעט, אז מיר זאלען איהם איבערלאזען און מיר זאלען זיך ראטעווען דורך גיכען לויפען ווייטער. מיר ווילען עס ניט טאן... . צי קענען מיר איהם איבערלאזען ערגעץ אין א פיינדליך ווייסרוסיש דארף, וואו מיקיטא'ס אויג זוכט א קרבן פאר זיין נקמה?

פארנאכט געהען מיר אראפ פון שאסיי און דערגרייכען א זייטיגען דארף. וואס זאלען מיר טאן מיט גוטמאנען? זיין גאנצער קערפער פייערט פון היץ. ער פארלירט פולשטענדיג זיין לעבענס־לוסט און יעדע ווידערשטאנדס־קראפט קעגען זיין קראנקהייט. ער פארלאנגט פון אונז נאר איין זאך, אבער דאס איז פאר אונז איצט אומדערגרייכבאר: „גיט מיר א בעט".

מיר קלאפען אן אין טיר פון דער ערשטער כאטע. מיר זיינען זיכער, אז עס וועט זיך דערהערען א געבייזער פון ווייסרוסען און מיר טראגען זיך מיט א געדאנק צו דערווערבען מיט טערור א בעט פאר אונזער חבר... עס עפענט אונז אבער די טיר א זעהר סימפאטישע עלטערע פרוי. זי און איהר טאכטער פארנעהמען זיך גלייך מיט גוטמאנען. זיי לייגען איהם אויף א הילצערנעם שלאפבאנק, וואס זיי בעטען ווייך אויס מיט ריין ווייס בעט־געוואנד. די אלטע פרוי גיט גוטמאנען מיט א לעפעלע הייסע טיי און עפעס א רפואה קעגען די היץ. ווען ער טרינקט אויס, דעקט זי איהם איין, גלעט זיינע האר און זאגט צו איהם מוטערליך:

— עס וועט נאָך זיין גוט, טייבעלע! ניט געזאָרגט, דו וועסט נאָך זיין געזונט!

ווער זיינען די גוטע מענשען? פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען אין דעם מדבר פון שנאה צו אַלעמען, וואָס אָטעמט מיט אידיש אָדער פויליש?

דאָס זיינען פּאַלאַקען. די יונגע פרוי איז אַ פּוילישע דאָרפס-לעהרערין. איהר מאַן איז געווען אַן אויפזעהער איבער די רעגירונגס-וועלדער פון יענעם געגענד. ער האָט פיל שונאים צווישען די פּויערים, ווייל ער פלעגט זיי ניט ערלויבען צו גנב'ענען קיין האָלץ אין וואַלד. איצט איז ער ערגעץ אין מיליטער. זי האָט פיל פריינד אין דאָרף, ווייל זי פלעגט די קינדער לערנען אויך ווייס-רוסיש. איבערהויפּט איז איהר מוטער דאָ באַליבט; זי איז פאַר די פּויערטעס אַן אַקושערין, זי שטעלט אַלעמען אין דאָרף באַנקעס און גיט אַכטונג אויף אַלע קראַנקע. די בײדע פרויען האָבען מיט זייערע גוטע מעשים אַביסעל פאַרקלענערט די שנאה פון דאָרף צו אַלע פּאַלאַקען און צו איהר מאַן. זיי האָפען, אַז אויך איצט וועלען די ווייסרוסישע פּויערים ניט טאָן זיי קיין שלעכטס.

גוטמאַן בלייבט איבער אין דער גאַסטפריינדליכער פּוילישער שטוב. מיר ווילען אַלע בלייבען, אָבער דאָס איז ניט מעגליך צוליב פיל סיבות: די דירה איז אַ קליינע, די ווייסרוסישע שכנים דאַרפען ניט וויסען, אַז עס איז דאָ אַזוי-פיל מענער; אויב, חלילה, די דייטשען וועלען אָנקומען — איז אויך בעסער, אַז עס זאָלען דאָ ניט זיין אַזוי פיל יונגע אידען. די אַלטע פרוי עצה'ט, אַז אויב מיר ווילען דוקא עמיצען איבערלאָזען מיט גוטמאַנען — זאָלען דאָ בלייבען די אינגסטע צווישען אונז: בײדע סטודענטען. גוטמאַן איז מסכים. אויך די סטודענטען זיינען צופרידען פון דעם אויסוואַהל: זיי שטאַמען פון גוטמאַנ'ס שטאָדט, פון קעלץ — מען האָט זיי איבערגעגעבען צו וואוינען אין וואַרשע אונטער גוטמאַנ'ס השגחה און ער איז געווען פאַר זיי ווי אַ געטרייער עלטערער ברודער, ווען זיי בײדע איהם איצט אָפּצאָהלען; דערצו איז נאָך איינער פון זיי אַ מעדיקער.

די פרויען ברענגען אונז אַריין פון הויף וואַסער אויף אַרומצוואַשען זיך. מיר וואַשען זיך אין קיך און ניט אויפ'ן הויף, ווי ביז איצט אויף אונזער וואַנדער-וועג, ווייל די פרויען ווילען ניט, אַז פון די ווייטערע ווייסרוסישע כאַטעס זאָל מען אונז דערזעהן — „דער טייוועל ווייסט, וואָס זיי קאָן פּלוצלונג איינפאַלען"...

דורך דער צייט פון אונזער וואַשען זיך, גרייטען בײדע פרויען אָן פאַר אונז אַ גרויסען טאָפּ מיט קאַרטאָפעל. מיר עסען עס אַלע מיט גרויס אַפּעטיט פון צוויי שיסלען. גוטמאַן ליגט אַ צוהיצטער אויפ'ן שלאָף-באַנק, ער באַמיהט זיך ניט איינצושלאָפען כל-זמן מיר זיינען נאָך דאָ און ער באַשענקט אונז מיט אַ שמייכעל, כדי עס זאָל אונז לייכטער זיין אָפּצושיידן. ער שטאַרקט זיך אַביסעל און זאָגט:

— איך שלים-מזל האָב אייך פאַרשאַפט אַ שפּאַר ביסעל צרות...

— רייד ניט, גוטמאַן. מיר וועלן זיך פאַרהאַלטן אין קאַוועל, ווייל מיר האָבן שוין אויך ניט קיין כוח צו לויפן. אין קאַוועל וואוינען אַ סך אידען, וועט אונז לייכטער זיין איבערצובידעווען די שלעכטע צייט. דאָרט וועלן מיר וואַרטן אויף דיר און אויף די איבעריגע צוויי חברים. איהר זאָלט אין קאַוועל זיך נאָכפרעגן וועגן אונז אין דער העברעאישער שולע פון „תרבות"... מיר האָבן דיר, גוטמאַן, געגעבן צוויי סימפּאַטישע פרויען און צוויי געטרייע חברים, וועלן זיי דיך שנעל אויסהיילן.

מיר האָבן געענדיגט דאָס עסן. מיר נעהמען אונזערע רענצלעך און קוקן צום לעצטען מאָהל אויף אונזערע חברים, וועלכע בלייבן אין דער פרעמד. גוטמאַן בעט אונז:

— געהט שוין, געהט שוין, קוקט ניט אַזוי!

— זיי געזונט, גוטמאַן, זייט געזונט, חברים! מיר וואַרטן אין קאַוועל!

— זייט געזונט, חברים! זיי געזונט, ווייננאַרטען!

מיר געהען אַרויס פון דער פויערישער כאַטע פאַרטרויערטע און נידערשלאָגענע. דער הימעל איז אויסגעשטערנט און עס קוקן צו אונז אַראָפּ טויזענטער פרעגענדע אויגען. אַ שטערן רייסט זיך אָפּ און ווערט ערגעץ ווייט פאַרפאַלען...

פון דערווייטענס הילכן קאַנאָנען. אונזער „זיבעטעל" איז פאַרוואונדעט געוואָרען אין האַריץ: גוטמאַן און נאָך צוויי חברים זיינען געבליבן אין וועג — אין אַן איינזאַם פרעמד דערפעל.

נײַן ברידער זײַנען מיר געווען —
איז איבערגעבליבן פיר.

24

קאָוועל — אַ שטאָט פֿון פּרעמדע

לאַנג־לאַנג האָבן מיר געוואַנדערט אין יענער פֿינצטערער נאַכט, ווען מיר האָבן געמוזט איבערלאָזן אונזערע דריי חברים אין וועג. אונז, די איבערגעבליבענע פֿיר, איז ניט מעגליך צו פֿאַרגעסן דעם פֿאַרלוסט. אַט דער לעצטער קלאַפּ האָט אונז וועהטאָגדיק דערמאָנט אונזער איינזאַמקייט און פֿאַרוואָגלטקייט. מיר האָבן פֿאַראומערטע שטיל געשמועסט צווישן זיך וועגן דעם וואָס ס'קומט איצט פֿאָר אין וואַרשע, וועגן ישוצגראָבענס און קעלערס, וועגן באַלאַגערונג און באָמבאַרדירונג — וועגן סכנות־פֿולן גורל פֿון אונזערע פֿאַמיליעס און פֿריינד. הערץ האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס ער האָט ניט מיטגענומען מיט זיך זיינע צוויי שוואָגערס, באַקאַנטע עסקנים פֿון „בונד”, וועמענס גורל עס וועט זיין טראַגיש, אויב זיי וועלן אַריינפֿאַלן צו די נאַציס; אויך זיין יונגן קוזין האָט ער באַדאַרפֿט אַרויסצוראַטעווען, איז אָבער זיין באַשלוס צו אַנטלויפֿן פֿון וואַרשע געבוירן געוואָרן פּלוצלונג — און ער האָט ניט באַוויזן מיט זיי זיך צו פֿאַרשטענדיגן, ווייל זיי זיינען געווען אין אָטוואָצק, אַ קוראָרט נעבן וואַרשע.

יעדער פֿון אונז באַמיהט זיך צו טרייסטן די איבעריגע, אָבער קיינער פֿון אונז פֿיהלט זיך ניט געטרייסט.

מיר זיינען זעהר מיד און מיר זוכן אַן אָרט איבערצושלאָפֿן עטליכע שעה. מיר האָבן שוין געזאָלט לייגן זיך ערגעץ אויף דער ערד, אָבער מיר האָבן דערזעהן אַ שייער ניט ווייט פֿון וועג און מיר זיינען דאָרט שטיל אַריינגעגאַנגען. דער שייער איז געווען פֿול מיט פּליטים. דער פֿרישער ריח פֿון היי האָט זיך צונויפֿגעמישט מיט דעם דעמפּיגן גערוך פֿון מענשליכע שוויים. אַ הויכע געשמאַקע גאָרגעלדיגע כראָפּעריי און פּייפּעריי האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ שלאָפֿן אויסגעמאַטערטע און נידערשלאָגענע מענשן, פֿאַר וועלכע שלאָף און פֿאַרגעסונג זיינען די טייערסטע מתנה און ברכה פֿון גאָט.

מיר האָבן פֿון אויבערשטען גאָרן אַראָפּגעצויגן אַ בינטעל היי, אויסגעשפּרייט עס אויף אַ שטיקעל פֿרייען אָרט פֿון דער האַרטער ערדערנעם דיל און קוים געהאַט גענוג פּלאַץ, וואו מיר האָבן צוזאַמענגעפּרעסטע געקאָנט זיך לייגן און

ערוואַרטעט דעם שלאָף. אַ ווײַלע האָט זיך נאָך בײַ מיר געפּלאָנטערט אַ געדאַנק וועגן מושעס׳ן, גוטמאַנען, מײַן זוהנעלע אַ־עקסאַנדערן — באַלד איז אָבער דער געדאַנק פאַרגאַנגען ווי רויך; איך האָב אָנגעהויבן טראַגן זיך אין אַ טומאַן, וואו עס האָבן געוויגט זיך די שטערן וואָס האָבן אַרײַנגעקוקט אין פינסטערען שייער — מײַן קאָפּ איז שווער געפאַלן אויף מײַן רענצעל — און איך בין אײַנגעשלאָפן.

פאַרטאָג בין איך פּלוצלונג אויפגעוועקט געוואָרן דורך מײַנע חברים, וועלכע האָבן מיך אַזוי אַרום אַרויסגעריסן פון שרעקליכע חלומות וועגן באָמבאַרדירונגען, אויפרײַסונגען, טויטע . . . איך עפן אויף די אויגן און באַטראַכט אַלץ אַרום מיר מיט גרויס פאַרוואונדערונג. עס געדויערט עטלעכע מינוטן ביז אין מײַן געדאַנק לויפן דורך אַלע שוידערליכע בילדער פון מײַן וואַנדערונג; איך דערמאָן זיך וואו איך בין—און איך ווער צוריק אַ וואַנדערער, אַ פאַרפאָלגטער און געדרודפטער, אַ הונגעריגער און אויסגעמאַטערטער. דאָס, וואָס האָט זיך מיר מיט אַ ווײַלע צוריק אויסגעזעהן צו זײַן אַ קאַשמאַר־חלום, מײַן האָפנונגסלאָז און עלענד פאַרוואָגלעניש — ווערט וואָהר; דאָס, וואָס איז ביז איצט ניט לאַנג געווען וואָהר, מײַן רוהיג באַקוועם פאַמיליען־לעבען מיט פרוי און קינדער — זעהט מיר אוים צו זײַן אַ ווײַטער חלום, אַ אַלטער פאַרבלייכטער פילם.

אין דעם גרויסן שייער, צווישן דער מחנה פון פּליטים, הערשט אַ נערוועזע שטימונג, וואָס שטעקט אויך מיך אָן מיט אַ געפיהל פון פּאַניק. דורך דער אָפענער טיר קוקט אַרײַן אַ גרויהער פריה־געפעדערטער טאָג. אַלע פּליטים סוד׳ען זיך, שנורעווען אין געהייל די שיך, קעמען זיך אַרוים די שטיקלאַך היי און שטרוי פון די האָהר, פּאַקן איבער די פּעקלעך און הויבן אָן צו פאַרלאָזן דעם שייער.

פון דערווייטענס הילכט אַ שווערע קאַנאָנאַדע. מײַנע חברים דערצעהלען מיר, אַז זיי שלאָפן שוין לאַנג ניט. די לעצטע שעה׳ן הערט זיך אויפ׳ן שאָסיי אַן אומאויפהערליכע רוישיגע באַוועגונג פון מיליטער, פון טאַנקען און פון שווערער אַרטילעריע. מען האָט שוין אַפילו געמיינט אין שייער, אַז דײַטשען פאָהרען אַזוי איבער דעם שאָסיי, אָבער עמיץ וואָס איז איצט ניט־לאַנג אָנגעקומען פון שאָסיי, פאַרזיכערט, אַז פּוילישע מיליטער נוצט אַזוי אוים די פינסטערניש פון נאַכט, כדי וואָס שנעלער צו אַנטלויפן קיין קאָוועל, וואו עס וועט פאַרקומען דער אַנטשיידענדיגער שלאַכט.

אײַנציגווײַז און גרופּענווײַז פאַרלאָזן די פּליטים דעם שייער. מיר ציהען אַרויף אויף אונזערע פאַרמאַטערטע פיס די שיך, די אײַנציגע זאַך וואָס מיר האָבן אויסגעטאָן פאַר׳ן שלאָף. מיר גרייטען זיך צום ווײַטערן וועג און דער אינזשיניר דערמאָנט אונז, אַז אונזער אייגענע „אַרמיי״ פון נײַן געטרייע חברים איז צעשלאָגן געוואָרן און מיר פיר זײַנען די רעשטלעך, די „לעצטע גרענאַדירען״ פון נײַן־פערזאָניגען „זיבעטעל״ . . . מיר פאַרלירען אונזער מוט און דעם גלויבן: עס

נעהמט אונז אַרום מיט שרעק דער געדאַנק, אַז מיר וועלן אַזוי ביסלעכווייז איינציגווייז זיך פונאַנדערשפּרייטן און יעדן וועט אויסקומען אַז איינזאַמען אַליין צו שלעפּן אויף זיינע פּלייצעס דעם צער און דעם פּיין, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער גאַנצער וועלט.

פּלוצלונג הויבט זיך האָרן האַסטיג אויף פון זיין אָרט און יאָגט אייניגע שאָטענס, וועלכע זיינען אַט־וואָס אַרוים פון אונזער שייער און ווערן גלייך פאַרשלונגען פון גרויען פרימאָרגן.

— גרשון, גרשון?! שרייט האָרן לויפענדיג; אין זיין קול קלינגט פראַגע און רוה, פאַרצווייפלונג און שמחה.

מיר זעהען, ווי די דריי שאָטענס, וואָס זיינען מיט אַ ווײַלע צוריק אַזוי איילוג אַרוים פון אונזער שייער, קעהרען זיך אום, וואַרפן זיך אויף האָרנ'ען און קושען איהם. מיר פאַרשטעהען, אַז די שמחה איז ביי זיי זעהר גרויס, ווייל זיי הערען ניט אויף צו קלאַפּן זיך גוטברודעריש איבער די פּלייצעס. ענדליך ברענגט האָרן זיינע געסט צו אונז. ער שיינט פון פרייד און דערמוטיגונג, ווי פרישע כוחות וואָלטען אין איהם אַריינגעטראָטען. ער וויל אונז פאַרשטעלען זיינע געסט, אָבער מיר כאַפּען איהם אוים די ווערטער:

— דיינע צוויי שוואָגערס און דיין קוזין!

— יאָ, איהר האָט געטראָפען, אָבער פון וואַנען ווייסט איהר עס? — פרעגט האָרן דערשטוינט.

— דיין פּנים האָט אונז אַלץ געניי דערצעהלט: סיי דיין נעכטיגע פאַראומערטקייט, סיי דיין איצטיגע שמחה.

האָרן קאָן זיך ניט געפינען קיין אָרט פון גרויס גליק און ער ווידערהאָלט עטליכע מאָל:

— אָפּגעשלאָפען צוזאַמען מיט זיי אַ נאַכט אין איין שייער און גאָרניט געוואוסט וועגען דעם... אַזאַ צופאַל...

מיר באַקאַנען זיך מיט האָרנ'ס משפחה: די צוויי ברידער צאַדיקאָוויטש זיינען בוכהאַלטערס פון וואַרשע, אַלטע עסקנים פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און פון דער בונדישער פּאַרטיי; דער ניינצעהן יאָהריגער סטודענט, אַ זוהן פון דעם עלטערען צאַדיקאָוויטש, געהערט צום עקס־ראַדיקאַלען לאַגער. מיר נעמען זיי אַלע דריי אַריין אין אונזער גרופּע, וואָס ווערט צוריק אַ פול „זיבעטעל”.

די דריי צוגעקומענע האָבען אָבער ניט געקאָנט אויספילען די פּוסטקייט, וואָס איז ביי אונז אַנטשטאַנען נאָך דער אָפּוועזענהייט פון גוטמאַן און זיינע צוויי פריינד, די ליבהאַרציגע קעלצער סטודענטען. די צוויי ברידער זיינען פאַר אונז געווען צו אַלט, צו טרוקען און צופיל בונדיש־שולחן־ערוכ'דיג; דער יונגערמאַן איז פאַר אונז געווען צופיל ראַדיקאַל און זעלבסטזיכער, ווי עס טרעפט מיט גאָר יונגע מענשען, וועמען עס דאַכט זיך אַז בלויז זיי פאַרמאָגען די שליסלען פון

חכמה. אונזער גרופּע איז פון דעם טאג געוואָרען עהנליך צו גאַנץ סימפּאַטישע אָבער צופעליגע פּאַסאַזשירען פון אַן אויטאָבוס, פון וועלכען יעדער קאָן אַ לאַדע מינוט אויסשטייגען אויף אַן אַנדער סטאַציע.

איך און דער אינזשיניר זיינען פון דעם טאָג געגאַנגען איינער האַרט נעבען צווייטען און מיר האָבען אָפט דערמאָנט מושעסען, מונקען, גוטמאַנען און די צוויי סטודענטען, ווי מען דערמאָנט לאַנג פאַרגאַנגענע גליקליכע צייטען און לאַנג פאַרלוירענע גוטע פריינד.

די ברידער צאַדיקאָוויטש, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען פון זייער דערצעהלונג, האָבען פאַרלאָזען וואַרשע אין דעם זעלבען טאָג וואָס מיר. קיין וואַרשע זיינען זיי אָנגעקומען מיט אַ טאָג פריהער פון קוראַרט אָטוואָצק. זיי האָבען איבערגעלעבט אין וועג פיל שווידערליכע מאָמענטען, געזעהען צעהנדליגער פאַרברענטע שטעטלעך און דערפער, טויזענטער הרוגים. זיי האָבען פיל שנעלער און באַקוועמער געוואַנדערט פאַר אונז, ווייל זיי פלעגט זיך אָפט איינגעבען צו באַקומען פויערישע וועגענער און פאָהרען מיט זיי היבשע שטרעקעס. זיי האָבען שוין באַוויזען צו זיין נעבען בריסק, אָבער זיי זיינען צוריקגעלאָפען, דערוויסענדיג זיך, אַז די נאַציס האָבען פאַרכאַפּט די שטאָט.

ענדליך, נאָך פיל שעה'ן פון אויסמאַטערענדיגען געהן, דערזעהען מיר קאָוועל פון דערווייטענס. מיר דערקענען די דאָזיגע שטאָט, ניט ווי געוועהנליך, לויט דעם קוימען־רויך פון פאַבריקען און פון וואוינונגען, נאָר לויט דעם שוואַרצען און געדיכטען רויך פון פיל אונטערגעצונדענע הייזער; עס טראָגט זיך היינט ניט פון דאָרט קיין ריטמישער גערויש פון וואַרשטאַט־מאַשינען און מענשליכער אַרבייט, נאָר ווידער — ווי אויף אונזער גאַנצען וועג — אַ געזשום פון פאַרשאָלטענע פליה־מאַשינען און באָמבעס . . . צעהנדליגער עראָפּלאַנען באַלאָדענע מיט שווערע באָמבעס פליהען קיין קאָוועל; צעהנדליגער עראָפּלאַנען, וואָס האָבען שוין אָפּגעטאָן זייער אַרבייט, פליהען צוריק מיט אַ זיגערישען גערויש.

— צי האָבען מיר נאָך וואָס צו געהן קיין קאָוועל? צי וועלען מיר נאָך דאָרט געפינען אַ לעבעדיגען מענש, אַ גאַנץ הויז? צי וועלען מיר דאָרט ניט אַריינפאַלען אין אַ פייער־גיהנום פון שריפות און באָמבאַרדירונג? און אויב ניט געהן קיין קאָוועל, טאָ וואוהין? צי איז איצט דאָ אין גאַנץ פוילען איין רוהיג אָרט, וואו היטלער'ס לאַנגע און אכזריות'דיגע האַנט האָט ניט דערגרייכט? אָבער מיר מוזען דאָך פאָרט ערגעץ זיך אָפּשטעלען און זאָגען: „זאָל מיט אונז געשעהן, וואָס עס לאָזט זיך ניט אויסמיידען!"

די זון שטעהט שוין אין מיטען הימעל, ווען מיר דערגרייכען ביז אַ פאַרשטאָט פון קאָוועל. אויף די ווענט זיינען פונאַנדערגעקלעבט פיל פאַרשידענע פּאַטריאָטישע אויפרופען צום קאַמף קעגען די דייטשען. נאָך אָפטער ווי דעם פּוילישען פּרעזידענט'ס מאַניפעסט צום פאָלק, זעהט מען דעם גרויסען געלען

פאטריאטישען אויפרוף אין אידיש און פויליש אונטערגעשריבען דורך דער פאראייניגונג פון רבנים אין פוילען. מיר געפינען אויך א מעלדונג וועגען א נאהענטען וואלונטירונגס־פונקט, וואו מען קאן זיך מעלדען צום מיליטער. מיר איילען צו דעם פונקט. אויפ'ן הויף ווארטען פיל פליטים. די לאדענס איבער די פענסטער זיינען ארופגעלאזען, די טירען פארשלאסען. דער פונקט איז שוין מעהר ניט טעטיג.

דער פארזאמעלטער המון איז אויפגערעגט און שרייט: „זאלען זיי אונז באוואפענען! מיר וועלען ניט אנטלויפען — מיר האבען גארניט וואס צו פארלירען!"

מיר געהען איבער די גאסען פון קאוועל. עס ווייזט זיך ארויס, אז טראץ דער גרויסער באמבארדירונג, וואס מיר האבען געזעהען פון וויטענס, האט די שטאט ניט פיל געליטען.

איך הויב אן נאכפרעגען זיך וועגען אן אדרעס פון דער קאוולער העברעאישער „תרבות"־שולע אדער פון העברעאישע לעהרער, אבער אלע מענשען, וועלכע האבען מאסענווייז פארפולט די גאסען פון קאוועל, האבען נאר איין ענטפער: „איך בין ניט קיין היגער". אין זייער ריידען — אין זייער „יאָ, עד, איך" — דערקאנט מען פרעמדע, וועלכע די מלחמה האט אהער פארשלעפט פון קאנגרעס־פוילען און פון גאליציע, פון די נאהענטע און ווייטע פוילישע און פויליש־ליטווישע שטעט און שטעטלעך. עס געפינען זיך דא אפילו מענשען, וועלכע זיינען גאר געקומען אהער פון שטעט, וואוהין מיר האבען געשטרעבט און פאנטאזירט צו דערגרייכען: פון ראוונע און פון פינסק — פיל מענשען זיינען *געלאפען אהין*, פיל מענשען זיינען גאר *אנטלאפען פון דארט*.

אין דער גרויסער בהלה האט לאגיק אויפגעהערט צו זיין א גאנגבארע מטבע. יעדען האט ארומגענומען אן אומרוהיגקייט, וואס האט געטריבען פון ארט. פיל מענשען זיינען געלאפען אהן א ציל און אהן א צוועק, ווי וועלענדיג אנטלויפען פון זיך אליין, פון דעם אייגענעם פינסטערען שאטען.

25

ווער שטאַרבט,
אַ מענטש צי אַ פֿאָלק?

קאָוועל איז איבערפֿולט. אַ סברא, אַז ס'איז איצט דאָ אין שטאָט פֿיר מאָל מעהר פּליטים, ווי אַלטגעזעסענע איינוואוינער. אַלע פֿרייע ערטער זיינען שוין באַזעצט דורך פּליטים: מענשען וואוינען אפילו אויף די בוידימער, וואָס זיינען באַשטימט צום הענגען וועש, אין די קעמערלעך אין וועלכע מען האַלט האָלץ און אין די שפּייכלערס פֿון תבואה; אַלע געביידעס פֿון שולען, אָרגאַניזאַציעס און פֿאַבריקען זיינען פֿאַרנומען דורך מיליטער. מיר געהען פֿון הויז צו הויז און זוכען אַ דירה, אָבער אומזיסט: אַלץ איז שוין פֿאַרנומען ביז דעם לעצטען אָרט. מיר קומען אריין אין אַן אָרט, וואו איך דערזעה אויפ'ן טיש מיינס אַ העברעאיש שול־בוך. מיר ווערען אַ סענסאַציע פֿאַר די בעלי־בתים פֿון שטוב און פֿאַר זייערע קינדער. מען איז אונז מכבד מיט טיי און קאָנפֿיטורען, אָבער קיין אָרט צום שלאָפֿען איז פֿאַר אונז ניטאָ. זייער שטוב איז שוין פֿאַרנומען דורך פּליטים, וועלכע זיינען אַהער פֿריהער אָנגעקומען. די הויפּט־שוועריקייט איז איינאָרדענען מיך באַשטעהט אין דעם, וואָס איך וויל ניט צושיידען זיך מיט די איבעריגע זעקס חברים.

מען עצה'ט מיר, אַז איך זאָל זיך פֿאַרשטענדיגען מיט דעם דירעקטאָר פֿון „תרבות". ער וואוינט אויף די „פּיאַסקעס", אין אַ שעהן גרוים הויז פֿון זיינע שוויגער־עלטערען. מיר זענען מיך און דאָס אָנגעוויזענע הויז איז ווייט פֿון אָרט וואו מיר געפֿינען זיך, אָבער עס איז ניטאָ קיין עצה: מען מוז פּראָבירען מזל.

אויפ'ן וועג באַגעגענען מיר פֿיל באַקאַנטע: וואַרשעווער אידישע שרייבער, לעהרער, פּאַרטיי־פֿיהרער; איבערהויפּט זיינען אין קאָוועל צאָלרייך פֿאַרטראַטען די אַרבייטער־פּאַרטייען „בונד" און „פּועלי ציון; פֿיל פֿון די אָנפֿירענדע ציוניס־טען, וועלכע זיינען אַרויס עטוואָס פֿריהער פֿון וואַרשע, האָבען באַוויזען מיט באַהנען אָדער אויטאָמאָבילען אָנצוקומען קיין ראָוונע און קיין פּינסק. לויט די ידיעות, וואָס מיר זאַמלען ביי די באַגעגענטע אין די גאַסען פֿון קאָוועל, געפֿינען זיך אין ראָוונע דער פּראָפֿעסאָר משה שאָר און שמואל ראָזענהעק, דער פֿיהרער פֿון „תרבות"; אויך בריסק האָט אריינגענומען אַ גרויסע צאָל פּליטים.

עס איז שווער צו פאַרשטעהן און צו דערגעהן פון וואַנען עס שטאַמען און ווי אַזוי עס דערגרייכען צו אונז די דאָזיגע אינפאָרמאַציעס ביי איבערגעריסענע דראָטען פון טעלעגראַף און טעלעפאָן, אָבער אין פינף־און־נייַנציג פּראָצענט באַשטעטיגען זיך שפּעטער די דאָזיגע קלאַנגען.

די ידיעות, וואָס קומען אָן פון וואַרשע דורך די פאַרשידענסטע וועגען, זיינען שוידערהאַפטע: די שטאָט ווערט שרעקליך באָמבאַרדירט און רואינירט, עס פאַלען יעדען טאָג טויזענטער מענשען פון באָמבעס און גראַנאַטען, פון הונגער און עפּידעמיעס, די שטאָט איז אָהן וואַסער און אָהן עלעקטרישע באַלייכטונג . . . מיר הערען, ווי מען רעכענט אויס גאַסען, וועלכע זיינען חרוב געוואָרען: גענשע, גראַניטשנע, די האַלעס . . . מיר פאַרשטאָפּען זיך די אויערען; מיר האָבען ניט קיין מעגליכקייט צו קאָנטראָלירען דעם אמת פון די ידיעות, טאָ צו וואָס זאָלען מיר זיך פאַרפּלאָגען צוליב קלאַנגען? . . . מיר ווילען ניט הערען, אָבער דאָך שפּיצען מיר אָן מיט אַ מינוט שפּעטער די אויערען — און מיר אָטעמען פרייער אָפּ, אַז מען רעכענט ניט אויס „אונזער" גאַס . . .

ביי אַלע פליטים איז קאָוועל הערשט אַ שטימונג פון פּאַניק. פאַר אַלעמען שטעהט די פראַגע: איבערבלייבען דאָ אָדער לויפען ווייטער? מיר דאַכט זיך, אַז טראָץ דער שרעקליכער מידקייט, וויל די מעהרהייט פון דער פליטים־מחנה ווייטער וואַנדערען, כדי צו זיין נעהענטער צו דער סאָוועטישער אָדער ליטווישער גרעניץ. די גערעכטע און לאָגישע טענה פון דער מעהרהייט איז: אויב אין וואַרשע וואָלט געהאַט אַ זין דאָס קעמפען און אויסשטעלען זיך צום געפאַהר פון באָמבעס — איז דאָס פאַלען דורך אַ באָמבע אין פרעמדען קאָוועל אַן אומזיניגער פינאַל פון לעבען. מיר זיינען געוועזען פולשטענדיג זיכער, אַז מען וועט קאָוועל בקרוב ווידער באָמבאַרדירען; עס וואונדערט און באַאומרואיגט אונז דער פאַקט, אַז עס זיינען שוין פאַרביי איניגע שעה און מען הערט „זיי" ניט. מן הסתם גרייטען די דייטשען עפּעס טייוולאָנישעם פאַר קאָוועל — פאַר דער שטאָט, וואָס האָט אין פאַרלויף פון איניגע טעג פירפאַכיג פאַרגרעסערט די צאָל פון איינוואוינער.

מיר קומען ביז די „פּיאַסקעס", ביז דער וואוינונג פון שול־דירעקטאָר, אַ קליין הייזעל אַרומגערינגעלט מיט אַ שעהנעם גאָרטען פון בלומען און גרינוואַרג. אונזערע חברים בלייבען אויפ'ן הויף. איך און דער אינזשיניר קומען אריין דורך אַן אָפענעם פאָדערהויז אין אַ פיין מעבלירטען צימער, וואו אַ גרופּע מענשען שטעהט איינגעבויגען אַרום אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט און שלינגט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט יעדעס וואָרט. מיר ווילען עפּעס זאָגען, אָבער די אָנוועזענדע לייגען צו אַ פינגער צום מויל אַלס צייכען, אַז מיר דאַרפען שווייגען און ניט שטערען. דער ראַדיאָ איז אָנגעשטעלט אויף מאָסקווע, אַ שטימע אַנאָנסירט: „באַלד וועט ריידען דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערן־ענינים, חבר מאָלאָטאָוו".

דער אַפּאַראַט איז אַ שלעכטער. אָפט ווערן די קלאַנגען פון מאָסקווע פאַר־שוואונדען און צושווימען. עס פאַלן אומערוואַרטעטע און איבעראַשענדע ווערטער — טייל פון זיי טראָגן גוטע בשורות, אַנדערע שניידן אכזריות'דיג מיט קאַלטן שטאָהל; אָט הערט זיך אַ זאַץ פול מיט אויפריכטיגן מיטלייד, אָט קלינגען גאָר צביעות'דיגע ווערטער; דער אַפּאַראַט צודרייט די ווערטער און די קלאַנגען — דאָס אומפאַרשטענדליכע ווערט נאָך מעהר אומפאַרשטענדליך, דאָס בייזע ווערט נאָך בייזער . . . אָט דאַכט זיך, אַז די „רויטע פאָלקס־אַרמיי איילט מיט הילף פאַר די הונדערטער טויזענטער אַרבייטער און פויערים, וועמענס הייזער עס ווערן פאַרבּרענט און צופלינדערט" און אָט הערסטו גאָר, אַז „די פּוילישע מלוכה האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען" — אַלזאָ, אַ פרישע צוטיילונג פון פוילען, און ניט קיין הילף? ! און פון אַפּאַראַט שווימען ווערטער — ווערטער — ווערטער — זיי דינען צום פאַרדעקען עפּעס אַ כונה; יעדער זאַץ, יעדער געדאַנק פון רוסישען ראַדיאָ אַנטהאַלט אַ באַהאַלטענעם אויסרייד, אויב ער וועט זיין נויטיג; עפּעס אַ הינטער־טירעל דורך וואַנען מען קען זיך צוריקציהען מיט תמימות: איך האָב ניט געמיינט, איך האָב נאָר געוואָלט, באשר, בכן . . . אָבער איינס איז קלאָר:
היינט איז דאָס סאָוועטישע מיליטער אַריבּער דעם פּוילישען גרעניץ.

איך קוק אויף דעם זייגער און אויף דעם קאַלענדאַר וואָס הענגען אויף דער וואַנד.ביידע מעסטען גלייכגילטיג די צייט: פאַר זיי עקזיסטירט בלויז איביג־קייט. עס איז זונטאָג, דעם זיבּעצענטען סעפּטעמבּער, 1939, פיר אַזייגער ביי־טאָג.

ווען דער ראַדיאָ איז געוואָרען געשלאָסען האָבּען די פאַרזאַמעלטע אַרום אַפּאַראַט אַנגעהויבּען אַרומריידען מאָלאָטאָוו'ס כונות. יעדער האָט זיי אַנדערש פאַרשטאַנען, אָבּער איינס איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען: די „וויים־רוסישע" שטאָט קאָוועל וועט מעהר ניט באָמבּאַרדירט ווערען, אויב דייטשלאַנד וויל ניט קיין מלחמה מיט די סאָוועטען; די „וויים־רוסישע" קאָוועל וועט אָבער מן הסתם באָמבּאַרדירט ווערען דורך די רוסען, אויב דאָס פּוילישע מיליטער וועט זיי ניט לאָזען „ראַטעווען" פוילען . . . מיר ווייסען ניט, צי איז איצט בעסער, אָדער ערגער געוואָרען: צי געפינען מיר זיך איצט צווישען דריי פייערן (סאָוועטען, פּאָליאַקען, דייטשען), אָדער מיר זיינען שוין אויסער יעדער געפאַהר. צי הויבּט זיך איצט אָן אַ מלחמה צווישען רוסלאַנד און פוילען אָדער צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד, אָדער . . . אפשר איז גאָר דער טייל פוילען שוין פון לאַנג פאַר־האַנדעלט געוואָרען און דאָס איז דער סוד פון דעם טרויעריגען אָפּמאַך צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד מיט אַ חודש צוריק? אפשר דערפאַר פלעגען מיר אין אונזער וועג אָפט הערען ביי ווייסרוסישע פויערים די פאָלגענדע אומפאַר־שטענדליכע פראַזע: „די דייטשען וועלען צו אונז ניט קומען, מיר ערוואַרטען עמיצען אַנדערש" . . .

איך און דער אינזשיניר ווערן אויך אריינגעצויגן אין דער דיסקוסיע. מען פרעגט אונז אפילו ניט, ווער מיר זיינען. מען איז שוין דא, ווייזט אויס, צוגעוואוינט, אז ווילד־פרעמדע קומען אריין און פיהלען זיך היימיש.

מיר שטעלען זיך ענדליך פאר און ווערן באקאנט מיט דעם בעל־הבית, דר. ק., מיט זיין פרוי, שוויגער און שווער און מיט עטליכע שכנים, וועלכע זיינען אהער אריינגעקומען הערען דעם מאסקווער ראדיא. מיר בעטען פאר אונזער „זיבעטעל״ ערטער אויף דער פאדלאגע צום שלאפען; מיר ווילען ניט פיל באלעסטיגען: מיר האבען געלד און מיר ווילען זיך באמיהען צו עסען אין שטאט.

דר. ק. און זיין העכסט גאסטפריינדליכע און סימפאטישע שוויגער, א טיפ פון א פארצייטיגער אידישער צדיקת, ערקלערען פייערליך, אז אלץ וועט ווערען פיין געארדענט, אויב קיינער האט ניט פארנומען די דירה פריהער פאר אונז. ווי עס ווייזט זיך ארויס זיינען זיי די לעצטע טעג ניט געווען אין זייער וואוינונג. מען האט ביי זיי אין הויז איינגעקווארטירט הויכע פוילישע מיליטער־לייט און בשעת דער באמבארדירונג איז געווען אן איינדרוק, אז די דייטשען ווייסען דערפון און זיי צילען ספּעציעל אין זייער הויז. דר. ק. און זיין פאמיליע האבען צוליב דעם פארלאזט דאס הויז אויף גאט׳ס בארא̈ט און זיך איבערגעטראגען צו באקאנטע אויף אן אנדער גאס. איצט נאר וואס האבען זיי באקומען א ידיעה, אז די מיליטער־לייט האבען פלוצלונג מיט אויטאמאבילען אין גרויס געאייל פארלאזט דאס הויז. די בעלי־בתים זיינען דעריבער וואס גיכער געלאפען אהיים, כדי ניט דערלאזען, אז דאס גאנצע הויז זאל דערווייל פארכאפט ווערען דורך פרעמדע. ווייזט זיך ארויס, אז פליטים האבען ניט געוואוסט פון דער מציאה און האבען ניט באוויזען צו „אקופירען״ דאס פרייע הויז.

מיר רופען אריין אלע אונזערע חברים. עס קומט פאר די צערעמאניע פון געגענזייטיגער באקענונג, מען געפעלט זיך געגענזייטיג — און דער שידוך איז געשלאסען. מיר באקומען צוויי צימערען אין וואוינונג פון דר. ק.׳ס שוויגער־עלטערען — צו דריי פערזאן אין א צימער. עס געפינען זיך איינציגע בעטען. די איבעריגע באקומען אויסצולייגען אויף דער פאדלאגע זעק מיט פרישע שטרוי. איך ווער איינגעלאדען צו שלאפען אין ארבייט־צימער פון דר. ק. די טירען פון ביידע דירות — פון דעם דאקטאר׳ס און פון זיינע שוויגער־עלטערען — ווערען געעפענט און ביידע וואוינונגען ווערען פאראייניגט. מיר פיהלען זיך דארט זעהר היימיש.

דער עלטערער ברודער צאדיקאוויטש ווייזט ארויס גענויאלע קולינארע פעהיגקייטען און ער ווערט באשטימט אלס אונזער שטענדיגער קוכער. מיר באקומען דאס רעכט צו רייסען קארטאפעל און ציבעלעם פון גארטען, צו נעהמען שייטלען האלץ פון קעמערעל (מיר דארפען זיי בלויז אליין צוהאקען) און צו באנוצען זיך מיט איינעם פון די צוויי קאך־צימערען. מיר באקומען געבארגט אויך

אַביסעל פּוטער. אונזער קוכער באַווייזט ממש וואונדער. אונזערע בעלי־בתּים עסען צוזאַמען מיט אונז און מיר זיינען זיך אַלע מחיה מיט דעם געשמאַקען פעטען געקעכץ. עסען איז איצט ניט ווי אַמאָל — בלויז אַ פיזישע נויטווענדיגקייט, נאָר אויך אַ גייסטיג פאַרגעניגען.

נאָך דעם מאַלצייט פלומפּען מיר אויפ׳ן הויף אַ סך עמערס וואַסער און פילען מיט זיי אָן אַ גרויסען קעסעל; מיר האַקען האָלץ, הייצען איין אין אויווען פון וואַש־צימער און מאַכען זיך אַ וואַרימע באָד. מיר וואַשען דערביי אויך אויס אונזער וועש און הענגען עס אויסצוטריקענען אויף דעם גרויסען הויף. פון צייט צו צייט עפענען מיר דעם טויער פון הויף און מיר זעהען, אַז אין גאַס איז אַ גרויס צומישעניש. מיליטערישע וועגענער לויפען מיט אַ משוגענעם טעמפּאָ, עס הערט זיך אַן אומאויפהערליך מאַרשירען פון סאָלדאַטען. מיר באַמערקען מיט דערשטוינונג, אַז ווען מיר זיינען געווען מידע און הונגעריגע האָט דער אַלגעמיינער אומגליק אונז טיפער אויפגעטרייסעלט, ווי היינט; איצט, אַז מיר זיינען פאַרזאָרגט מיט קאַרטאָפעל און מיט געלעגערס, קוקען מיר רואיגער, כמעט ווי גלייכגילטיגע זייטיגע צושויער, אויף דער בהלה אַרום אונז. מיר זיינען טיף געקרענקט צוליב אונזער געפאַלענקייט און פאַרשטיינערונג, אָבער וואָס קאָנען מיר זיך העלפען, אַז דער פרימיטיווער געפיהל פון האָבען אַ דאַך, זיין זאַט און זיין אָפגעצוואָגען — גיט פאָרט אַזוי פיל פרייד און אָפּטימיזם ?!

קעגענאיבער אונזער הויף איז אַ הויז, וואו עס איז ביז ניט־לאַנג געווען אַ שולע, סטאַנציאָנירט איצט אַ מיליטערישע אָפּטיילונג. מיר דערהערען פון דאָרט פלוצלונג אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער. מיר לויפען אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס און מיר דערוויסען זיך, אַז אַ פוילישער אָפיציר איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד: די נערוועז האָבען זיך ביי איהם צוזאַמענגעקנוילט און בלויז דער טויט האָט געקאָנט זיי פונאַנדערפלאָנטערען. פאַר דעם הויז זאַמלען זיך צונויף פיל מענשען . . . אויבען, אויפ׳ן ערשטען עטאַזש, אין אַ פרעמדער שטוב, הויכט אַ פוילישער אָפיציר אויס זיין נשמה. אַ דרוק ביים צינגעל פון רעוואָלווער — און ער איז שוין פריי, אויפגעוויקעלט אַלע פּלאָנטערס; אפשר איז דאָס טאַקע די איינציגע לעזונג, דאָס איינציגע מעגליכע גליק ? . . . ביי אַלע פאַרזאַמעלטע אַרום הויז פינקלען טרערען אין די אויגען — דאָס באַוויינט מען דעם אומבאַקאַנטען, זיך אַליין, אָדער די גאַנצע אונטערגעהענדע וועלט ? . . . אַלע האָבען פאַרלוירען די ווערטער אין מויל, אין מוח גרילצט אַ הוילע פוסטקייט.

עס דערהערט זיך אַ קאַלט קלינגען פון אַ זילבערן גלעקעל. אויפ׳ן הויף באַווייזט זיך אַ יונגער גלח אין ווייסע פּריסטער־מלבושים. דער עולם קניהט פרום אַנידער און טענה׳ט זיך אויס מיט גאָט. אַרום טראָגט זיך דער אָטעם פון טויט:

— ווער שטאַרבט איצט אָפּ, אַ מענש צי אַ פאָלק ? . . .

26

וואו זאָל איך איך זוכען?

אויף קאָוועל נידערט אַראָפּ אַ שווערע פינסטערע נאַכט, טראָץ דעם וואָס היינט צום ערשטען מאָל זייט דעם טאָג פון מלחמה־אויסברוך, זיינען ווידער אָנגעצונדען די לאָמפּען אין די גאַסען און מען האָט אויפגעהערט צו פאַרשטעלען די פענסטער, כדי עס זאָל זיך דורך זיי ניט אַרויסבאַקומען קיין ליכט. מען איז שוין זיכער, אַז עס וועט מעהר ניט זיין קיין באָמבאַרדירונג.

אונזער גרופּע שטעהט אין אָפענעם טויער פון הויף און מיר קוקען אויף דעם בהלה'דיגען געלויף פון אויטאָס, טאַנקען און וועגענער פולע מיט פּויליש מיליטער, וועלכע פאַרפילען ניט בלויז דעם מיטען פון גאַס, נאָר פאַהרען אפילו אויף ביידע טראָטואַרען . . . דאָס אַנטלויפען זיי פאַר די סאָוועטען — פאַר דעם נייעם שונא, וועלכער האָט זיך פּלוצלונג באַוויזען מיט אַ באַהאַלטענעם מעסער . . וואוהין? — צום האָפנונגסלאָזען קאַמף מיט דעם אָפענעם נאַצישען שונא, אָדער — אויב דער מזל וועט צוהעלפען — דורכרייסען זיך און דערגרייכען די גרעניצען פון רומעניען, אונגאַרן, אפילו פון דער ניט־פריינדליכער ליטע, כדי ווידער אַמאָל, ווי אין גענעראַל האַלער'ס צייטען, צוזאַמען מיט די אַליאַנטען קומען קיין פּוילען טרייבען דעם דייטש און דעם באָלשעוויק.

אָבער די אויסזיכטען זיך צו ראַטעווען פון דער פאַסטקע זיינען זעהר קליינע פאַר דעם פּוילישען מיליטער. אַ שוואַרצע פאַרצווייפלונג כאַפּט אַרום פיל פאַטריאָטען און זי פאַרציהט זיך אַרום זייער האַלז מיט אַ תליה־שטריק; אָפּטאָפּט הערען מיר אין יענער נאַכט איינזאַמע זעלבסטמערדערישע רעוואָלווער־שאָסען — זיי קלינגען אַזוי טרויעריג און אימה'דיג, ווי דער לעצטער אָטעם פון אַ גוסס.

לאַנג האָבען מיר געקוקט אין דער פינסטערער נאַכט אַריין און איינגעהערט זיך מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם צו די קלאַנגען פון רעדער און אייזען אין די אַנטלויפענדע מחנות מיליטער. זעהר שפּעט האָבען מיר זיך געלייגט שלאָפען. איך האָב מקנא געווען מיינע חברים, וועלכע שלאָפען איינציגע פערזאָן אין איין צימער. זיי וועלען קאָנען ריידען צווישען זיך, ביז זיי וועלען איינשלאָפען. איך האָב זיך לעצטענס אָפּגעוואוינט פון זיין אַליין מיט זיך — איך האָב מורא פאַר

מיינע איינזאמע געדאנקען. איך קאן אבער ניט באליידיקן אונזער בעל־הבית, וועלכער וויל דוקא, אז איך זאל האבן דעם באקוועמסטן געלעגער אויף א ווייכער סאפע ביי איהם אין קאבינעט.

איך ליג זיך אויף מיין געלעגער און איך פיהל זיך שלעכט אויף דעם ווייכן און שניי־ווייסן געבעטעכץ. ווען איך בין איצט אין פעלד — וואלט איך א מידער צוגעפאלן צו דער פייכטער קאלטער ערד און איך וואלט גלייך איינגעשלאפן. אבער די ווייכקייט און ווייסקייט איז מיר איצט פיינליך און פרעמד, עס דערמאנט מיר ,שפיטאל, באנדאזשען, פארוואונדעטע, טויט . . . מיין גאט, צי וועלען אלע שרעק־זעהונגען פון מיין מלחמה־וועג אויף אייביג זיין פארגליווערט אין מיין אויג און מיך שטענדיג פארפאלגען?! לאז מיך בעסער קלערען וועגען מיין פרוי און קינדער . . . וואס טוען זיי איצט ביינאכט אין ווארשע? איך ווייס, אז דער מעת־לעת איז אין דער באלאגערטער שטאט איינגעטיילט: בייטאג ווארפען עראָ־פלאנען באמבעס, ביינאכט שיסען די שווערסטע קאנאנען. אין מיינע אויערען הילכט דער טעמפער פאל און באלדיגער געבראזג פון א באמבע — און דער לאנגער גרילצענדער פייף פון א גראנאט, וואס שניידט דורך מיט א געפילדער די לופט ביז ער פלאצט און צושפליטערט זיך ביים ציל.

איך פארמאך מיינע אויגען. איך האב איצט בלויז איין באגער: איך וויל דערזעהן מיין פאמיליע. ביז היינט פלעגט עס מיר אנקומען זעהר לייכט: עס איז פאר מיר געווען גענוג, אז איך זאל פארמאכען די אויגען — און זיי פלעגען פאר מיר זיך באווייזען . . . איצט שליס איך די אויגען, אבער איך דערזעה זיי ניט. עס פלאנטערען זיך פאר מיינע אויגען אלע באקאנטע, וועלכע אינטערעסירען מיך איצט ניט, נאר מיין פאמיליע קאן איך ניט דערזעהן. איך בייס מיינע ליפען ביז ווייטאג. איך דריק שמערצהאפט צוזאמען מיינע אויגען, איך קנייטש דעם שטערען און וויל ארויסציהען פון מיין מוח די לעצטע פאנטאזיע־מעגליכקייטען, אבער אומזיסט . . . איך קאן ניט דערזעהן מיין פאמיליע. אויף א ברוכטייל פון א סעקונדע דערזעה איך אן אפגעבלאקוועט בילד פון מיין פרוי און אויפ'ן ארט פון איהר מויל — א פלעק פון בלוט. איך דערשרעק זיך, כ'רייס ברייט אויף מיינע אויגען און איך וויל שוין מעהר גארניט זעהן . . . אבער באלד שליס איך ווידער די אויגען. און ווידער זעה איך אלעמען: מיין מאמען, מיין שוועסטער, מיין ברודער, גוטמאנ'ען, אלע פריינד און פרעמדע; ווי דורך א קאלידאסקאפ געהען דורך פאר מיינע אויגען אלע געזיכטער, וועלכע איך האב אין מיין לעבען געזעהען, נאר מיין פרוי און מיינע קינדער קאן איך ניט דערזעהען.

איך רייס ווידער אויף אין גרויס שרעק און פארצווייפלונג מיינע אויגען. עס דערמאנט זיך מיר א געשפענסט־נאוועלע, וואס איך האב אמאל געלייענט, אז א מענשליכע פאנטאזיע זעהט קלאר און שנעל בלויז בילדער פון לעבעדיגע... איך ווייס, אז עס איז א נארישער פאראורטייל, אבער מיינע געפלאגטע געדאנקען

מאכען מיך איבערגלויביש און דוימען מיר איין, אז עס איז ווירקליך אזוי . . . צענדליגער טויזענטער מענשען פאלען אין ווארשע יעדען טאג, און מיין פרוי מיט די קינדער זיינען דאך אין ווארשע . . .

איך מאך ווידער אן עקספערימענט מיט שליסען די אויגען: איך גיה איבער די ווארשעווער גאסען, איך אימאגינירט זיך אויס איינגעפאלענע הייזער, פאר-וואונדעטע מענשען אויף די טראטוארען, טויטע פערד, איבערגעקערטע אויטא-מאבילען; איך קלעטער איבער די שטיגען פון מיין הויז ביז איך קום אין מיין שטוב — פוסט, קיינער ניטא . . . איך דערמאן זיך, אז איך האב פאר מיין פארלאזען ווארשע געהייסען מיין פאמיליע איבערטראגען זיך צו מיין פריינד ג. איך וואנדער ווידער איבער אימאגינירטע גאסען פון ווארשע ביז א הויז אויף סרעברנע, וואו עס וואוינט מיין פריינד. איך קאן אבער די גאס ניט געפינען. די גאנצע געגענד איז פול מיט חורבות, עס פלאנטערען זיך פארשידענע אנדערע גאסען — אבער סיי דאס הויז פון מיין פריינד, סיי מיין פרוי און קינדער קאן איך ניט ארויסרופען אין מיין פאנטאזיע . . .

איך ציטער פון שרעק און איך פיהל, ווי די האר שטעלען זיך מיר קאפויער. יעדער האר ווערט שטייף און טוט מיר וועה, ווי מען וואלט איהם מיר ארייג-געשטאכען אין קאפ. מיט ציטערדיגע הענט צינד איך אן מיין עלעקטריש לעמפעל, וואס איז געלעגען אונטער מיין קישען, איך וויל ארויסנעהמען פון מיין פארטפעל די פאטאגראפיעס פון מיין פרוי און קינדער און קוקען אויף זיי — ניטא! פלוצלונג געווארען פארלוירען?! איך פיהל, אז עס נעהמט מיך ארום א שגעון, איך ווארף דעם פארטפעל אויף דער ערד און איך הויב אן נערוועז צו זוכען אין די טאשען פון די הויזען, פון וועסטעל, פון מאנטעל — ניטא! זייערע בילדער זיינען פארשוואונדען געווארען . . . איך ווייס, אז מיין שרעק האט ניט קיין זין, ווייל דאס פלוצלינגע צופעליגע אויסלעשען זיך אין מיין פאנטאזיע האט בילד פון מיינע נאהענטסטע — איז דאך קיין באווייז ניט, אז . . . דאס פלוצלינגע צופעליגע פארלירען די פאטאגראפיעס איז דאך אודאי און אודאי קיין באווייז ניט, אז . . . „צופעליגע"? ניין, עס איז ניט קיין צופאל, עס איז גאנץ קלאר: ניטא שוין מעהר קיינער פון זיי.

איך שטופ מיר אריין אין מויל דעם קאלטען רונדיגען בלעך פון עלעקטריש לעמפעל, כדי איך זאל ניט ארויסשרייען פון שרעק און וועהטאג. איך הויב אן אין מיין אימאגינאציע א משוגענעם געלויף איבער אלע ווארשעווער שפיטעלער, וועלכע איך האב געקאנט — איבער די זאלען פון אידישען שפיטאל אויף טשיסטע, איבער די זאלען פון „הייליגען-גייסט-שפיטאל" אויף עלעקטאראלנע, איך כאפ אן פאר די פאלעס דאקטוירים אין ווייסע קיטלען און איך וויל זיי פרעגען וועגען מיין פאמיליע, אבער אלע דרעהען זיך ארום פון מיינע הענט און פארשווינדען. אין מיין געדאנק שפינט זיך נאך אבער א שיין פון האפנונג: לאמיר זיי ווייטער

זוכען איבער די שפּיטעלער, אפשר וועל איך זיי פאָרט געפינען; ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך וואָלט זיי ערגעץ געפונען אין אַ שפּיטאָל! . . . אין פּאַריז מאַכט מען זעהר פיינע פּראָטעזעס אנשטאָט פיס, עס איז ניט קיין אומגליק, אַז אַ פרוי לאָמט אַביסעל אונטער; איך וועל מיינע קינדער־קאַליקעס דעם גאַנצען לעבען ארומפיהרען אויף אַ וועגעלע, אָבער זאָלען זיי נאָר לעבען! . . . אַזוי וויל איך מיט מיינע משוגענע געדאַנקען אויסדינגען ביים בלינדען גורל דאָס לעבען פון מיינע נאָהענטסטע און אויסבעטלען ביים איהם אַ פשרה: זאָל זיי שוין געשעהן אפילו דאָס ערגסטע, אָבער זאָלען זיי לעבען . . .

ווען פון גאַס האָבען דורך מיין פענסטער אריינגעקוקט די ערשטע שטראַלען פון דער זון, האָב איך זיך שנעל אָנגעטאָן און בין ארויסגעלאָפען פון שטוב. אויף דעם הויף נעבען שטאַל איז געלעגען אַ גרויסער שטיין. איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן שטיין, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין הילצערן ווענטעל פון שטאַל און בין גלייך איינגעשלאָפען מיט אַ טיפען שטאַרקען שלאָף.

27

דער וואונדער פון באָלשעוויזם — די רויטע אַרמיי

דריי טעג האָט קאָוועל געפיבערט אין ערוואַרטונג פון גרויסע געשעהעענישען. די באָלשעוויקעס זיינען מיט יעדען טאָג געווען נעהענטער פון שטאָט. די מעהרהייט פון פוילישער מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגען פון קאָוועל מיט דער כונה דורכצורייסען זיך אַ וועג צו דער ליטווישער אָדער רומענישער גרעניץ. טויזענטער פוילישע זעלנער האָבען פון זיך אַראָפּגעוואָרפען די מיליטערישע קליידער און אין ציווילע מלבושים האָבען זיי אָפּגעוואַרט דאָס קומען פון די רויטע אַרמייער. פונדעסטוועגען זיינען אין דעם לעצטען טאָג, ווען די סאָוועטישע פאַרפּאָסטענס האָבען זיך באַוויזען אין קאָוועל, נאָך געווען אין שטאָט פיל באַוואָפענטע פוילישע זעלנער, וועלכע האָבען ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טאָן. פון די העכערע מיליטער־לייט איז קיינער ניט געבליבען און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיי ארויסגעבען די געהעריגע אינסטרוקציעס.

די פוילישע זעלנער פלעגען זיך ווייניג באַווייזען אין גאַס. זיי זיינען געבליבען אין די הייזער, וואו מען האָט זיי איינגעקוואַרטירט; מיט פאַרפינסטערטע געזיכטער האָבען זיי דאָרט געוואַרט אויף אַן אַנטשיידונג פון זייער גורל. וועגען דער באַציאונג פון די סאָוועטען צום פוילישען מיליטער האָבען קורסירט ווידערשפּרעכענדע קלאַנגען: טייל האָבען געזאָגט, אַז די רוסען שאַפען פון די פוילישע זעלנער אַ ספּעציעלען פוילישען לעגיאָן צו באַפרייען גאַנץ פוילען פון די נאַציישע הענט; טייל האָבען פאַרזיכערט, אַז אַלע זעלנער וועלען באַפרייט און זיי קאָנען געהן וואוהין זיי ווילען; עס איז אָבער אויך אַרומגעגאַנגען אַ שטאַרקער קלאַנג, אַז די סאָוועטען אַנערקענען די פוילישע זעלנער אַלס געפאַנגענע און וועלען זיי פאַרשיקען קיין סיביר . . .

ביסלעכווייז קומען אָן ידיעות וועגען גרעסערע בלוטיגע שלאַכטען, וואָס עס זענען פאָרגעקומען צווישען די רוסען און פאָליאַקען. מען דערציילט אויך פון זיכערע קוועלען, אַז אין בריסק איז געקומען צו אַ שלאַכט צווישען די דייטשען און די רוסען — ביז די דייטשען האָבען באַקומען פון בערלין אַ באַפעל איבערצוגעבען די שטאָט צו די סאָוועטען.

רוסישע עראפלאנען פליהען נידעריג איבער קאוועל. זיי ווארפען אויפרופען אין וועלכע די סאוועטען ערקלעהרען, אז די באפעלקערונג דארף די רוסען באגריסען אלס באפרייער; דאס פוילישע מיליטער דארף אהן ווידערשטאנד אין דער פולסטער ארדנונג אפגעבען דאס געוועהר.

ביי א בריק, ניט ווייט פון אונז, האט זיך צונויפגעזאמעלט פון פארשידענע פארמאציעס א גרופע דעספערירטע זעלנער און אפיצירען, וועלכע האבען באשלאסען טייער צו פארקויפען זייער לעבען. זיי האבען גענוי געוואוסט, אז זייער קאמף איז פארשפילט און אז זייער ווידערשטאנד וועט פוילען ניט באפרייען פון דעם נייעם שונא, אבער זיי האבען ניט געוואלט, אז עס זאל געזאגט ווערען אויף פאליאקען, אז זיי האבען אוועקגעגעבען זייער ערד אהן פארטיידיגונג און אהן קרבנות. דער ביישפיל פון דער העלדישער באלאגערטער ווארשע האט אויך זיי באפליגעלט מיט גבורה.

איך געה צוזאמען מיט איניגע חברים זעהן די לעצטע גרופע פוילישע פארטיידיגער. דאס ארט האלט מען פאר געפעהרליך און די ציווילע באפעלקערונג קומט ניט אהער נאהענט. די גרופע באשטעהט פון א דרייסיג פערזאן באוואפענטע מיט ביקסען און קוילען־ווארפער. זיי שטעהען פארפינסטערטע, איז אן עקשנות׳דיגען שטילשווייגען, דער חותם פון טויט ליגט אויף זייער פנים.

— זעלבסטמערדער, זאל גאט זיך מרחם זיין אויף זייערע נשמות — זאגט א פרומע גויע און צלמ׳ט זיך איבער.

אין איניגע שעה ארום זיינען די באלשעוויקעס אריין אין שטאט און זיי האבען מיט עטליכע זאלפען פון זייערע מאשין־געוועהר פאראליזירט העם ווידערשטאנד.

די גאנצע פוילישע און אידישע באפעלקערונג פון שטאט האט אנגעהויבען שטראמען צו די גאסען, וואו עס האבען זיך באוויזען די ערשטע סאוועטישע אפטיילונגען. אויסער קאמוניסטישע עלעמענטען און גאסען־יוגענד, וועלכע האבען אויפגענומען מיט שמחה די ידיעה וועגען אנקום פון די באלשעוויקעס, איז דער רוב, סיי פון דער אידישער און סיי פון דער פוילישער באפעלקערונג, ווייט געווען פון ענטוזיאזם. צוויי זאכען האבען שוין לכתחילה פאר׳מיאוס׳ט דעם באלשעוויזם אין די אויגען פון פאלק: דאס פיינדליכע אריינרייסען זיך קיין פוילען און דער צביעות׳דיגער פאקט מיט נאצי־דייטשלאנד. די באפעלקערונג האט איצט טאקע פרייער אפגעאטעמט, ווייל עס איז פארביי דער שרעק פאר די נאצים און זייערע באמבעס, אבער אין די הערצער האט געשפרודעלט שנאה און כעס צו די נייע באלשעוויסטישע בעלי־בתים.

דער כעס איז אבער געווענדעט בלויז קעגען דעם באלשעוויסטישען רעזשים און ניט קעגען דעם רוסישען סאלדאט, וועלכער מוז בלינד אויספיהרען די באפע־

לען פון זיין רעגירונג. שוין אין דעם ערשטען טאג איז די גאנצע באפעלקערונג אין קאוועל — פון קליין ביז גרויס — געווארען פארליבט אין חער רוסישער ארמיי.

רוסישע זעלנער . . . דער קלאנג פון די צוויי ווערטער געניגט אויף אנצואווארפען א שרעק: שוין ביים בלויזען דערמאנען זייער נאמען ערשיינט פאר אונזערע אויגען א מחנה האלב־ווילדע אנאלפאבעטען, פאר וועלכע עס עקזיסטירט בלויז „וואדקא", אויסגעלאסענקייט, אנפאלען אויף רוהיגע בירגער און פאגראמען . . . דער היינטיגער רויט־ארמייער האט אבער אין זיך גארניט פון דעם צארישען סאלדאט. די רויט־ארמייער צייכענען זיך אויס מיט זייער רוהיגקייט און אינטעליגענץ. זיי האבען אלע געענדיגט פאלקסשולען, פיל פון זיי באזיצען מיטעלע און העכערע בילדונג. עס זיינען ביי זיי שטארק אנטוויקעלט די געפיהלען פון ווירדע און אכטונג פאר יעדען מענש, אן אמת'ע ברייט־רוסישע בריהערליכקייט און פריינדליכקייט.

די רויטע ארמיי איז דער העכסטער (אפשר דער איינציגער) פראביר־שטיין פון דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, וואס קאן פאזיטיוו באווייזען, אז זי האט ערצויגען אן ערליכען אינטעליגענטען דור און האט איבערגעאנדערשט צום גוטען די רויהע נשמה און פסיכאלאגיע פון רוסישען המון.

קיינמאל האב איך אזוי ניט געגלויבט אין כוח פון ערציאונג ווי פון דעם מאמענט ווען איך האב דערזעהן דעם **נייעם יונגען רוסישען בירגער**. איך האב אויפגעהערט טרויען חער פילאזאפישער שיטה, אז א מענש איז ניט קיין „טאבולא ראסא" — א ליידיגער טאוועל אויף וועלכען דער ערציהער זאל קענען אויפשרייבען, וואס זיין הארץ גלוסט. ניט ריכטיג אזא מיינונג: די רוסישע יוגענד — איז פארלויף פון די העכער צוואנציג יאהר, וואס טיילען אונז פון דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע — האט באקומען אן אנדער מראה, איז אויפגעהויבען געווארען אויף א הויכען שטאפעל פון מאראל און מענשליכקייט . . . דאגעגען איז די נשמה פון דייטשלאנד אין פארלויף פון היטלער'ס הערשאפט געניצליך געזונקען צום שאול־תחתית, איהר יוגענד איז געווארען פארפוילט און פארווערימט, זי איז געפאלען ביז דעם טיפסטען תהום פון פארברעכערישען סאדיזם, רשעות און מענשען־פרעסעריי.

ווי פון וואקס איז די יוגענד — געבענשט זאל זיין דער ערציהער־סקולפטאר, וועלכער שאפט פרעכטיגע געשטאלטען בצלם אלהים, מיט דעם חותם פון גייסט! ווי פון וואקס איז די יוגענד — אז אייביגע קללה זאל פאלען אויף די ערציהער־תלינים, וועלכע האבען עקלהאפט געשטאלטעט דעם יונגען דייטש און איהם געמאכט פאר דעם טייוועל־געשפענסט און אפפאל פון דער מענשליכער משפחה!

יעדער רויט־ארמייער איז ארומגערינגעלט מיט מענשען, וועלכע הערען זיך איין מיט גרויס אינטערעס צו זיינע ווערטער. יעדער פון זיי איז אן אראטאר און ווייסט, ווי אזוי צו ערווערבען די סימפאטיע פון דער באפעלקערונג. אפילו

ווען זיי פיהרען אוים די מיסיע פון פארשפרייטען ליגנערישע פראפאגאנדע וועגען דער רייכקייט און וואוילטאג פון רוסלאנד און זיי חזר'ן איבער די אפטע סקאר־באווע פראזע „או נאס ווסיא יעסט" („ביי אונז איז אלץ דא") — מאכען זיי דאס אזוי געשיקט, מיט אזוי פיל תמימות און ענטוזיאזם, אז מען איז זיי דעם חטא לייכט מוחל . . . דער עולם באציהט זיך מיט ווייניג אמונה צו די „וואונדער" וואס געשעהען אין באלשעוויסטישען רוסלאנד, אבער איין זאך באוואונדערען אלע אויפריכטיג: דעם רויט־ארמייער!

דער איינציגער גרויסער נס — דער אומגעהויערער וואונדער פון באלשעוויזם איז דער גייסט, הויכער מאראלישער ניווא און אידעאליזם פון דער רוסישער יוגענד און פון דער רויטער ארמיי.

ישנעל כאפט דעם עולם אויף די לייכטע און מעלאדישע רוסישע לידער. הונדערטער קאוולער אידישע און פוילישע קינדער ווערען ארויפגענומען דורך פריינדליכע רויט־ארמייער אויף מיליטערישע טראקס און זיי פאהרען ארום מיט א געזאנג איבער דער שטאט. פאר די ארטיגע קאמוניסטען איז אביסעל אן ענטוישונג, וואס מען הערט ניט צווישען די זעלנער קיין איין רעוואלוציאנער ליד, אויסער דעם „אינטערנאציאנאל". אומעטום הילכען נאר גוטמוטיגע רוסישע פאלקס־לידער אדער פאטריאטישע געזאנגען. איבער אלעמען טראגט זיך דאס פאטריאטישע קאמף־ליד, וואס קינד און קייט זינגען גלייך מיט:

אויב ס'איז מארגען א קריעג,
אויב דער פיינד אונז באפאלט,
אויב דעם שונא וועט רויב זיך פארוועלען —
ווי איין מענש וועט דאס פאלק,
דאס סאוועטישע פאלק,
פאר דעם גליק פון זיין היימלאנד זיך שטעלען . . .

אויף דער ערד, איז דער הויך און אויף ים'ען
קלינגט דאס ליד אזוי מעכטיג און שטארק:
אויב ס'איז מארגען א קריעג,
אויב ס'איז מארגען א קריעג —
זיי שוין היינט,
זיי שוין היינט גרייט און וואך!

און עס שאפט זיך א פאראדאקסאלע שטימונג ביי דער באפעלקערונג: מען האט ווייטער פיינט דעם באלשעוויזם, אבער עס ווערט ליב די סאוועטישע יוגענד און איהר אוואנגארד — די רויטע ארמיי . . .

28

„אנדענקונגען" פון קאוועל

נאך די סאוועטישע פארפאסטענס האט אנגעהויבען מארשירען רעגולער מיליטער. אין משך פון איינציגע טעג זיינען זיי אהין אויפהערן געגאנגען אין דער ריכטונג פון דייטשען פראנט.

מיר, פליכטלינגען און געוועזענע מיליטער־לייט, האבען באוואונדערט די באוואפענונג פון דער רויטער ארמיי, וואס איז באשטאנען מעהרסטענס פון מעכאניזירטע איינהייטען. זאגאר די אפטיילונגען פון פוסגעהער פאהרען אויף ספעציעלע לייכטע אויטאס, אויף מאטאציקלען און וועלאסיפעדען. דעם מעכטיגסטען איינדרוק האבען אויף אונז געמאכט די גרויסע שווערע קאנאנען, די קונציגע פיל־רעהריגע זעניט־הארמאטען און די גיגאנטישע טאנקען. איך פערזענליך בין ניט קיין גרויסער מבין אויף כלי־זין, אבער אין דער צייט פון מיין דורכמעסטע; פוילען צוזאמען מיט דעם אנטלויפענדען פוילישען מיליטער, האב איך קיינמאל עפעס אזעלכעס מעכטיגעס ניט געזעהן. די, צווישען אונז, וועלכע האבען העכערע מיליטערישע אויסשולונג, ערקלעהרען קאטעגאריש, אז די געזעהענע סאוועטישע אנטי־עראפלאן־הארמאטען זיינען די בעסטע און די גיך־שיסענדסטע אין דער וועלט און אויך די גיגאנטישע טאנקען האבען ניט אין ערגעץ זייער גלייכען. מיר באדויערען זעהר, וואס די רוסען נוצען ניט אויס זייער מלחמה־מאשין קעגען דייטשלאנד, ווייל איצט איז דער פאסיגסטער מאמענט. מיר זיינען זיכער — און וועגען דעם שמועסען אויך סאוועטישע מיליטער־לייט — אז די „פריינדשאפט" איז בלויז א צייטווייליגע; ערגער וועט זיין פאר רוסלאנד, אויב דייטשלאנד וועט האבען א געלעגענהייט אויסצוקלייבען דעם פאסיגען מאמענט . . .

מיר באגעגענען פיל אידישע רויט־ארמייער. זיי זיינען איבערגעגעבענע סאוועטישע בירגער און דער רעזשים האט זיי אויסגעלערנט צו זיין פארזיכטיג מיט יעדען ווארט. מיט איינעם פון זיי, וועלכער איז איינגעקווארטירט בשכנות פון אונז, שליסען מיר נאהענטע באקאנטשאפט. ער איז א זשיטאמירער איד. וועגען אידישקייט ווייסט ער זעהר ווייניג. ער אליין רעדט א צוקאליעטשעטען אידיש און ער דערצעהלט, אז ווען עס זיינען פארמאכט געווארען ביים אויסברוך פון דער רעוואלוציע די חדרים און העברעאישע שולען, האט דער אלטער דור

ניט געוואלט שיקן די קינדער אין די קאמוניסטישע אידישיסטישע שולן, וועלכע זיינען אנטשטאנען אין אלע אידישע ישובים; זיי האבן שוין ליבערשט געשיקט זייערע קינדער אין די „גוי'שע", רוסישע שולן.

— און די עלטערן פון יונגן דור שיקן זייערע קינדער אין אידישע שולן?

— מיר דארפן עס ניט. די רוסישע שפראך איז שענער און רייכער פון דער אידישער, עס איז אויך פראקטישער צו לערנען וואס מער רוסיש. היינט איז שוין ביי אונז ניטא קיין אידישע שולע . . . ביי אייך דא וועט אויך אזוי זיין.

דורך אונזער סאוועטישן באקאנטן באקומען מיר ביסלעכווייז א בילד אויך פון אלגעמיינעם לעבן אין רוסלאנד. פון זיינע ווערטער פארשטעהן מיר אז אין דער סאוועטישער מדינה האט אייביג געשוועבט פאר אלעמענס אויגן די מורא פאר א מלחמה, פאר אן איבערפאל; דאס לאנד האט זיך שטענדיג געפונען אין אזא שטימונג, וואס מיר רופן „קריגס-צושטאנד". יעדע שעה האט מען זיך דארט געריכט אויף דעם שונא, וואס וועט אנגרייפן „די איינציגע פראלעטארישע מלוכה". ווער וועט זיין דער אנפאלער? ווער ניט?! — ענגלאנד, פוילן, ליטע, פינלאנד, א פשיטא שוין: פאר א דייטשן איבערפאל האט די סאוועטישע הויט אבמעהרסטנ געציטערט . . . און צוליב דעם פלעגט מען אין ראטן-פארבאנד אפשפארן דעם ביסן פון מויל — און אלץ אוועקגעבן פאר מיליטער. מען האט אויסגעארבייט זעהר ווייניג זאכן פאר דעם טאג-טעגליכן געברויך; מען האט בכיוון פארנאכלעסיגט די קליין-אינדוסטריע, אום צו ענטוויקלען ביז צו גיגאנטישע מאסשטאבן דעם בוי פון קריגס-מאשינען: קאנאנען, עראפלאנען. אפילו די צענדליגער טויזענטער טראקטארס, וואס מען האט געשיקט אין דארף צו ערד-ארבייט, זיינען שטענדיג געהאלטען געווארען אין צושטאנד פון מאביליזאציע, ווייל מען האט זיי לייכט געקאנט צופאסן צו דעם געברויך אויפ'ן שלאכטפעלד. צוויי-און-צוואנציג יאהר האט מען אין רוסלאנד אהן אויפהער אונטערגעהאלטען מלחמה-שטימונגען, גערופן צו אומאויפהערליכען ענטוזיאזם און צו קרבנות אויפ'ן חשבון פון די פרימיטיווסטע מענשליכע באדערפענישן.

אלץ פאר'ן מיליטער! די קנאפע אויסגעבויטע באהן-קאמוניקאציע פלעגט אפט אין רוסלאנד זיין פארנומען דורך טראנספארטן מיליטער און ניט ערמעגליכן דאס רעגולערע אריינפיהרן אין געוויסע שטעט די גענינגענדע צאל שפייז און קוילן; אין טייל ערטער פלעגט צוליב דעם ניט זיין טעטיג אין פארלויף פון איניגע חדשים די עלעקטריע פאר דעם פריוואטן געברויך און פאר באלייכטן די גאסן. טייל ארטיקלען פון ערשטן און צווייטן געברויך פלעגן אפט פולשטענדיג אויספעהלן, ווייל קליין איז געווען די צאל פון די פאבריקן פאר לייכטע אינדוסטריע. די באפעלקערונג — איבערהויפט אין די קלענערע שטעט — איז געווען שלעכט געשפייזט און ארים באקליידעט. דער סטאנדארט פון לעבן איז געווען זעהר נידריג. דערפאר אבער האט רוסלאנד אנגעהויבן פאר-

מעסטעז זיך מיט הויך־ענטוויקעלטע לענדער אויפ'ן געביט פון שווערער אינ־דוסטריע; אין הינזיכט פון אינטענסיווער באוואפענונג האט זי געהאט נאר איין ערנסטען קאנקורענט — דייטשלאנד.

די רוסישע באפעלקערונג, וועלכע האט געהאט הינטער זיך די שוידערהאפטע שווערע הונגער־יאהרען באלד ביים אויסברוך פון דער רעוואלוציע, האט אנגענומען טיילווייז מיט רעזיגנאציע, טיילווייז מיט אנערקענונג דאס שווערע לעבען פון פערמאנענטער ארימקייט. אין פארגלייך מיט יענע שוידער־יאהרען איז שוין איצט געווען פארהעלטניסמעסיג ניט שלעכט. מען האט שלום געמאכט מיט דעם פאקט, אז די בשותפות'דיגע קריגס־מאשין איז וויכטיגער פון אייגענעם פארלאנג און געברויך אין עסען, וואוינען, אנטאן זיך. הארמאטען, עראפלאנען, טאנקען, אויטאמאבילען און טראקטארס זיינען געווארען נאטירליכע און נאהענטע געגענ־שטאנדען; א מאשין איז אין רוסלאנד אן אפטערע ערשיינונג ווי א זייגערל, א פול־פעדער איז שווערער צו אויס'חלומ'ען זיך ווי א טראקטאר, אן עלעקטריש לעמפעל און א בענזין־צינדערל זיינען לוקסוס. ברויט און קארטאפעל — דאס זיינען די וויכטיגסטע פראדוקטען, וואס זיינען כמעט אומעטום דא גענוג; אנדע־רע לעבענס־פראדוקטען איז שווער צו באקומען.

כאראקטעריסטיש איז דער פאלגענדער אנעקדאט, וואס קורסירט אין רוס־לאנד:

„אויף א מאסען־מיטינג ערקלעהרט דער רעדנער, אז נאך דער פארווירקליכונג פון צוקונפטיגען „פינף־יאהר־פלאן" וועלען קומען אין רוסלאנד אזעלכע גוטע צייטען און עס וועט אזוי צוביוט ווערען די פראדוקציע פון עראפלאנען, אז יעדער גוט־פארדינענדער ארבייטער וועט האבען א מעגליכקייט זיך איינצוקויפען אן אוויאנעטקע (א קליינעם עראפלאן).

איין ארבייטער פון צווישען די פארזאמעלטע שטעהט אויף און פרעגט תמימות'־דיג:

— הבר רעדנער, צו וואס טויג מיר אן אוויאנעטקע?

דער רעדנער קלעהרט איהם אויף:

— עס וועט דיר זעהר צונוץ קומען, חבר. שטעל זיך פאר: פלוצלונג דער־וויסטו זיך, אז אין כארקאוו באקומט מען צו א האלבען פונט פוטער אויף א פער־זאן — שטייגסט באלד איין אין דיין עראפלאן, ביסט דארט אין פארלויף פון קורצע מינוטען, און דו שטעהסט שוין אין ליין ביי דער קראם פון פוטער; דו דערוויסט זיך, אז איז אדעס באקומט מען זאקען — שטייגסטו איין, פליהסט אין די שטעהסט שנעל דארט אין ליין..."

מען קאן זיך, אלזא, פארשטעלען, אז מען וועט האבען אן עראפלאן, אבער ניט, אז מען וועט האבען גענוג זאכען פון ערשטען געברויך.

„שטעהען אין ליין'' — דאָס איז די פּאָפּולערסטע באַשעפטיגונג, מיט וועלכע אַלע פאַרנעהמען זיך אין דער פרייער צייט. כמעט צו יעדער נויטיגער זאַך, וואָס מען וויל קויפען, איז דאָ אַ ליין. אַ ליין — דאָס איז אַ זאַך, וואָס לאָקט דאָרט יעדען; אויב מען קאָן זיך נאָר דערוואַרטען — לוינט צו שטעהען. וואָס מען וועט באַקומען אין קראָם — איז גוט און נויטיג. געוועהנליך שטעלט מען זיך פריהער אין ליין, און שפּעטער דערוויסט מען זיך וואָס פאַראַ פּראָדוקטען עס וועלען פאַרקויפט ווערען. אויב מען דאַרף אַפילו היינט ניט האָבען די פאַרקויפטע זאַך — לוינט אויך צו שטעהען און צו קויפען: וועט מען עס אַן אַנדער מאָהל באַנוצען, וועט מען עס טוישען אָפּגעבען, ווייל ניט אָפט מאַכט זיך אַזאַ זעלטענע געלעגענהייט.

אויף דעם באָדען פון „ליינאָמאַניע'' („אָטשערעדאָמאַניע'') זיינען אַנגעשריבען געוואָרען אין רוסלאַנד פיל קאָמישע געשיכטען און עס קורסירען צעהנדליגער אַנעקדאָטען. אָט איז איינער אַ כאַראַקטעריסטישער אומלעגאַלער וויץ, וואָס איז געווען פּאָפּולער צווישען די רוסען אין יענער צייט:

„פאַר דעם טראָן פון הייליגען פּעטער איז הימעל שטעהען אין אַן אָטשערעד די דיקטאַטאָרען היטלער, מוסאָליני און פראַנקאָ, הינטער זיי שטעהט סטאַלין. דער הייליגער פּעטער פרעגט יעדען פון זיי, וואָס ער וויל. — יעדער רעכענט אויס פאַר דעם הייליגען טראָן זיינע פאָדערונגען צו דער וועלט: די מדינות וואָס ער וויל פאַרכאַפּען און די פעלקער וואָס ער וויל אונטערברענגען... צום לעצטענס ווענדעט זיך דער הייליגער פּעטער צו סטאַלינען: „און דו, אומגלויביגער סטאַלין, וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר?'' סטאַלין ווערט רויט און שטאַמעלט אַ פאַרשעמטער: „איך וויל דאָ גאָרניט, איך האָב געזעהן, אַז עס שטעהט אַן אָטשערעד — האָב איך זיך אויך אַנידערגעשטעלט. אַזאַ געוואוינהייט ביי אונז רוסען...''

אויף די גאַסען פון קאָוועל ווערט אויסגעקלעפּט אַ מעלדונג פון סאָוועטישען מיליטערישען שטאָט־קאָמענדאַנט אויף רוסיש, פּויליש, ווייסרוסיש און אידיש: מען רופט די באַפעלקערונג צו אָרדנונג, מען ערלויבט צו געהן אין גאַס בלויז ביז צעהן אַזייגער אָוונט, מען הייסט עפענען די קראָמען, ניט באַהאַלטען קיין סחורות און פאַרקויפען אַלץ לויט די פריהערדיגע פּרייזען; עס ווערען אַנערקענט ביידע וואַלוטען — די פּוילישע און די רוסישע; איין פּוילישער זלאָטי ווערט גלייך צו איין סאָוועטישען רובל.

עס עפענען זיך אויף אַלע געשעפטען און זיי ווערען גלייך פאַרפולט מיט קונים, וועלכע קויפען אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגליך. דער סוחר צושיידט זיך טרויעריג מיט זיין סחורה, ווייל ער ווייסט ניט וואו ער וועט באַקומען נייע סחורה. אַממעהרסטען ווערען די קראָמען פאַרפולט דורך רויט־אַרמייער: זיי קויפען יעדע זאַך און זיי פרייהען זיך דערמיט, ווי קליינע קינדער. קודם־כל וואַרפען זיי זיך אויף שוכוואַרג. עס אינטערעסירען זיי ניט די פאַרב פון לעדער, די מאָדע, די

קוואַליטעט, אַפּילו ניט די מאָס... „מען דאַרף קויפן ווי לאַנג עס איז נאָך דאָ אין קראָם, ווייל אַזאַ געלעגנהייט וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן — עס מוז שנעל אויספּעלן... וועט עס ניט גוט זיין פֿאַר מיר — וועט עס זיין פֿאַר מיין פרוי, פֿאַר מיין קינד, פֿאַר אַ קרוב, פֿאַר אַ פריינד". מען קויפט שיך און מלבושים, קעמעלאַך און שפּיגעלאַך, אַפּילו פּאַפּירענע טאַפּעטן צו די ווענט. אַלץ איז סחורה! אַלץ איז אַ „גליקליכע געלעגנהייט"! אָבער געדענקענדיק, וואָס די פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג האָט אָנגעזאָגט, פּאַרענטפערן זיך די סאָוועטישע זעלנער יעדעס מאָל מיט אַן אומשולדיק שמייכעלע: „יאָ, יאָ, ביי אונז אין רוסלאַנד איז אַלץ דאָ, אָבער מיר ווילן איינקויפן אָנדענקונגען פון דאָנען..."

עס גייען פאַרביי איניקע טעג און דער פיבער פון איינקויפן „אָנדענקונגען" ווערט ניט קלענער ביי די רויט־אַרמייער, די געשעפטן ווערן אָבער ביסלעכווייז אויסגעליידיקט. דאָן שמידען אויס די סאָוועטישע זעלנער אַ פרישן נאַאיוון אַרגומענט צום „באַווייזן" פאַרוואָס איז ביי אונז אין פוילן געווען „אַזוי פיל". „די סיבה איז אַ פּשוטע — ערקלערן זיי — אין פוילן איז דער אַרבייטער געווען אָרים האָט ער ניט געהאַט קיין געלד צו קויפן, זיינען דערפאַר די געשעפטן געווען פול מיט סחורות; ביי אונז אין רוסלאַנד האָבן די אַרבייטער אַ סך געלד און דערפאַר איז ניט מעגליך, אַז מען זאָל עפּעס אין די געשעפטן באַקומען, ווייל מען קויפט אַלץ שנעל אויס"...

מיר לאַכן פון דער נייער „תורה" אין עקאָנאָמיע, אָבער עס איז אונז כלל ניט פרעהליך אויפ'ן געמיט ביים געדאַנק, אַז מיר וועלן דאַרפן אונזער סטאַנדאַרט פון לעבן און פון דענקען אַזוי נידריג אַרונטערדריקן...

29

מיר ווילען „אויסשטייגען"

מיר געבען אָפּ אין קאָוועל זעהר פיל צייט אויף שטעהן אין ליין, כדי איינ־צוקויפען ברויט, הערינג, נאָדלען, פאָדים, קנעפּלאך, די לעצטע העמדער, וואָס עס איז נאָך מעגלאך צו באַקומען, שטיקלאך וואַרימע פלאַנעלע און נאָך פיל אַנ־דערע נויטיגע זאַכען, ווייל מיר גרייטען זיך צו די „זיבען מאָגערע יאָהר". אין גאַס ווערט קאַלט און עס בלאָזען ימים־נוראים'דיגע ווינטען. מיין לייכטער זומער־מאַנטעל וואַרימט ניט. מיט גרויס שוועריגקייט האָט זיך מיר איינגעגעבען צו קויפען פאַר זיך אַ פּויעריש פוטערען וועסטעל. קיין שום אַנדערע וואַרימע זאַך קאָן איך אין ערגיץ ניט באַקומען. איך ציה אַרויף דאָס פוטערען וועסטעל אויף מיין אַנצוג. מיין „עלעגאַנץ" רופט אַרויס אויפריכטיגע באַוואונדערונג ביי די רוסישע זעלנער און ניט איין רויט־אַרמייער לייגט מיר פאָר צו פאַרקויפען איהם דאָס וועסטעל.

אַלע הויפּט־גאַסען זיינען איבערפולט מיט קויפערס און פאַרקויפערס. די פליכטלינגען האָבען זיך שנעל געוואָרפען אויפ'ן „האַנדעל". דער עיקר ווערט געהאַנדעלט מיט זייגערלעך; די סאָוועטישע מיליטער־לייט קויפען זיי ליידענ־שאַפטליך. עס באַווייזען זיך אויפ'ן מאַרק זייגערלעך, וואָס האָבען שוין מיט פיל יאָהרען צוריק איבערגעריסען זייער לעבענס־גאַנג — איצט ווערט דאָס אַלץ סחורה, ווייל דער רוסישער מענש וויל האָבען אַ זייגערל אַלס זעלטענהייט און צירונג, אויב עס קאָן איהם שוין פּראַקטיש ניט דיענען אַלס מעסטער פון צייט.

ווען איך און מיינע פריינד זיינען פריי פון שטעהען אין ליין, געהען מיר אויף מאַסען־מיטינגען, איינגעאָרדענטע דורך די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־אָפּ־טיילונגען. די מאַסען־מיטינגען פלעגען אָפט האָבען אויך אַ גאַנץ פיינעם מוזי־קאַלישען און כאָרעאָגראַפישען פּראָגראַם. מיין אַנטייל אין די מיטינגען האָט מיר פאַרלייכטערט צו דערקענען דאָס לעבען אין רוסלאַנד און אויך די סימפּאַטיעס און שטימונגען פון דער באַפעלקערונג אין די פאַרנומענע געביטען פון געוועזע־נעם פוילען. די שטימונגען זיינען ניט געווען קיין פּראָ־סאָוועטישע: מען איז געווען די סאָוועטען דאַנקבאַר, אַז צוליב זיי איז אָפּגעשטעלט געוואָרען די באַמ־

באַרדירונג אין די געביטען; עס זיינען דער מאַסע אויך געפאַלען געוואָרען די גרויסע רוסישע דערפאַלגען אויפ'ן פעלד פון דערציאונג און שול־וועזען — עס איז אָבער כמעט פולשטענדיג ניט געווען קיין באַגייסטערונג צום סאָוועטישען פּראָגראַם און רעזשים, צו דער סאָוועטישער פּראַקטיק.

איבערהויפּט איז די שטימונג געווען א געדריקטע ביי דער אידישער אָרטאָדאָקסיע, ווי אויך ביי די העברייאיסטישע און אידישיסטישע (ניט קאָמוניסטישע) קולטור־טוער. מיר האָבען אַלע געזעהען באַשיינפּערלאַך, אַז די אידישע קולטור דאָרט איין און קומט אום אין רוסלאַנד.

מען האָט דערצעהלט אין קאָוועל וועגען פאַלגענדען אינצידענט בשעת א מאַסען־מיטינג: א סאָוועטישער אָראַטאָר האָט דערצעהלט צו די פאַרזאַמעלטע מיט גרויס התלהבות, וואָס רוסלאַנד גרייט זיך קירצליך אויפצוטאָן — אין משך פון די נעקסטע פינף יאָהר, וועט רוסלאַנד יאָגען, דעריאָגען און איבעריאָגען אמעריקע" („גנאָט אי פּערעגנאַט"). דאַן, לויט ווי מען זאָגט, האָט א אידישער אַרבייטער זיך אָפּגערופען אויפ'ן קול: „איך וויל ניט איבעריאָגען אמעריקע, אַז מיר וועלען נאָך דעריאָגען אַמעריקע — לאָזט מיר באַלד אויסשטייגען" . . .

און ווירקליך האָבען פיל פון די ציוניסטישע חברים, וועלכע זיינען פון וואַרשע אַנטרונען קיין קאָוועל, געקלעהרט איצט זעהר ערנסט וועגען דעם, ווי אַזוי מיר זאָלען וואָס שנעלער „אויסשטייגען" פון סאָוועטישען וואָגען. די באַציהונג פון די סאָוועטען איז נאָך דערווייל געווען א קאָרעקטע און ליבעראַלע. קיין ציוניסטען האָט מען פון אָנהויב ניט אַרעסטירט. אָבער נאָך א השתדלות פון די קאָוולער אידישע קאָמוניסטען, מיט וועלכע עס האָבען ניט מסכים געווען אפילו די אָנגעקומענע עכט־רוסישע שול־אינספּעקטאָרען, האָט מען פאַרבאָטען דאָס לערנען העברייאיש אין די שולען. מאַסען־פאַרזאַמלונגען פון עלטערען פלעגען פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל פאַר זייערע קינדער איבערלאָזען דעם לימוד פון העברייאיש און די העברייאישע שולען וועלען זיך צופּאַסען צום אַלגעמיינעם פּראָגראַם. אָבער די פאָדערונגען האָבען געהאַט א ווירקונג בלויז אויף די סאָוועטישע שול־באַאַמטע און ניט אויף די פאַרביסענע אָרטיגע אידישע קאָמוניסטען, וועלכע זיינען געגאַנגען אין פינסטערען וועג פון דער אַמאָהליגער טרויעריג באַריהמטער יעוסעקציע. און אַט זיי האָבען דעצידירט אין ענינים פון אידישקייט — אין זייערע הענט איז אויסגעליפערט געוואָרען צום רואינירען דאָס רוהמפולע העבראַאישע שול־וועזען מיט איהרע פּרעכטיגע געביידעס און פעדאַגאָגישע דערגרייכונגען.

איך און מיין פריינד דער אינזשיניר האָבען באַשלאָסען, אַז מיר זאָלען זיך ווענדען צו דער סאָוועטישער מאַכט מיט א ביטע, אַז מען זאָל אונז לאָזען „אויסשטייגען", דהיינו: מען זאָל אונז דערלויבען צו פאָהרען דורך אדעס קיין ארץ־ישראל.

אין דעם טאָג, ווען מיר האָבן געזאָלט איבערגעבן דער סאָוועטישער מאַכט אונזער בקשה, איז אָבער געשעהן אַ זאַך, וואָס האָט אונז געעפענט די אויגן און אונז אָפּגעהאַלטן פון אַ נאַאיווען און געפערליכן שריט. יענעם טאָג איז פאָרגעקומען דער ערשטער אַרעסט אין קאָוועל: די סאָוועטן האָבן אַרעסטירט דעם פיהרער פון „בונד", וויקטאָר אַלטער. עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן ביי וואָס פאַראַ אומשטענדן ער איז אַרעסטירט געוואָרן, אָבער עס איז געווען זיכער, אַז ער האָט „אָנגעהויבן" מיט דער סאָוועטישער מאַכט: ער זאָל — לויט די דאַמאָלסדיגע קלאַנגען אין קאָוועל — זיך האָבן געווענדט צו די סאָוועטן מיט געוויסע פאָרשלאָגן פון מיטאַרבייט, אויב עס זאָל אַנערקענט ווערן דער פּרינציפּ פון פוילען'ס אומאָפּהענגיגקייט, אין קעגנפאַל — זאָל ער האָבן געבעטן אַ דערלויבניש אויף אַרויספאָהרן פון לאַנד.

אַזעלכע זיינען געווען קלאַנגען וועגן די סיבות פון דעם ערשטן אַרעסט פון אַ בונדישן פיהרער. בקרוב זיינען געקומען נייע אַרעסטן פון בונדיסטן (אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט דער אַרעסט פון ערליך אין בריסק) און פון פוילישע סאָציאַליסטן — פיהרער פון פ. פ. ס., וועלכע זיינען אָבער מעהרסטענס שנעל געוואָרן באַפרייט. אַביסעל שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע רדיפות אויף ציוניסטן, רעוויזיעס און אַרעסטן.

אונזער „זיבעטעל", וואָס איז איצט באַשטאַנען פון דריי ציוניסטן און פיר בונדיסטן, האָט באַשלאָסן איבערטראָגן זיך אין אַ גרעסערע שטאָט, וואו עס וועט זיך אונז אפשר לייכטער איינגעבן צו לעבן אומבאַקאַנט און אומבאַמערקט פאַר דער סאָוועטישער מאַכט. מיר באַשליסן צו פאָהרן קיין ביאַליסטאָק, וואו אונזערע בונדיסטן האָבן נאָהענטע פאַמיליע.

מיר וואַרטן נאָך איניגע טעג מיט דער האָפנונג, אַז גוטמאַן און די אַנדערע צוויי פריינד וועלן אָנקומען. פון צופעליגע ידיעות דורך אַ פויער, וועלכער איז געקומען פון דאָרף, וואו מיר האָבן איבערגעלאָזט אונזערע דריי חברים, דערוויסן מיר זיך, אַז ווייסרוסן זיינען באַפאַלן דאָס הויז פון דער פוילישער לערערין, ווייל ס'האָבן זיך דאָרט געפונען איהר מאַן דער „גאַיאָווי" (וואַלדוועכטער), איניגע פוילישע זעלנער און איניגע „זשידקעס". עס איז פאָרגעקומען אַ גרויס געשלעג און פון ביידע זייטן זיינען געווען הרוגים. דער פויער האָט אונז פאַרזיכערט, אַז די „זשידקעס" האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט ביידע פוילישע פרויען און איניגע זעלנער.

מעהר קיין ידיעות וועגן גוטמאַנען און זיינע פריינד קאָנען מיר ניט באַקומען. געהן אין ווייסרוסישן דאָרף אַריין איז געפעהרליך און מיר וועלן זיי שוין דאָרט זיכער ניט באַגעגענען. מיר באַשליסן צו פאַרלאָזן קאָוועל און מיר בעטן די אָרטיגע העברעאישע לעהרער איבערגעבן גוטמאַנען, אויב ער וועט קומען קיין קאָוועל, אונזער וואַרשיינליכן אַדרעס אין ביאַליסטאָק.

כמעט איז לעצטען מאָמענט פאַלט אַרויס פון אונזער גרופּע דער ליבער אינ־זשיניר, ווייל ער האָט באַגעגנט פריינד, וועלכע נעהמען איהם מיט זיך אין אַ קליין שטעטעל נעבען גראָדנע, וואו ער וועט זיכער באַקומען אַרבייט אין אַ פאַבריק ביי אַ באַקאַנטען. אונזער אַלט „זיבעטעל״ איז שוין כמעט אינגאַנצען זיך צופאַלען. פון די זעקס איבערגעבליבענע האָבען בלויז דריי אַנגעהויבען צוזאַמען דעם טראַגישען וועג און זיי דריי פיהלען זיך פאַרבונדען דורך די שווי־דערהאַפטע איבערלעבונגען; די איבעריגע דריי — דאָס זיינען די צופעליג באַגע־גענטע אין וועג צוויי ברידער צאַדיקאָוויטש און דער יונגער ראַדיקאַל־געשטימטער סטודענט.

דער קאָוולער באַהנהויף, פון וואַנען עס האָט געזאָלט אָפּפאָהרען דער צוג קיין ביאַליסטאָק איז געווען איבערפולט מיט פליכטלינגען. צוואַנציג שעה — אַ גאַנ־צע נאַכט און מעהר ווי אַ האַלבען טאָג — זיינען מיר געזעסען אויף אונזערע רענצלאַך צוזאַמענגעקוועטשט מיט אַנדערע פליטים. די לופט איז געווען גע־דיכט און דעמפּיג. מיר האָבען זיך אַריינגעאָטעמט די שטיקענדע ריחות פון שוויים און שמוץ. אַרום אונז האָבען מענשען אין דער גרעסטער דענערווירונג זיך געקריגט צוליב „אָפּדריקען אַ פלייצע״, „שטעהען אויף היהנער־אויגען״, „פאַרכאַפּען אַן אָרט״. קינדער האָבען אָהן אויפהער געוויינט... אַזוי האָבען מיר געוואַרט צוואַנציג שעה, וואָס האָבען זיך געצויגען ווי אַן אייביגקייט, אויף אונזער צוג, וואָס האָט באַדאַרפט אַ „לאַדע מינוט״ אָנקומען. ענדליך איז ער אָנגעקומען און מיט גרויס מיה האָט זיך אונז איינגעגעבען אַריינשטופּען זיך אין אַ לאַסט־וואַגאָן. פון דעם וואַגאָן איז ניט אַרויסגענומען געוואָרען דאָס מיסט פון פערד, וואָס זיינען מן־הסתם מיט אַ קורצע צייט צוריק דאָ געפאָהרען.

אין דער צייט, ווען אונזער צוג האָט זיך פּאַמעלעך געשלעפּט, האָבען מיר אויסגערייניגט פאַר זיך אַ ווינקעל פון וואַגאָן. מיר לעגען זיך אויס אויף דער פּאָדלאָגע, אָבער מיר קאָנען ניט אָפּטרייבען און באַפרייען זיך פון פאַרשידענע משונה׳דיגע אינזעקטען און פליגען, קליינע און גרויסע, בייסענדע און שטעכענדע. הונדערטער פון אַזעלכע קליינע באַשעפענישען באַקריכען אונז, באַקומען זיך אַריין אונטער אונזערע קליידער, מאַטערען אונז און פּלאָגען אָהן אויפהער. איך צינד אַן אָפט ביינאַכט מיין עלעקטריש לעמפּעל און זוך צווישען מיינע קליידער די אינזעקטען. מיינע חברים טוען דאָס זעלבע. מיר קוקען איינער אויף דעם צוויי־טען דערשראָקענע און נידערשלאָגענע. ווען וועט זיך שוין ענדיגען אונזער וועג פון פּיין? שוין בעסער לויפען צופוס אונטער באָמבעס, ווי מאַטערען זיך און „פאָהרען״ אין אַזאַ שמוץ...

צוויי טעג האָט זיך אונזער באַהן געשלעפּט ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. מיר האָבען געפיהלט, אַז אויך אין ביאַליסטאָק וועלען מיר לאַנג ניט בלייבען: מיר וועלען זיך באַמיהען ביי דער ערשטער געלעגנהייט „אויס־שטייגען״ פון סאָוועטישען וואַגאָן...

30

אין ביאַליסטאָק —
אין קאַפע „לוקס"

ביאַליסטאָק איז געווען נאָך מעהר איבערפולט מיט פרעמדע, ווי קאָוועל. עס איז כמעט אונמעגליך זיך צו דערפרעגן וועגן אַ אדרעס — קיינער פון די באַגעגנטע און די געפרעגטע איז ניט קיין היגער.

אין די טעג, ווען מיר זיינען געפאָהרען מיט דעם „אינזעקטען־טראַנספּאָרט", איז דערווייל אין ווארשע פאַרענדיגט געוואָרען די העראָאיש־טראַגישע באַלאַגע־רונג און באָמבאַרדירונג. נאָך דריי וואָכען פון העלדישען ווידערשטאַנד האָבען די אויסגעהונגערטע און אויסגעמאַטערטע פאַרטיידיגער געלייגט זייער געוועהר. דער שונא האָט באַפוילען, אַז „לכבוד" זיין אַריינקומען קיין ווארשע זאָלען די גאַסען ווערען גערייניגט פון די הרוגים, עס זאָלען צוגענומען ווערען די באַריקאַדעס און מען זאָל אויסגלייכען די גריבער.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, האָבען זיך צווישען דער גרויסער מאַסע פליכטלינגען געפונען אויך איינציגע פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך אַרויס־געריסען פון ווארשע בשעת דעם גרעסטען פייער פון דער באַלאַגערונג. זייערע דערצעהלונגען זיינען שוידערהאַפטע. עס פאַרשטעהט זיך, אַז זיי האָבען ניט געזעהן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער שחיטה־שטאָט, ווייל עס איז ניט געווען קיין מעגלאַכקייט פריי זיך צו באַוועגען איבער די גאַסען, אָבער די מאַסען חורבות און טויטע, אויף וועלכע זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען אין וועג, זיינען פולשטענדיג גענוג, כדי אונז איבערצוגעבען אַ בילד פון גיהנום.

די פליכטלינגען, וועלכע האָבען איבערגעלעבט די באַלאַגערונג פון ווארשע, האָבען געהאַט אַ רעטזועלהאַפטע פאָרם פון דערצעהלען: זיי פלעגען אויסרעכענען צעהנדליגער גאַסען, וואָס זיינען חרוב געוואָרען, אָבער אַז איהר האָט געפרעגט — מיט בלאַסע און ציטערדיגע ליפען אויף איינצעלנע הייזער אין די זעלבע גאַסען — פלעגען זיי קאַטעגאָריש באַרוהיגען: „דאָס הויז שטעהט! עס איז געבליבען גאַנץ!"...

ווען ווארשע איז געפאַלען און די דייטשען זיינען אַריין אין דער פוילישער הויפּטשטאָט, איז אויסגעלאָשען געוואָרען די לעצטע האָפנונג, וואָס האָט נאָך געטליעט טיעף אין אינזערע הערצער, אַז די סאָוועטען וועלען פאַרנעמען ווארשע.

פון ביידע שלעכטע עוונטואליטעטן איז רוסלאנד א קלענערע שלעכטס. אין רוסישען אפיציאָז „איזוועסטיא" איז אפילו פארעפנטליכט געווארן א לאנד־קארטע, לויט וועלכער די סאָוועטן דארפן פארנעמען אין פוילן טעריטאָריעס ביז די גרענעצן פון ווייסל. אין צוזאמענהאנג דערמיט האבן מיר שוין אפילו געפלאנט צוריקצופאָהרען ביז פּראגע, א פארשטאָט פון ווארשע, וואס געפינט זיך אויפ'ן רעכטן ברעג פון ווייסל. לויט דער לאנד־קארטע פון „איזוועסטיא" איז אויסגעקומען, אז ווארשע וועט צוטיילט ווערן אויף צוויי טיילן: גרויס־ווארשע — צו די דייטשן, די פארשטאָט פּראגע — צו די סאָוועטן.

די סאָוועטישע זעלנער זיינען אויך געווען זיכער, אז מינדעסטענס ביז ווארשע וועלן זיי אלץ פארנעמען. אויף א פאלקס־מיטינג האט זאגאר א סאָוועטישער רעדנער פייערליך געמאלדען די פארזאמעלטע, אז דאס רוסישע מיליטער וועט ניט צוריק אריינלייגן די שווערד אין שייד ביז אלץ, וואס איז פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען רוסיש — וועט ווידער איבערגעהן צו רוסלאנד... אבער פון די אלע הבטחות און אפיציעלע מעלדונגען איז גארניט געווארן. די דייטשן האבן, ווייזט אויס, געגעבן א פּאַטש צו די סאָוועטן מיט זייער שווערד — די רוסן האבן זיך צוריקגעצויגן און זיך באַגנוגענט מיט די פוילישע געביטן, וואס ווערן באטראכט אלס ווייסרוסישע און אוקראינישע.

ווען מיר האבן פראבירט וועגן אָט דער טעמע אויסשמועסן זיך מיט די אזוי פריינדליכע רויט־ארמייער, פלעגן זיי האבן איין קשה:

— מיר זיינען ניט קיין פאליטיקער און מיר ווילן וועגן דעם ניט טראכטן. סטאלין טראכט שוין פאר אונז.

— און אייך אינטערעסירט ניט קיין פאליטיק? צו וואס האט איהר צייטונגען?

איינער פון די רויט־ארמייער האט געלאסן ארויסגעצויגן פון טאש א צייטונג, האט אראפגעריסן פון איהר א פירעקיג שטיקל פאפיר, ארויסגעצויגן פון א קליין פאפירען בייטעלע אביסל טאבאק, פארוויקעלט א סיגארעט און אונז אויך מכבד געווען מיט שטיקלאך פון צייטונג און מיט טאבאק. מיר האבן פאר־רויכערט די ביטערע סיגארעטלאך. דער רויט־ארמייער האט זיך פארזיכטיג ארומגעקוקט און האט שטיל דערקלעהרט:

— ביי אונז דעצידירט אין אלעמען אונזער פאטער סטאלין און ס'איז געזונטער פאר אונזערע קעפּ ניט אריינצוטראכטן אין זיינע דרכים... דערפאר האבן מיר זיך אפגעוואוינט פון פאליטיק. מיר לייענען ליבערשט ביכער, ווי צייטונגען. מיר קויפן צייטונגען, ווייל זיי האבן אויך אנדערע ידיעות, חוץ אויס־לענדישער פאליטיק. אויסער צייטונגען איז בכלל זעהר שווער צו באקומען פאפיר. אט צוליב דעם פרעגט ביי אונז אפט איינער דעם צווייטן אנשטאט „וואס לייענט איהר?" — „וואס רויכערט איהר?" („טשטא ווי קוריטיע?") „פראוודא" אדער „איזוועסטיא"?

איז אט דער וויכטיגער פראגע איז דא זעהר פיל אמת. אין א לאנד, וואו עס הערשט א דיקטאטור און מען באנוצט זיך מיט א געדונגענע פרעסע, ווערט אפגעטעמפט ביי דער באפעלקערונג יעדער אינטערעס צו אלגעמיינע געזעלשאפטלאכע פראבלעמען.

נאך דעם פולשטענדיגען פאלען פון פוילען ווערט ביסלאכווייז קלאר, אז צווישען דייטשלאנד און די סאוועטען עקזיסטירט א געהיימער אפמאך וועגען טראנספערירען אידען פון נאצישען פוילען צו די פארנומענע דורך די באלשעוויקעס געביטען. דער רוסישער גרעניץ, וואס איז שטענדיג געווען געשלאסען אויף זיבען שלעסער פאר יעדען פרעמדען, האט זיך פלוצלונג געעפענט און מען קאן כמעט אהן שטערונגען אריבער דעם גרעניץ צווישען דעם דייטשען און סאוועטישען טייל פון פוילען.

מיר פיהלען זיך אין ביאליסטאק ווי אפגעשניטען פון דער וועלט און מיר ווייסען ניט וואס עס הערט זיך מחוץ פון אונזער שטאט. די רוסישע צייטונגען, וואס קומען קיין ביאליסטאק מיט א היבשע פארשפעטיגונג, זיינען ליידיג פון ידיעות און באפרידיגען אונז ניט. זיי האבען אנגענומען א פול מייל מיט וואסער און זיי דערמאנען ניט מיט קיין איין ווארט וועגען דעם, וואס אינטערעסירט אונז אזוי שטארק. די צייטונגען פארעפענטליכען כמעט בלויז די אפיציעלע מלחמה־קאמוניקאטען פון די נאצים און פון די אליאירטע; אין די מאגערע אויפקלערונגען צו די קריגס־באריכטען זעהן מען באשיינפערלאך פרא־נאצישע סימפאטיעס. דער עולם קוועטשט פארוואונדערט מיט די פלייצעס און זאגט פאר, אז דער מערקווירדיגער פלירט וועט זיך שנעל ענדיגען מיט א גרויסער אנטוישונג פאר רוסלאנד... דאקעגען זיינען די סאוועטישע צייטונגען איבערפולט מיט באשרייבונגען וועגען דער שמחה וואס האט אויפגעטרייסעלט די באפעלקערונג פון די פארנומענע געביטען, ווען די סאוועטען זיינען אנגעקומען. עס ווערען פארעפענטליכט לאנגע ארטיקלען וועגען שרעקליכען דלות אין געוועזענעם פוילען, וועגען הונגער, נויט, ארבייטסלאזיגקייט, פארקויפטער פרעסע א. א. וו. — איצט ווערען די געביטען אנגעשלאסען אין דער גליקליכער סאוועטישער מדינה, וואו די באפעלקערונג וועט זיך קאנען פריי אנטוויקלען געניסענדיג פון דער אלגעמיינער רייכקייט אין ראטען־פארבאנד און פון דער זוניגער סטאלינישער קאנסטיטוציע, דער איינציגער דעמאקראטישער קאנסטיטוציע אויף דער וועלט . . .

די סאוועטישע צייטונגען זיינען לאנגווייליגע, איינטאניגע און חזר'ן איבער אהן אויפהער די זעלבע פראזעס, וואס זיינען דארט געווארען אויסגעליידיגט פון אינהאלט: „סטאלינישע זון, גליק, פרייהייט, עכטע דעמאקראטיע"... אויך מיר הויבען אן באנוצען די צייטונגען כמעט בלויז צו פראקטישע צוועקען, ווי צום רויכערען א ד. גל. אנדער פאפיר איז זעהר שווער צו באקומען.

די פליכטלינגען אין ביאליסטאק שאפען זיך אין קאפע־הויז „לוקס" אן אייגענע נייעס־צענטראלע. אין „לוקס" ווייסט מען אלץ: דארט באקומט מען די לעצטע ידיעות פון ווארשע, ווייל אויב עס רייסט זיך נאר עמיץ ארויס פון דער אומגליקלאכער שטאט און קומט קיין ביאליסטאק — ווערט ער באלד געברענגט אין „לוקס"; דארט דערוויסט מען זיך, וואס עס הערט זיך אויף דער וועלט, ווייל פארשידענע מענשען „כאפען אויף" אין שטוב אויסלענדישע ראדיא־סטאנציעס און זיי טיילען זיך מיט זייערע ידיעות אין „לוקס"; דארט קען מען פאר א הויכען פרייז אריבערשיקען א בריוו קיין ווארשע, ווייל עס האט זיך געשאפען א געזעלשאפט, וואס ווערבירט אלס בריוו־טרעגערינס שעהנע שיקסלאך, וועלכע דארפען זיין „גוט און בארמהערציג" צו די דייטשע סאלדאטען, אויב זיי וועלען פארהאלטען ווערען אין וועג. דאס געלד ווערט ניט איינגעצאהלט אין דער „פאסט־געזעלשאפט", נאר אין די הענט פון דריטע פערזאנען, ביז די מיידלאך וועלען צוריקקומען און ברענגען ענטפערס אדער געוויע סימנים, אז זיי זיינען געווען אויף דעם אנגעוויזענעם אדרעס. אין „לוקס" קען מען אויך קויפען און פארקויפען דאלארען, מאנופאקטור־סחורות, וועש; דארט ווערט דיקטירט דער קורס פון אלע וואלוטעס און מען רעכענט זיך זעהר ווייניג מיט דער סאוועטישער באהויפטונג, אז א דאלאר איז גלייך צו פינף רובעל — מען צאהלט דארט פאר א דאלאר צוואנציג רובל, און די טענדענץ האלט אין איין שטייגען; צום פוילישען זלאטי האט מען דארט אין יענע צייט געהאט מעהר צוטרויען, ווי צום רוסישען רובל.

קאפע „לוקס" איז אונזער היים, אונזער צייטונג, אונזער קלוב — אן ארט פון פארטרייבען די צייט, פון באגעגענען מענשען, פון שליסען געשעפטען.

קאפע „לוקס" איז שטענדיג איבערפולט און עס איז שווער זיך אריינצובאקומען. אין די פארנאכט־שעה'ן מוז מען פאר דעם „לוקס" שטעהן אין א רייהע. מען לאזט אריין בלויז אזויפיל נייע קליענטען, וויפיל עס געהען פון דארט ארויס, ווייל אינוויינינג איז איבערפולט. אז מען קומט אריין אין קאפע „לוקס" דערזעהט מען ארום זיך הונדערטער באקאנטע געזיכטער און עס דאכט זיך, אז אלע ווארשעווער קאפע־הייזער, מיט זייערע אייגענארטיגע און ספעציעלע קרייזען באזוכער, האבען זיך דא פאראייניגט. אויך דא זיצט ביי יעדען טישעל אן אנדער קרייז מענשען: אין איין ווינקעל זיצען ווארשעווער אדוואקאטען, אין א צווייט ווינקעל — אינזשינירען, ערגעץ באזונדער — געוועזענע אידישע פארטיי־טוער, קולטור־טוער, לעהרער, שרייבער, אבער דער קאנטאקט צווישען די טישלאך איז א לעבעדיגער און יעדע נייע ידיעה באקומט באלד פליגעל און טראגט זיך פון מויל צו מויל.

אין די ערשטע טעג פון אונזער קומען אהער פלעגט מען אין עלעגאנטען קאפע „לוקס" באקומען צו קויפען ביים בופעט קליינע פעניצלאך שווארץ ברויט, טעפעלאך טיי און א צוקערל (קיין פוטער און צוקער איז ניטא). שפעטער

הערט מען שוין דאָרט אויך צו באַקומען אויך דאָס פּעניצעל ברויט און דאָס צוקערל. מען פאַרקויפט בלויז אַ טעפּעלע שלעכטע ביטערע טיי פאַר עטליכע צעהנדליג גראָשענס. דער גרויסער גערדאַנג זאָגט אָבער עדות, אַז די פּרעקוועַנץ פון באַזוכער וואַקסט אין „לוקס" פון טאָג צו טאָג.

ווען מען קומט אַריין אין דעם באַלויכטענעם מיט קרישטאָלענע לאָמפּען גרויסען זאַל פון „לוקס", וואָס איז איבערפולט מיט מענשען, האָט מען אויף אַ ווײַלע אַן אילוזיע, אַז מען געפינט זיך אין אַ פאַרוויילונגס־אָרט, וואו אַז אָרקעסטער וועט באַלד אָנהויבען שפּילען און פיל דיסטינגירטע דאַמען און הערען וועלען זיך לאָזען אין טאַנץ. אָבער, אַז דו רייסט אַוועק די אויגען פון דעם פייערלאַכען שימערירענדיגען ליכט און קוקסט זיך בעסער איין אין דעם וואַכעדיגען פּובליקום, וואָס באַשטעהט כמעט אויסשליסלאַך פון מענער, וועלכע זיצען פאַרדאַגה'טע ביי טעפּלאַך טיי און האָבען אויסגעלייגט אויף די טישלאַך איינגעוויקעלטע אין צייטונגס־פּאַפּיר שטיקלאַך ברויט און הערינג — פאַרשטעהסטו, אַז דער אייסערלאַכער גלאַנץ איז דאָ געקומען, כדי דורך דעם שוידערהאַפטען קאָנטראַסט נאָך בולטער אונטערצושטרייכען די עלענדקייט פון היימלאָזע וואַנדערער, פון געוועזענע מענשען, וועלכע האָבען ערגעץ איבערגעלאָזט אויף הפקר זייערע נאָהענטסטע, היימען, רייכטימער.

איך באַגעגען אין „לוקס" פיל וואָרשעווער באַקאַנטע. יעדער איז פול מיט אויסערגעוועהנלאַכע איינדרוקען און מיט שרעקליכע איבערלעבונגען, וואָס זיינען שוין אָבער ניט אומשטאַנד צו ריהרען אונזערע פאַרשטיינערטע הערצער. כדי פּטור צו ווערען פון דעם מבול דערצעהלונגען, הענגט עמיץ אַ ווײַצלער אַרויס אין „לוקס" אַ פּלאַקאַט מיט אַ מעלדונג: „עס איז פאַרבאָטען צו דערצעהלען: „אַ גאַרוואַלין שען פּאַלי" („אין גאַרוואַליז ברענט"), ווייל מיט די ווערמער פּלעגען זיך מעהרסטענס אָנהויבען די גרויל־געשיכטעס פון פּליכטלינגען.

איך זיץ אין „לוקס" און וואַרט אויף מיין פריינד דעם אַדוואָקאַט, וועמענס רייהע עס איז היינט אויסגעפאַלען צו ברענגען ברויט פון בעקער. צו מיין טישעל קומט צו אַ פיין־געקליידעטער הער, ציהט מיט זעלטענער העפליכקייט זיין הוט, שטעלט זיך פאָר און פרעגט, צי איך דערלויב איהם זיצען ביי מיין טישעל. איך בין, פאַרשטעהט זיך, מסכים. ער זעצט זיך אַוועק און ריידענדיג אַ שעהנעם ליטעראַרישען פּויליש, בעט ער, אַז איך זאָל איהם דערלויבען צו אַנטוויקלען פאַר מיר זיינע אַן אידייע (איך בין דערשטוינט פון זיין פאָרשלאַג; ער זעהט מיר פּלוצלונג אויס באַקאַנט, אָבער איך געדענק ניט פון וואַנען):

...מיר אַלע צעהנדליגער טויזענטער פּליטים דאַרפען אָרגאַניזירען אַ ליגיאָן פון שלום. מיר טאָרען ניט זיצען רוהיג דאָ אין „לוקס", נאָר מיר דאַרפען געהן צו די שלאַכטפעלדער מיט אויפגעהויבענע הענט אַלס צייכען, אַז מיר זיינען ניט באַוואָפענט און אַז אונזערע הענט האָבען ניט פאַרגאָסען

קיין פלוט. אויף אונזער וועג וועלן מיר זיך צוזאמענטרעפן מיט פליכטלינגען פון דייטשע, פראנצויזישע און ענגלישע באמבארדירטע שטעט, וועלכע וועלן זיך אנשליסן צו אונז און גײן צוזאמען מיט פאנאנדערגעשפרייטע הענט. אז עס וועלן אונז דערזעהן די זעלנער אויף די שלאכטפעלדער, וועלן זיי זיך דערמאנען זייערע היימען, זייערע מאמעס און פרויען — זיי וועלן אויך אויפהויבן זייערע הענט, פון וועלכע עס וועט ארויספאלן דאס געווער. און אט אזוי — אנטוואפנטע און מיט פאנאדערגעשפרייטע הענט צו די הימלען — וועלן זיך אלע פאנאנדערגעהן אין פרידען, יעדער וועט געהן צו זיין היים, אויך איך... צי איז עס ניט קיין ריכטיגע אידייע? ... טא אפשר וועט איהר, גנעדיגער הער, זיין אזוי געפעליג און מיר אנשרייבן „אן אויפרוף צו אלע פעלקער"... אייער פריינד ה. (ער רופט אן א נאמען פון מיינעם א באקאנטען) האט מיך געשיקט צו אייך.

איך פארענטפער זיך, אז איך בין ניט אומשטאנד עס צו טאן. איך שיק איהם אפ צו אן אנדער באקאנטען, וועלכער זיצט ביי א שכנות'דיג טישעל. ער פארנויגט זיך העפליך און געהט צופרידען אוועק.

איצט געדענק איך שוין גענוי: איך האב איהם באגעגענט אין וואנדער־וועג. ער האט אויך דאן געהאט „א סיסטעם" פון שפרייטען הענט צו די הימלען, כדי אויסצומיידען באמבעס פון עראפלאנען... דער אומגליקליכער האט אין שווערען וועג פארלוירען זיין פרוי, אבער דער בארמהערציגער גורל האט „פארגיטיגט" דעם פארלוסט: צוגענומען ביי איהם דעם קלארען זינען און פארפלאנטערט זיין געפלאגטען מוח מיט געדאנקען וועגען נייע „סיסטעמען" און „אידייען"...

31

דאָס גוטע האַרץ פון אידישען פאָלקס-מענש

די פיר בונדישע פריינד אָרדענען זיך איין ביי זייערס אַ ביאַליסטאָקער פאַמיליע. איך און דער אַדוואָקאַט זוכען אַ דירה. מיר שלאָפען דערווייל אין אַ צימער, וואו עס איז ביז איצט געווען אַ קינדער־גאָרטען. דער צימער איז איבערפולט מיט פּליטים. מיר קומען דאָרט בלויז צום שלאָפען. אַ גאַנצען טאָג וואַנדערען מיר איבער די גאַסען פון שטאָט, שטעהען אין די רייהען צו קויפען קלעפּיג שוואַרץ ברויט, לויפען אויף מיטאָג אין ווייטע ביליגע רעסטאָראַנען, זוכען אַ דירה אָדער זיצען אין „לוקס".

אין אַ גרויסען פריהמאָרגען, ווען מיר זיינען געזעסען אין „לוקס", איז דאָרט געשעהן עפּעס אַזעלכעס, צוליב וואָס איך האָב שפּעטער אין פאַרלויף פון איינגע טעג געמאַכט אומאויפהערליך פאָרוואורפען מיין לעצטען פריינד פון „זיבעטעל" — דעם אַדוואָקאַט. און אָט איז די סיבה:

אין „לוקס", אַרומגערינגעלט דורך פיל פליכטלינגען, איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי, אַז ערשט אָנגעקומענע פון וואַרשע, און האָט דערצעהלט איהרע שרעקליכע איינדרוקען . . . איך און מיין פריינד האָרכען פון אָנפאַנג אויפמערקזאַם, אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבען שוין פיל מאָל געהערט עהנליכע דערצעהלונגען און דער אַדוואָקאַט זאָגט מיר אומגעדולדיג: „קום, מיר וועלען ווייטער געהן זוכען אַ דירה; אַ שאָד די צייט, איהר דערצעהלונג אַנטהאַלט גאָרניט קיין נייעס — עס איז „אַ געוואַלין שיען פאַלי" . . . אָבער פּלוצלונג דערהערען מיר איהרע ווערטער, פון וועלכע מיין בלוט ווערט פאַרגליווערט:

„ . . . ניט אַלע האָבען געוואָלט אויסבאַהאַלטען זיך אין קעלערס. טייל האָבען מורא געהאַט פאַר דערשטיקט ווערען אין קעלער אונטער די חורבות פון גאַנצען הויז — און פלעגען בלייבען אין שטוב. אויף זשעלאַזנע גאַס פיר־און־אַכציג, ביי רעשנע־גאַס, איז אַריינגעפאַלען אַ גראַנאַט אין אַ בעט, וואו עס האָט זיך אויף אַ מינוט צוגעלייגט אַ מיידעלע פון צען יאָהר . . .

איך פיהל, אַז דאָס בלוט האָט מיר געגעבען אַ זעץ אין פּנים, עס ווערט מיר שרעקליך היים און גלייכצייטיג ציטער איך ווי אין אַ מערקווירדיגער קעלט, איך הער, ווי עס קלאַפּט ביי מיר אין מויל אַ צאָהן אָן אַ צאָהן — און איך קאָן ניט

א הויז וואַרשעווער הויז ברענט

באהערשעז מיין נערוועז ציטערעז: „... זשעלאזנע־גאס פיר־און־אכציג! מיין הויז... מיין טאכטער...״ מיינע אויערעז זיינעז אנגעשפיצט — איך בין גרייט צו דערהערעז דאס ערגסטע.

אבער פלוצלונג דערהער איך די שטימע פון מיין פריינד, דעם אדוואקאט, וועלכער רייסט איבער די דערצעהלונג פון דער פרוי און שרייט צו איהר אוים:

— באקלעהרט, וואס איהר זאגט! דער מענש האט א פרוי און קינדער אויף זשעלאזנע פיר־און־אכציג!

די דערצעהלעריז ווערט רויט. זי דרייט זיך אוים צו מיר און זאגט מיט א צארטע שטימע:

— איך ווייס ניט, צי דאס איז געשעהן מיט אייער טאכטער... איך האב אליין עס ניט געזעהען... מען האט מיר בלויז דערצעהלט, אז עס איז דארט געשעהען א נס: די בעט איז צושמעטערט געווארען אויף שטיקלאך, אבער דאס מיידעלע איז געבליבען אומבאריהרט...

איך קאן קוים ארויסברענגען פון זיך עטלאכע פארשטיקטע ווערטער:

— צי איז עס אמת?... אפשר ווילט איהר מיך בלויז בארוהיגען?...

די פרוי פארזיכערט, אז עס איז אמת, אבער זי ווערט זעהר שנעל פארשווינדען, וואס עס זעהט מיר אוים צו זיין פארדעכטיג.

— איז אלעמען ביסטו שולדיג! — בייזער איך זיך אויף מיין פריינד — ווער האט דיך געבעטען, אז דו זאלסט אויף מיר רחמנות האבען?! צוליב דיר וויים איך ווידער ניט דעם אמת און וועל ווייטער מוזען זיך פלאגען אין שלאפלאזע נעכט...

באלד נאך דעם מערקווירדיגען גרוס פון מיין הויז אין ווארשע בין איך צוגעשטאנען אלס צעהנטער און לעצטער שותף צו א שעהן שיקסעל, וועלכע איז געווארען געשיקט קיין ווארשע מיט צעהן בריעף. יעדער בריעף האט געהאט דריי אדרעסען, כדי אונזער בריעף־טרעגעריז זאל קאנען דערוויסען זיך ביי פריינד וועגען גורל פון אינזערע נאהענטסטע, אויב אונזערע הייזער זיינען חרוב... אויב אונזערע פאמיליעס לעבען שוין ניט — מוז זי ברענגען וועגען דעם א מעלדונג אנגעשריבען דורך עמיצען פון די דריי אדרעסאטען. יעדער פון אונז צאהלט הונדערט זלאטעס. די גאנצע סומע פון טויזענט זלאטעס ווערט גלייך איינגעלייגט ביי א רייכען ביאליסטאקער איד, ביי וועלכען דער שיקסעלס מוטער ארבייט אלס הויז־וועכטעריז.

מיין בריעף קיין ווארשע איז געווען זעהר קורץ, געשריבען אויף א קליין שטיקעל דין פאפיר; דאס שיקסעל האט באדארפט אלע צעהן קליינע קוויטעלאך ערגיץ ביי זיך זארגפעלטיג באהאלטען. איך האב געשריבען:

„צו אנקא, יאאלא, אלעקסאנדער, פריינד ג.

איך לעב. גלייך מעלדען, צי איהר אלע לעבט און וואס מיט אייך געשעהט ? דעצידירט צי איך זאל קומען קיין ווארשע, אדער זיך באמיען אייך אהערברענגען. זאל יעדער פון אייך באזונדער אונטערשרייבען דעם ענטפער. ירחמיאל".

איך האב צוגעזאגט דער שיקסעל א ספעציעלע מתנה און איהר געבעטען, אז זי זאל גוט אנקוקען מיין פרוי און די קינדער, כדי זי זאל צוריקקומענדיג גע־נוי מיר קאנען אפשילדערען, ווי זיי זעהען אויס, ווי אזוי זיי זיינען געקליידעט: זי דארף אויך גוט געדענקען יעדעס ווארט, וואס זי וועט דארט דערהערען.

נאך דעם, ווי איך האב ערלעדיגט דאס ארויסשיקונג פון בריעף, בין איך מיט דעם אדוואקאט ארוים אין גאס זוכען א דירה.

ווי מיר זיינען אזוי געגאנגען שווייגענדיג און פארזונקען אין שווערע מחשבות, האבען מיר דערזעהען א אידענע מיט א קוישעל בייגעל. אין גאס איז געווארען א געלויף. מען האט די אידענע ארומגערינגעלט פון אלע זייטען — אין פארלויף פון געצעהלטע מינוטען זיינען די בייגעל געווען אויספארקויפט. אויך מיר און דעם אדוואקאט האט זיך איינגעגעבען קויפען צוויי בייגעל. פארשוויצטע און צו־שטראהלטע פון דער גרויסער דערגרייכונג, האבען מיר זיך קוים ארויסבאקומען פון דעם צוזאמענלויף. מיר זיינען אריין אין א הויף און זיך אוועקגעשטעלט עסען די בייגעל.

פלוצלונג עפענט זיך א טיר אין הויז, נעבען וועלכע מיר זיינען געשטאנען, און עס קומט צו אונז ארויס א באשיידענע געקליידעטע עלטערע פרוי. מיר בא־האלטען שנעל די ניט־דערעסענע שטיקלאך בייגעל און ווילען אוועקגעהן, אבער די פרוי פארהאלט אונז און זאגט:

— קומט אריין צו מיר, וועט איהר טרינקען טיי און עפעס פארבייסען.

מיר האבען זיך דערפיהלט זעהר פארשעהמט און נידערגעשלאגען: צי זעהען מיר שוין אויס, ווי בעטלער, אז אומבאקאנטע מענשען ווילען אונז שענקען עסען? מיר דאנקען דער פרוי און קלויבען זיך אוועקצוגעהן. זי פיהלט, אז מיר זיינען באליידיגט פון איהר איינלאדונג. זי נעהמט אונז ביי די הענד און בעט אויפריכטיג:

— זאגט ניט אפ אן עלטער פרוי! קומט אריין צו מיר, איך בין אזוי איינ־זאם, מיין זוהן איז ניט צוריקגעקומען פון מיליטער. דערלויבט, אז איך זאל פאר אייך עפעס טאן, איך האב אייך ניט געוואלט באליידיגען.

מיר געהען אריין צו דער פרוי אין שטוב. זי איז אונז מכבד מיט טיי און קיכלאך פון אייגענעם געבעקס. זי נייט אן דעם אדוואקאט א הענגער צום קאלנער פון זיין מאנטעל. זי הייסט אונז ברענגען צו זיך אונזערע שמוציגע וועש, ווייל זי האט א גוטע און ביליגע וועשעריין. זי עצה'ט אונז וואו צו קויפען בעסער ברויט און וואו עס איז א קלענערע ליין. מיר באקומען אויך אן אדרעס פון א פאמיליע.

וועלכע האנדעלט איז מארק מיט פיש — דארט איז א פיינע דירה און זיי וועלען זעהר גערן אפגעבען א צימער; זיי זוכען צוויי ארענטליכע יונגעלייט, כדי רויט־ארמייער זאלען ניט פארנעמען דעם פרייען צימער.

בשעת אונזער געשפרעך מיט דער פרוי, ווייזט זיך צו אונזער גרויס פארוואונדערונג ארויס, אז זי איז א מוהמע פון מיינעם א נאהענטען פריינד — א מיטארבייטער פון ווארשעווער „היינט" ; צופעליג האט זי מיט אייניגע וואכען פאר דער מלחמה באקאנט אין קוראַרט אָטוואצק, וואו זי איז געווען ביי איהרע קרובים, מיין פרוי און מיינע קינדער. זי לויבט שטארק מיין טאכטער, איהר שעהנקייט און קלוגשאפט — איך הארך אויס איהרע ווערטער און איך בין שטארק גערירט . . . איך פארשטעה, פארוואס דער אדוואקאט קוקט מיר איצט ניט גלייך אין די אויגען; מיר קלעהרען איצט ביידע וועגען איין זאך: צי איז דער פארפאל מיט דעם גראנאט, וואס מיר האבען היינט געהערט אין „לוקס", טאקע פארלאפען מיט מיין טאכטער, און צי איז ווירקלאך געשעהן א נס, אדער די דערצעהלערין האט „אין דער הייסער מינוט" אויסגעקלעהרט אזא גליקליכע ענדע צו איהר דערצעהלונג ? !

מיר געזעגענען זיך מיט דער גוטער פרוי און מיר נעהמען ביי איהר דעם אדרעס פון די פיש־הענדלער. מיר מוזען איהר צוזאגען, אז מיר וועלען ביי איהר זיין אפטע געסט.

אין א האלבע שעה ארום האבען מיר שוין געוואוינט אין דער ציכטיגער דירה פון בערל דעם פישער. ער, זיין פרוי און זייערע דריי זיהן — אלע פראסטע און עהרלאכע פאלקס־מענשען — האבען אונז ארומגערינגעלט מיט דער גרעסטער אכטונג און ליבשאפט. זיי האבען זיך באמיהט צו טאן אלץ, אז מיר זאלען זיך פיהלען ווי ביי זיך אין דער היים. אפט האט אויסגעזעהן, אז מיר זיינען די בעלי־בתים און זיי געניסען פון אונזער גאסט־פריינדליכקייט.

אין מיין לאנגען וואנדער־וועג איז מיר אויסגעקומען צו זעהען ניט בלויז פיל גרויזאמעס און בייזעס, נאר אויך פיל גוטעס און דערהויבענעס, אבער אזעלכע איידעלע, פריינדלאכע און ליבהארציגע מענשען, ווי אט די עכטע אידישע פאלקס־קינדער — האב איך אין ערגיץ קיינמאל ניט באגעגענט.

32

די ערשטע אָרגאַניזירטע הילף פֿאַר פּליטים

אין ביאליסטאק איז פון טאג צו טאג געוואקסן די צאהל פון נייע פליכטלינגען, וועלכע זענען אנטלאפען פון ווארשע נאך דער באלאגערונג. די סאוועטיש־דייטשישע גרעניץ אין די פארנומענע געביטען איז געווען אפען, אבער דער וועג פון ווארשע ביז דער גרעניץ איז געווען א שוידערהאפטער: שרעקליכע איבערפאלען פון נאצישע זעלנער — מארד, רויב און געוואלד־טהאטען.

דער שטראם פון פליטים איז אבער געגאנגען ניט בלויז פון נאצי־פוילען; עס געהען אויך פליכטלינגען צוריק — אין דער פארקערטער ריכטונג. פיל זיינען פון די סאוועטישע געביטען צוריקגעגאנגען אהיים, קיין ווארשע אדער אנדערש־וואו ביי די נאצים. דאס זיינען געווען מענער און טאטעס, וועלכע האבען אין פארלויף פון די פיר מלחמה־וואכען ניט געהאט קיין ידיעות וועגען נאהענסטע; די אומרוהיגקייט און בענקשאפט האט זיי געטריבען אהיים; עס זיינען געווען צווישען די צוריקוואנדערענדע אויך יונגע מענשען, וועלכע האבען געוואלט צוזאמען מיט זייערע טאטעס און מאמעס טיילען דעם שווערען גורל פון דעם גרויסען אידישען קבוץ, וואס בלייבט אונטער די נאצים. פיל זיינען אויך געגאנגען מיט דעם באשלוס צוזאמענצונעמען אלע נאהענסטע און זיי אריבערברענגען צו די סאוועטען; אנדערע האבען זיך אנטשלאסען צו בלייבען אונטער דעם נאצישען יאך, ווייל עס האט זיך זיי אויסגעדאכט, אז דער קאמף פאר ב ר ו י ט און פאר א י ד י ש ק י י ט וועט ביי די סאוועטען זיין שווערער, ווי ביי די נאצים. קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. א פאניק און צומישעניש האט באהערשט אלע מוחות. געווען מענשען, וועלכע האבען ווי שאטענס געוואנדערט אהין און צוריק איבער די גרעניצען.

קאפע „לוקס” פארפולט זיך יעדען טאג מיט נייע מענשען. כמעט די גאנצע ראדיקאלע ווארשעווער לעהרערשאפט געפינט זיך שוין אין ביאליסטאק. אין „לוקס” ווערט ארויסגעהאנגען אן אויפרוף צו די לעהרער־פליטים, אז זיי זאלען קומען אויף א פארזאמלונג אין לאקאל פון א שולע. מיד — אלס דעם געוועזענעם פארזיצענדען פון לעהרער־פארבאנד אין פוילען — פארבעט מען ספעציעל

זעהר אומגערן אנטשלים איך זיך צו געהן אויף דער פארזאמלונג, אבער איך פארשטעה, אז מיין אפוועזענהייט וועט ספעציעל נאטירט ווערען. און וואס דאס הייסט „נאטירט ווערען" האב איך שוין באוויזען צו דערוויסען זיך.

די פארזאמלונג ווערט געעפענט דורך א באקאנטען ראדיקאלען שול־טוער פוןווארשע — א לעהרער אין די פוילישע מלוכה־שולען פאר אידישע קינדער. פיל מאהל האבען מיר זיך אין ווארשע באגעגנט אויף פארזאמלונגען און געפירט שארפע דעבאטען. צו מיין גרעסטער ערשטוינונג דערהער איך, ווי ער פארבעט מיך אין פרעזידיום פון דער פארזאמלונג.

אין זאל געפינען זיך בערך הונדערט־און־פופציג ווארשעווער לעהרער, צווישען זיי בלויז א קליין הייפעלע נאציאנאל־געשטימטע, די איבעריגע — ראדיקאלען און רויט באפארבטע אסימילאנטען. מיין אנטייל אין פרעזידיום ווערט אפלאדירט דורך אלעמען. איך פיהל זיך אומבאקוועם, ווייל איך וויים, אז מיט דעם וואריי־מען קבלת־פנים ווילען מיינע קעגנער מיר באווייזען זייער גרויסמוטיגקייט און גרייטקייט מיר מוחל צו זיין מיינע „חטאים".

עס ווערען געהאלטען הייסע ראדיקאלע און ענטוזיאסטישע רעדעס, אבער אין דעם פראזאאישען טייל פון יעדער רעדע הערט זיך א פארביטערטע פראגע: „וואס וועט מיט אונז ווערען? מיר דארפען ארבייט, ברויט, א דאך איבער'ן קאפ!" פיל פון די פארזאמעלטע זיינען געקומען צו דער פארזאמלונג מיט רוק־זעק אויף די פלייצעס, ווייל זיי האבען ניט אפילו וואו זייערע פעקלאך אנידער־צולייגען. טייל שלאפען איין פון מידקייט אויף די שול־בענק און די שכנים וועקען זיי ביי יעדער אפשטימונג: שוין איניגע טעג, ווי זיי וואנדערען איבער די גאסען פון ביאליסטאק און האבען ניט קיין ארט צום שלאפען, נאר נעכטיגען ערגעץ אויף טרעפלאך; זייער ארגאניזם איז אויסגעמאטערט פון הונגער און שרעק, פון ניט־שלאפען במשך דריי וואכען, ווען מען האט אהן אויפהער באמבארדירט ווארשע, פון מורא'דיגען אנטלויפען פאר די נאצים, וועלכע האבען פיל פון זיי מערדעריך צעשלאגען און בארויבט.

איך ווער אויסגעוועהלט אין דער פארוואלטונג, טראץ מיין קעגנערשאפט און מיינע פארשידענע באווארענישען. מיר הויבען אן אונזער ארבייט באלד נאך דער פארזאמלונג. מיר פארשטענדיגען זיך מיט דער ארטיגער לעהרערשאפט און מיר פארפליכטען יעדען ביאליסטאקער לעהרער, מען זיין הויז אפילו שוין זיין איבער־פולט מיט פליטים, ארייננצונעהמען איינעם אדער איניגע לעהרער. דעם נעקסטען טאג ווער איך און דער פארזיצענדער דעלעגירט צו דער סאוועטישער מאכט (צו דער אפטיילונג פון אפראוויזאציע) אויף צום אונטערהאנדלען וועגען באשפייזונג. מען נעהמט אונז דארט זעהר פריינדליך אויף און מען פארזיכערט אונז, אז אונזערע

פאַרלאַנגען װעלען פּאָזיטיװ באַטראַכט װערען, װייל בילדונג און קראַפט — שולע און מיליטער — זיינען די מעכטיגסטע צװיי זיילען אויף װעלכע דער באַל־שעװיזם שטיצט זיך. שוין פון דעם צװייטען טאָג אָן באַקומען מיר רעגעלמעסיג פאַר אַלע אונזערע מיטגלידער אומזיסט שװאַרץ ברויט און קאָנדענסירטע שטיק־לאַך קאַװע.

אונזער „דערפּאָלג" מאַכט אַ גרויסען איינדרוק אין שטאָדט. אין „לוקס" הויבען זיך אָן אָרגאַניזירען פאַרשידענע גרופּען פליכטלינגען פון די פרייע פּראָ־פעסיעס.

33

ווילנע
אויף דעם האָריזאָנט

די סענסאַציע פון טאָג איז ווילנע. די סאָוועטן האָבן באַשלאָסן אָוועקצושענקען ווילנע צו די ליטווינער, וועלכע האָבן דערויף „היסטאָרישע רעכט״, כאָטש די צאָהל ליטווינער איז דאָרט בלויז קנאַפּע פינף פּראָצענט.

איך פרעג מיין פּאָרזיצענדען פּאַרוואָס באַקעמפּען אונזערע קאָמוניסטען די היסטאָרישע רעכט פון אידען אויף ארץ ישראל, וואָס זיינען עטנאָגראַפיש, עקאָנאָמיש און היסטאָריש זיכער ניט ווייניגער באַגרינדעט ווי די ליטווישע רעכט. מיין קאָמונסטישער פריינד האָט נאָך אַ האַרבערע שאלה: פּאַרוואָס אויסליפערען מענשען און ערד, וואָס זיינען שוין געוואָרען באַפרייט, צוריק אין די הענט פון דער רעאַקציע? מן הסתם — טרייסט ער זיך — איז דאָ דערביי אַ ספּעציעלע כונה!

אָבער מיך פּערזענליך אינטערעסירט דער ענין ווילנע ניט פון שטאַנדפּונקט פון פּאָליטישער קונצענמאַכעריי, נאָר איך דערזעה פּלוצלונג אַ טירעלע זיך אַרויסצובאַקומען און „אויסשטייגען״ פון סאָוועטישען וואָגען.

עס איז פאַר אונז פאַרשטענדליך, אַז די מתנה ווערט געגעבען פאַר אַ געהעריגע באַצאָהלונג: די סאָוועטען זאָלען דערפאַר באַקומען פון ליטע אַ דערלויבניש צו שאַפען מיליטערישע באַזעס אויף דער ליטווישער טעריטאָריע.

מיליטערישע באַזעס? קעגען וועמען? דער איינציגער לאָגישער אויספיהר איז: קעגען דייטשלאַנד! איז סאַמע ברען פון „פריינדשאַפט״ — אין דער צייט, ווען מען טוישט זיך מיט סחורות, מען טראַנספּערירט מענשען איבער די גרעניצען און מען שענקט זיך טעריטאָריעס — קוקען אויף זיך ביידע ריזען מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם און שפּירען נאָך מיט פאַרדאַכט יעדע באַוועגונג... ווי אין דעם פאָלקס-מעשה׳לע וועגען יעקב׳ן און עשו׳ן קאָן זיך דאָס פריידיגע קושען פּלוצלונג פאַרענדערען אין אַ צאָרניג בייסען...

די ליטווינער פיהלען זיך אומבאַקוועם מיט דער מתנה: זיי ווילען זיך ניט פאַרפּלאָנטערען אין אַן אַנטאַגאָניזם מיט דייטשלאַנד, זיי ווילען אויך ניט איינרייסען מיט פּוילען און איהרע אַליאירטע, אָבער די הויפּטזאַך איז: זיי ווילען ניט, אַז רוסלאַנד זאָל ביי זיי אַריינשטעלען אַ פוס אין פאָרם פון מיליטערישע באַזעס, זיי נייגען זיך ליבערשט צו בערלין. צווישען די פּליטים אין ביאַליסטאָק —

צווישען די פאליטיקער פון „לוקס" — גלויבט מען ניט אין דער דויערהאפטיג־קייט פון דעם אפמאך וועגן ווילנע; מען איז זיכער, אז בקרוב וועט רוסלאנד צוריקנעהמען די ווילנער מתנה מיט א צוגאב פון קאָוונע און פאנעוויעזש.

לאנגע טעג האט געדויערט ביז די ליטווישע רעגירונג האט זיך אנטשלאסען אנצונעהמען די געשאנקענע ווילנע. סאוועטישע זעלנער, וועלכע מיר האבען גע־פרעגט וואס איז געשעהן מיט ליטע, אז זי איילט זיך ניט קיין ווילנע, פלעגען אונז אויפקלערען די סיבה אויף א וויציגען אופן:

— די ליטווינער האבען באשלאסען ארײנצומארשירען קיין ווילנע איז גרויס טריאומף און מיט א הערליכען מיליטערישען פאראד, איז אבער זייער איינ ציגער טאנקיסט קראנק געווארען, און ווי קען היינט מיליטער זיך באווייזען אהן „מעכאניזירטע איינהייטען"? אז דער טאנקיסט וועט מיט גאטס הילף געזונט ווערען, וועלען די ליטווינער אריין קיין ווילנע.

איך פיהל זיך אין ביאליסטאק ערגער פון טאג צו טאג. שלעכטע געדאנקען וועגען מיין פאמיליע פלאגען מיך אהן אויפהער. מיין בריוו־טרעגערין, דאס שיקסעל פון קאפע „לוקס", איז צוריקגעקומען מיט גארנים. זי איז שוין געווען ביים גרעניץ, אבער די ידיעות וועגען דער נאצישער ברוטאליטעט האבען איהר דערשראקען — און זי האט זיך צוריקגעצויגען. איך קלעהר אפט וועגען אריבער־טראגען זיך קיין ווילנע, ווייל די אטמאספערע אין ביאליסטאק ווערט פון טאג צו טאג שטיקענדער פאר א העברעער און א נאציאנאלען איד, אבער דער מאנגעל פון קאנטאקט מיט ווארשע שמידט מיך צום ארט. איך וויים, אז זייענדיג אין ווילנע וועט מיך דערוויטערען פון ווארשע א דאפעלטע גרעניץ: די סאוועטיש־נאצישע און ליטוויש־סאוועטישע.

מיינע באמיהונגען, אז דער לעהרער־פאראיין זאל פאדערען שולען געפיהרטע אין דער שפראך, וואס עם פארלאנגט די מעהרהייט פון עלטערען (געמיינט: העב־רעאיש), ווערט פארשריגען; א טייל רויטע אסימילאנטען פרעגען אפילו אפ די אידישע שפראך (זיי קאנען, נעבעך, ניט קיין אידיש), אבער זיי באקומען ארבייט אין פוילישע שולען פאר ניט־אידישע קינדער און זיי בארוהיגען זיך. די אט־מאספערע אין לעהרער־פאראיין ווערט פון טאג צו טאג הייסער. מיר האבען באקומען אביסעל אפערטען אויף ארבייט אין אידישע און פוילישע שולען, אבער די מעהרהייט באשטימט צו דער ארבייט בלויז „הונדערט־פראצענטיגע"; מען האט מיך באדארפט אין פארוואלטונג אלם באוויז פון אומפארטייאישקייט אין פראפעסיאנעלע פאראיינע, אבער פאקטיש פיהל איך זיך, ווי געפאנגען — „כתינוק שנשבה בין הגוים": אוועקגעהן האב איך ניט געקאנט, איבערבלייבען ניט געוואלט...

איך קום צו דער איבערצייגונג, אז פאר מיר איז פארט געבליבען נאר איין וועג: וואס גיכער אוועקפאהרען קיין ווילנע, צו ירושלים דליטא, וואס זאל

פלוצלונג אויף אזא וואונדערליכע אופן ווערן א רוהיג אינזעלע צווישן די ברוי־זענדע כוואלעס פון נאציזם און באלשעוויזם. איך האף, אז איידער די אויפגע־ברויזטע כוואליעס וועלן פארשלינגען אויך דעם ליטווישן אינזעל, ווי מיר אלע זעהען באשיינפערלאך פאר, וועט זיך אפשר דערוויילע אין ירושלים דליטא שאפן א מעגליכקייט צום עמיגרירען — עולה צו זיין קיין ירושלים דארץ־ישראל.

איך וואלט גלייך גענומען מיין רענצעל און געפאהרען, אדער געגאנגען, קיין ווילנע, אבער איך קאן ניט פארטזעצען מיין וואנדער־וועג כל־זמן איך וויים גארניט וועגען גורל פון מיין פאמיליע. כדי צו באקומען פון זיי ידיעות און זיי לאזען וויסען וואס מיט מיר איז געשעהן, באשלים איך אריבערפאהרען קיין זארעמבי־קאשטשעלנע, א שטעטעלע אויפ'ן סאוועטיש־נאצישען גרעניץ: דארט קומען אן יעדען טאג פון ווארשע טויזענטער פליכטלינגען און עס איז דא א שאנס צו באגעגענען באקאנטע; דארט פארזאמלען זיך אויך די מענשען, וועלכע ווילען צוריק אריבערגעהן קיין ווארשע. מיט מיר צוזאמען פאהרט מיין פריינד דער אדוואקאט. ער וויל אנבינדען א קאנטאקט מיט זיין שוועסטער, וועלכע איז פאר־בליבען אין ווארשע.

34

שטאלצע שקלאפען

ארום צוויי אזייגער ביינאכט פאהרט אונזער צוג ארויס פון ביאליסטאק און ער שלעפט זיך לאנגזאם צו דער ריכטונג פון דעם סאוועטיש־נאצישען גרעניץ. דער צוג איז איבערפולט מיט פליטים. כמעט אלע גרייטען זיך צום אריבערגעהן דעם גרעניץ און צוריקקומען אהיים. אין אונזער וואגאן האט זיך צוזאמענגעקליבען א מעהרהייט פון אידען, אבער די איבעריגע וואגאנען זיינען איבערפולט מיט קריסטען. די אידען, וועלכע פאהרען אין אונזער וואגאן, האבען „דארט" אלץ איבערגעלאזט און אין די עטלאכע וואכען וואס זיי האבען פארבראכט ביי די באלשעוויקעס, האבען זיי פיל זיך אנגעליטען פון היימלאזיגקייט און פון נויט, זיי באשליסען דעריבער, אז זיי „ווילען שטארבען ביי זיך אין דער היים". פיל פון זיי, פארמעגלאכע מענשען, גלויבען נאך שטארק אין צויבער פון געלד און זיי האפען, אז זייער געלד וועט זיי דערמעגליכען איבערצוקומען די שלעכטע צייט ביז דייטשלאנד וועט ווערען צושמעטערט און א באפרייט פוילען וועט ווידער אויפשטעהן תחית־המתים.

פארטאג קומען סאוועטישע זעלנער אריין צו אונז אין וואגאן. זיי פרעגען וואוהין מיר פאהרען. יעדער פון אונז רעכענט אויס נעמען פון קרובים, וועלכע „מיר האבען" אין זארעמבי קאשטשעלנע אדער אין אנדערע סאוועטיש־פוילישע שטעטלאך נאהענט ביים גרעניץ. די סאוועטישע זעלנער הארכען אויס געדולדיג אונזערע ליגענס און געהען ווייטער. מיר זיינען זיכער, אז זיי ווייסען וואוהין די מענשען שטראמען און די גאנצע קאנטראל איז בלויז, כדי מען זאל נית וויסען, וואס אלע ווייסען גענוי, אז די נאציש־סאוועטישע גרעניצען זיינען אפען.

אייניגע אידען אין וואגאן נאטירען דעם אדרעס פון מיין פאמיליע און פארזיכערען מיר פייערלאך, אז זיי וועלען איבערגעבען גרוסען און דערצעהלען וועגען מיינע פלענער צו פאהרען קיין ווילנע... אבער איך וויים, אז אין ווארשע געהט מען היינט אין גאם בלויז איז אויסנאהמס־וויכטיגע פאלען; איך וויים אויך, אז יעדער פון די מענשען האט זיינע אייגענע גרויסע דאגות און עס איז שווער פארצוזעהען וואס פארא אומגליקלאכע בשורות ווארטען אויף זיי אין דער היים — צוליב דעם אלעמען צווייפעל איך, צי זיי וועלען אויספיהרען זייער צוזאג. איך

האָב אָבער אַ סיסטעם פון „אַנגאַזשירען" וואָס מעהר מענשען, אפשר וועט כאָטש איינער פון זיי אויספיהרען זיין שליחות.

דער וועג פון אונזער צוג איז אַ שווערער. איז פיל ערטער זיינען די רעלסען געווען איבערגעריסען און דער גאַנצער וועג צעאַקערט דורך באָמבעס. אַלץ איז פאַרהעלטניסמעסיג שנעל געוואָרען אויבערפלעכלאַך פאַרריכט, אָבער דער צוג וואַקעלט זיך און שפּרינגט אָפּט האַסטיג אונטער. אין מיטען וועג שטעלט זיך דער צוג און מיר מוזען אויסשטייגען. מיר געהען עטלאַכע קילאָמעטער צו פוס דורך זומפּיגע פעלדער. צו אונזערע שיך קלעפּט זיך שווער שמוציג ליים, ביז מיר דערשלעפּען זיך צו אַן אויפגעריסענעם בריק. ביים צוריקבויען דעם בריק אַרבייטען פיל מיליטערישע סאַפּערען און ציווילע אַרבייטער. מיר פאָהרען אַריבער דעם טייך מיט קליינע שיפלאַך און געהען ווידער דורך אַ גרויסען שטח פון בלאָטעס, ביז מיר קומען צו אַ קליינעם צעשמעטערטען וואָגזאַל. אויף זייטיגע רעלסען שטעהען דאָרט שוואַרצע קנוילען פון פאַרפלאָנטערטע אייזען און בלעך — איבערבלייבאַכצען פון צוגען.

נעבען דעם טויטען וואָגזאַל וואַרט שוין אויף אונז אַ צוג, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון וואַגאָנען־אינוואַלידען, וועלכע זיינען אַרויס פון דער מלחמה מיט אונטערגעהאַקטע אויגען־שויבען, מיט וואונדען־לעכער אין די ווענט, אָבער די צעשלאָגענע וואַגאָנען האָבען זייער נשמה ניט אויסגעהויכט און זיי שלעפּען זיך קראַנקע און פאַרוואונדעטע איבער באָמבאַרדירטע שלאַכען. אָט אַזוי פאָהרען פּליטים־מענשען אין פּליטים־וואַגאָנען דורך אַ וועג וואָס איז אויסגעפּלאַסטערט מיט קברים און חורבות. און וואָס נעהענטער צום גרעניץ — אַלץ מעהר שפּורען פון טויט און פאַרניכטונג. איך קוק אַרויס פון וואַגאָן דורך אַ לאָך פון עטלאַכע אַרויסגעריסענע ברעטער און איך דערזעה פון דערווייטענס אַן אָרט, וואו עס גילדענען זיך אין דער צעשטראַלטער האַרבסט־זון פּרעכטיגע קאָלומנען ווי געבליבענע פון אַמאָליגע וואונדער־טעמפּלען... אַזעלכע האָב איך געזעהן אין וואונדערבאַרען גריכענלאַנד מיט איין יאָהר צוריק, פאַר דער מלחמה. מיר דערנעהענטערען זיך צום אָרט: דאָס זוניגע גיז־גאָלד פאַרשווינדט ביסלעכווייז, עס באַקומט אַ פאַטערע פון אַלטען גריז־גאָלד ביז עס דערשיינט פאַר מיינע אויגען אַ רויכיגע שוואַרצקייט פון איינזאַמע קוימענס, וועלכע זיינען געבליבען שטעהען ווי מאָנומענטען און מצבות נאָך פאַרברענטע הייזער און אומגעקומענע מענשען.

מיטאָג־צייט קומען מיר אָן קיין זאַרעמבי־קאָשטשעלנע. פון וואָגזאַל איז איינִיגע קילאָמעטער צום גרעניץ — לינקס, דריי קילאָמעטער צום שטעטעל — רעכטס. ווי מיר שטייגען נאָר אַרויס, רינגלען אונז אַרום פורמאַנעס, וועלכע ווילען מיט אונז פאָהרען אין שטעטעל אריין אָדער פיהרען איבער דעם גרעניץ.

ווי מיר שטעהען אַזוי און ריידען, באַווייזט זיך ביים צוג אַ בייכיגער נידריג־געוואַקסענער גוי אין אַ היטעל פון אַ באַהן־אַרבייטער און מיט אַ גרינעם באַנד

אויפ׳ן ארבעט. ער רופט הויך אויס, אז אלע באהן־ארבייטער זאלן זיין גרייט אויף פינף אזייגער צוזאמען אריבערצוגעהן לעגאל דעם גרעניץ; די דייטשען וועלען זיי צוריקגעבען זייערע פאסטענס. איך האב דעם איינדרוק, אז דאס איז עפעס אן אפיציעלע פערזאן, וואס איז ספעציעל געשיקט געווארען אהער דורך די דייטשען צום טראנספערירען די באהן־ארבייטער. מיט אונזער צוג זיינען געפאהרען עטלאכע צעהנדליג באהן־ארבייטער, זיי רינגלען אלע ארום דעם אינפארמאטאר און באשטימען מיט איהם פרטים פון זייער צוריקרייזע. צווישען די קריסטלאכע פאסאזשירען, וועלכע שטייגען אויס פון אונזער צוג, באמערק איך צוויי באריהמטע פוילישע אקטיארען, וועלכע פאהרען אויך צוריק קייןווארשע.

ביי דער צוריקפאהרענדער מחנה באמערקט זיך א פארקערטע דערשיינונג ווי ביים אנטלויפען: צווישען די אנטלויפענדע זיינען געווען פינף־און־זיבעציג פראצענט אידען, די איבעריגע פינף־און־צוואנציג פראצענט זענען געווען פאליאקען; ביים צוריקפאהרען זיינען, להיפוך, ניינציג פראצענט פאלאקען און צעהן פראצענט אידען. פארשטעהט זיך, אז די ציפערען זיינען ניט קיין גענויע, אבער אזא איינדרוק האב איך געהאט זעהענדיג פריהער דעם גרויסען שטראם פליטים פון ווארשע און איצט — דעם פלוס פון צוריקקעהרענדע. היטלער האט חרוב געמאכט די פוילישע מלוכה, אבער ניט דאס פוילישע פאלק און די פוילישע ערד; בלויז פאר אידען האט ער אומעטום געטראגען פולשטענדיגע אויסראטונג.

די פאלאקען, וועלכע פאהרען אהיים, באציהען זיך צו אונז אידען מיט א מערקווירדיגער שטאלצקייט און פאראכטונג. עס איז, ווייזט אויס, אט די פאלאקען פיל לייכטער צו פארטראגען זייער נויט און פיין, אויב זיי ווייסען, אז די אידען ליידען מעהר פון זיי און ווערען גרויזאמער געפייניגט. „אנטיסעמיטיזם איז אן אפיום פאר נאראנים און אומגליקלאכע״ — מיר זעהען עס איצט באשיינפערלאך אין דעם צופרידענעם שמייכעל פון די פינסטערע פוילישע פאלקס־קינדער, וואס אומקעהרענדיג זיך צו זייערע חרוב געווארענע הייזער, קוקען דאך אויף אונז ווי טריאומפירער, ווייל די בייטש שמייסט זיי מיט א קלענערען אימפעט, ווי אונז.

פיל־פיל חדשים פון בשותפות׳דיגע ליידען פאר אידען און פאלאקען איז פוילען האבען געמוזט אדורכגעהן ביז עס איז צעשוואומען דער שענדליכער געפיהל פון שאדענפרייד און נקמה צווישען ביידע פארשקלאפטע פעלקער. לאמיר גלויבען די עדות, וועלכע זאגען, אז אט די נארישע פינסטערע גאוה, אט די פאלישע בלינדע שנאה, אט דער אומפארשטענדליכער און אכזריות׳דיגער געפיהל פון נקמה, וואס האט באהערשט די פאלאקען איז באציהונג צו אידען איז דער ערשטער צייט פון דער דייטשער אינוואזיע — איז פולשטענדיג שפעטער פארשוואונדען. אפשר האבען די אלגעמיינע ליידען ווירקליך געלייטערט די מענשען, איבערגעשמידט זייערע הערצער, דערנעהענטערט צו זיך ביידע פעלקער און זיי אויפגעוועקט צו א געמיינזאמען קאמף מיט דעם געמיינזאמען ביטערען שונא.

35

ווייל מיר זיינען גערעכט

נית ווייט פון וואַגזאַל איז זאַרעמבי־קאָשטשעלנע איז דאָ אַ קליינער רעסטאָראַן. מען באַקומט דאָרט ברויט, אייער, וואורשט. עס קאָסט דאָרט פיל ביליגער ווי אין ביאַליסטאָק. מיר עסען מיט גרויס אַפּעטיט און שמועסען זיך אויס מיט דער פאַרקויפערין. מיר פרעגען:

— ווען קומען אָן אַהער די מענשען פון יענער זייט גרעניץ?

— אַז עס ווערט פינסטער הויבען זיי אָן זיך צו באַווייזען. זיי שטראָמען אַהער אין פאַרלויף פון דער גאַנצער נאַכט. אַרום עלף אַזייגער פריה נעמט זיי אויף דער צוג, מיט וועלכען איהר זייט איצט געקומען, און ער פיהרט זיי ביז דעם צעשמעטערטען בריק. פון מאָרגען וועט שוין דער בריק זיין געאָרדענט און מען וועט קאָנען פאָהרען דירעקט קיין ביאַליסטאָק.

ביי אַ שכנות׳דיג טישעל זיצען צוויי באַהן־אַרבייטער. נאָך אונזער געשפּרעך מיט דער פאַרקויפערין באַמערקען מיר, ווי זיי שושקען זיך. שפּעטער שטעהט איינער פון זיי אויף און ער פאַרבעט אונז צו זייער טישעל. מיר נעמען אָן די איינלאַדונג. זיי פרעגען אונז:

— איהר בלייבט דאָ?

— יאָ. מיר אידען האָבען נית נאָך וואָס צו פאָהרען צוריק.

דער יונגערער פון די באַהן־אַרבייטער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און זאָגט:

— מיר פּאָלאַקען דאַרפען אפשר אויך נית צוריקגעהן און לייגען דעם קאָפּ אין יאָך, אָבער איהר, אידען, זייט אַ גליקליך פאָלק: איהר זייט נית אַזוי צוגעבונדען צו דער ערד, איהר זייט מעהר צוגעבונדען צום הימעל, צו אידעאַלען. מיר זיינען פּראָסטער, כאַמישער, ווייניגער קאָמפּליצירט. פאַר אונז איז מעהר פּראָבלעם, ווי פאַר אייך: דער מאָרג אייגענע ערד, די וואַרימע בעט פון ווייב, דער פונט חזיר־פלייש... אָבער מיינט נית, אַז מיר געהען אַהיים ווי אָפּגעשמיסענע פּראַבקעס, וועלכע זיינען גרייט צו קושען די רוט. די שוואָבעס וועלען אונז האָבען צו געדענקען! מיר וועלען פאַר זיי אַזוי פיהרען די באַהנען, אַז מיר וועלען די שוואָבישע ביינער באַגראָבען אונטער חורבות פון וואַגאָנען! די באַהן־אַרבייטער אין פוילען האָבען שטענדיג געטאָן גוטע פּאַטריאָטישע אַרבייט. מיר

וועלען אויף יעדען שוואב באזונדער אנשטעלען דעם צינגעל פון אונזערע באהאלטענע דובעלטאוווקעס (יאגד־ביקסען)!

דער צווייטער, דער עלטערער באהן־ארבייטער, דעפינירט קורץ:

— איהר, אידען, קאנט בעסער פון אונז דעם סוד פון מ א ט ע ר ע ן ז י ך, מיר קאנען בעסער פון אייך דעם סוד פון ש ט א ר ב ע ן.

מיין פריינד, דער אדוואקאט, פרעגט זיי:

— וואס קאנט איהר אונז נאך זאגען וועגען אידען?

דער יונגערער באהן־ארבייטער, ווייזט אויס צו זיין אן אינטעליגענטער מענש, הויבט אן ריידען רוהיג, וואס לענגער ער רעדט אלץ מעהר צוהיצט ער זיך:

— מיר האבען אייך איצט שרעקליך פיינד, אבער איהר זייט איז דעם ניט שולדיג. אונז פארדריסט שטארק, וואס איהר זייט שטענדיג די גערעכטע, די קלוגע, די נביאים... איהר האט געווארענט, אז דער דייטש, וועלכער איז די לעצטע יאהרען געווען אונזער גוטער פריינד, וועט אונז פלוצלונג אכזריות'דיג באפאלען — איז ער אונז ווירקליך באפאלען און האט אונז צעשמעטערט; איהר האט אהן אויפהער געטענה'ט, אז אנטיסעמיטיזם עסט אויף דאס פאלק, ווי זשאווער — אזוי איז עס טאקע; איהר האט געזאגט אין דער שטיל, אז פיל פון אונזערע מענשען זיינען פארקויפט צום שונא — אזוי איז עס פאקטיש געווען; איהר האט געפרעדיגט, אז מיר דארפען זיך דערנעהנטערען צו דעמאקראטיע, נישט רייסען קיין אפמאכען, נישט מיטהעלפען ביים רויב פון טשעכיען, נישט גראטולירען איטאליע צו איהר גזילה אין עטיאפיע — און ווידער זייט איהר געווען גערעכט — — — אבער אייער חכמה, אייער אלטקייט, אייער אלצוויסענקייט דערנערווירט אונז, מאכט אונז קליין אין אונזערע אייגענע אויגען — און דערפאר האבען מיר אייך פיינד... עס קאן זיין, אז היינט אין באהן האבען אונזערע מענשען זיך באצויגען צו אייך מיט אזוי פיל שנאה, ווייל איהר האט אונז אפילו איבערגעשטיגען אין ליבשאפט צו פוילען און אין העלדישען קאמף מיט די נאצים, איהר זייט איינגעקשנ'טער און אויסגעהאלטענער — — — דערפון האט געליטען אונזער שטאלציקייט, אונזער אייגענליבע... מיר האבען אייך פיינד, אבער אין זיך ווייסען מיר, אז איהר פארמאגט זעהר פיל גוטעס, שעהנעס און פאטריאטישעס. — — — או־או־אוף! איך האב זיך אראפגערעדט פון הארץ, דערקלעהרט זיך אייך סיי אין ליבע און סיי אין שנאה... עס וועט מיר זיין אביסעל לייכטער אויפ'ן געמיט ביים אריבערגעהן דעם פארשאלטענעם גרעניץ...

— מיר האבען צו אייך א בקשה.

— מיר וועלען טאן פאר אייך, וואס עס וועט זיין מעגליך.

— געהט אריבער אין ווארשע אויף איינעם פון די צוויי אנגעשריבענע אדרעסען (צו מיין פרוי אדער צו דעם אדוואקאטס שוועסטער) און זאגט, אז איהר האט

אונז באַגעגענט ביים גרעניץ, אַז מיר זיינען אין ביאַליסטאָק און מיר וואַרטען אויף זייער שנעלע דעציזיע: זיי זאָלען באַלד צו אונז קומען אָדער מיר וועלען קומען צו זיי.

די צוויי באַהן־אַרבייטער באַראַטען זיך ערנסט און זיי דערקלערען:

— מיר זאָגען אייך ניט צו, ווייל עס וועט פאַר אונז זעהר שווער זיין; קיין פאַרבינדונג דורך טראַמוויען אָדער אויטאָס איז היינט ניטאָ אין וואַרשע, און מיר וואוינען זעהר ווייט, אויף די טאַמקעס (אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע). פאַרלאָזט זיך ניט אויף אונז!

מיר געזעגענען זיך זעהר האַרציג. עס דערנעהנטערט זיך פינף אַזייגער, ווען אַלע באַהן־אַרבייטער דאַרפען אַלס גאַנצע גרופע אַריבערגעהן דעם גרעניץ — דער נאַצי דאַרף זיי האָבען.

דאָס איז שוין מז־הסתם געווען אונזער צוואַנציגסטע איבערשיקונג פון ידיעות דורך מענשען, וועלכע געהען קיין וואַרשע. ביז איצט האָבען מיר איבערגעשיקט גריסען בלויז דורך אידען. אַלע האָבען אונז פייערליך צוגעזאָגט, אויסער די צוויי פוילישע אַרבייטער, וועלכע האָבען אויפריכטיג געזאָגט, אַז זיי צווייפלען, צי זיי וועלען דערפילען זייער שליחות.

דער איינציגער גרוס, וואָס האָט ווירקליך דערגרייכט צום ציל, איז איבער־געגעבען געוואָרען דורך די צוויי קריסטען. צי וועל איך נאָך אַמאָהל אין לעבען האָבען אַ געלעגענהייט זיי צו באַגעגענען און האַרציג אָפּדאַנקען?

36

„כל נדרי״ אין וואַלד

די פּאַרקויפּעריז פון רעסטאַראַן ביים וואַגזאַל פון גרעניץ־פּונקט זאַרעמבי־קאָשטשעלנע עצה׳ט אונז, אַז מיר זאָלן ניט גיין אויף ביינאַכט אין ווייטן שטעטל אריין, נאָר מיר זאָלן שוין איצט באַשטעלן פאַר זיך צוויי פּלעצער צום שלאָפן אין די שכנות׳דיקע זומער־הייזלאַך. ווי עס ווײַט נאָר אָנקומען די נאַכט וועט ניט זיין מעגליך צו געפינען אַן אָרט. הונדערטער פּליטים, און אפשר זאַגאַר טויזנטער, קומען אַהער יעדע נאַכט פון דער נאַצישער זייט.

איך און דער אַדוואָקאַט פאַרלאָזן דעם רעסטאַראַן און גייען זוכן נאַכט־לעגערס. אויף אונזער וועג באַמערקן מיר אַפּט פּויערשע פּוהרלאַך און קליינערע גרופּעס מענטשן — דאָס ציען זיי אַלע צום גרעניץ, כדי אַריבערצוגיין צו די נאַציס, ווען די נאַכט וועט פאַרדעקן די ערד.

מיר גייען פאַרביי אַ קליין הייזל. פון אינווייניג ווײַנט צו אונז פּלוצלונג אַרויס אַ פּידל:

זיי אַ שוץ מיר, זיי אַ שוועסטער
און אַ מאַמע מיר אַפילו;
לאָז מיין קאָפּ אין שויס דיר לייגן
אויסגיסן צו דיר מיין תפילה.

מיר בלייבן שטיין פאַרחאַפּט און פאַרוואונדערט. דאָס פּידעלע ווײַנט, און אונזערע געמיטער ווײנען מיט. וועמענס האַרץ האָט זיך דאָרט אַזוי אויס־געצווינגען אויף סטרונעס און קלאָגט מיט טיפן צער?

אין פאַרנאַכט, אין צייט פון רחמים,
וועל איך עפענען דיר מיין טענה:

מען זאָגט ס׳איז ערגעץ דאָ אַ יוגענד —
וואו איז מיינע?

לאַנג־לאַנג שטייען מיר אונטער׳ן פענסטער ביז עס שטאַרבט אָפּ דער לעצ־טער אַקאָרד. דאַן עפענען מיר די טיר און מיר גייען אריין אין הויז. עס פאַלט

מיר אויפ'ן האלז א יונגער בחור, א זוהן פון מיינע גוטע פריינד. ער הייסט ברוך פ. זיין פאטער איז אין ווארשע א פאפולערער באהעמע־מענש: אביסעל א פאעט — שארזש און סאטירע איז זיין ספעציאליטעט, א שטיקעל מאלער — אויסגעקאכט ביים איינארדענען אלע אידישע בילדער־אויסשטעלונגען, אליין אן אייגענטימער פון א טיפאגראפישער פאבריק, זיין פרוי — א באריהמטע אמאליגע שעהנהייט. ברוך איז זייער בן־יחיד און זייער שטאלץ, דער שבת פון זייער לעבען, זייער גליק.

און דער בן־יחיד איז ווערט זייער ליבשאפט. א שעהנער 19־יאהריגער בחור פון פרעכטיגען געבוי; א געטאקט פנים, וואו איידעלע־אלאבאסטער באקען האבען אין זייער מיטען דעם סובטעלען ראזעווען פארב פון צייטיגע קאנאדער עפעל; א פאר גרויסע מאנדעל־אויגען פון וועלכע עס קוקען ארויס גוטסקייט און טיפקייט. און אט דער יונגערמאן, אויף וועלכען קיין יונגע פרוי האט מן־הסתם ניט געקאנט א קוק טאן אהן אן אינווייניגסטען ציטער, איז געווען די פארקערפערונג פון באשיידענקייט און ריינקייט: אן איבערגעגעבענער חבר אין דער אידעאליסטישער באוועגונג פון „השומר הצעיר", אן אומזיסטער לעהרער פון פיל ארימע קינדער, א גאט־געבענשטער קינסטלער־פידלער. האט ער זיך אבער איינגעשפארט, אז ער וויל ניט פידלעריי אלס קיין פרנסה. האבען איהם די עלטערען געשיקט קיין וויען אין דער „הויכשול פאר גראפישע קונסט" און איהם צוגעגרייט צו ווערען דער יורש פון זייער פאבריק. ווען די היטלער־יונגען זענען געקומען קיין וויען, האבען זיי איהם ארויסגעטריבען. שפעטער האבען צוויי לענדער וועגען איהם זיך געראנגעלט: זיינע חברים האבען פארלאנגט, אז ער זאל פאהרען קיין ארץ ישראל; זיינע פעטערס און מוהמעס — רייכע מענשען פון די פאראייניגטע שטאטען — פלעגען אפט קומען קיין ווארשע און געוואלט איהם אפראטעווען פון פוילישען אנטיסעמיטיזם און נעהמען צו זיך. און ברוך איז געשטאנען א צוטור־מעלטער און ניט געוואוסט וואס אויסצוקלייבען: ער האט אלעמען ליב און אלע האבען איהם ליב; א שאד אוועקצופאהרען פון טאטע־מאמע; ער וואלט גערן געפאהרען קיין ארץ ישראל, וואס איז דער שווארצאפעל פון זיין אויג; זיינע פעטערס און מוהמעס פון אמעריקע זענען אזוי גוט צו איהם, האבען איהם געקויפט אזא פרעכטיג פידעלע — עס ווילט זיך איהם אויך צו זיי פאהרען . . . און טאטע־מאמע פלעגען פארזארגטע אפט זיך מיט מיר בעראטען וועגען זיין גורל: וואס זאל זייער טייער קינד אויסקלויבען?

און איצט האב איך איהם באגעגענט אין דעם קליינעם הייזעלע ביים גרעניץ. ער האט עס אזוי טרויעריג געשפילט אויף זיין פידעל.

— וואס טוסטו דא, ברוך?

— איך בין ביז איצט געווען ביי א מוהמע אין ביאליסטאק. האב איך באקומען א ידיעה, אז טאטע־מאמע קומען אהער א ליאדע טאג פון ווארשע. שוין

פינף טעג, ווי איך וואַרט דאָ אויף זיי צוזאַמען מיט מיין חבר יוסף (ווערט באַקאַנט !). יעדן טאָג קומען אַהער פון יענער זייט גרעניץ פיל טויזענטער מענשען, אָבער מיינע עלטערן זענען נאָך ניט געקומען. איך זאָל דאָ אַפילו וואָכן דאַרפן אויף זיי וואַרטן, וועל איך פון דאַנען ניט אַוועקגעהן. איך באַגעגן דאָ יעדן טאָג פיל באַקאַנטע און חברים פון „השומר". זיי ברענגען שוידערהאַפטע ידיעות. צענדליגער טויזענטער זענען געפאַלן ביי דער באַמבאַרדירונג פון וואַרשע, גרויס איז אויך די צאָל פון דערשאָסענע, מערדערליך צעשלאָגענע און אַרעסטירטע דורך די נאַציס . . . „וואָס הערט זיך מיט אייער פאַמיליע ?

— איך האָב פון זיי ניט קיין ידיעות. איך האָב היינט דורך עטליכע צענדליג מענשען געשיקט צו זיי מעלדונגען, אפשר וועט כאָטש עפעס דערפון צו זיי אָנקומען . . . זאָג מיר, טייערער ברוך, ווי אַזוי האָסטו זיך אַרויסגעראַטעוועט ? אַ חידוש, אַז דיין טאַטע האָט דיך געלאָזט אַליין גיין אין דער וועלט אַריין !

— ניט געלאָזט, נאָר געטריבן פון שטוב. דער טאַטע איז געווען קראַנק, געהאַט היץ און ניט געקאָנט מיטגיין. אַ סך מיינע חברים פון „השומר" זענען אַנטלאָפן, האָבן טאַטע־מאַמע אויך מיר געהייסן גיין. איך בין אַוועק צוזאַמען מיט אַ גרופע חברים, אָבער אויפ'ן וועג, אין דער צייט פון אַ באַמבאַרדירונג, האָבן מיר זיך פאַרלוירן. איך און דער חבר יוסף, וועלכער איז מיט מיר דאָ, זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ געגענד, וואָס איז שוין געווען פאַרנומען דורך די דייטשן.

— ווען איז דאָס געשען און ווי אַזוי האָט איהר זיך אַרויסגעראַטעוועט ?

— פרעג איך מיט גרויס אינטערעס.

ביידע חברים הויבן אָן צוזאַמען דערציילן זייערע איבערלעבונגען און ביסלאַכווייז באַקום איך אַ גענוי בילד פון דעם, וואָס איז פאַרלאָפן מיט די צוויי קינדער :

. . . אויפ'ן שאָסיי האָבן געהערשט די דייטשן, אָבער אין זייטיגע דערפער, וואו ביידע חברים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, פלעגן די דייטשן קומען זעהר זעלטן. די פויערים פון דאָרף האָבן זיך באַצויגן צו די אידישע בחורים מיט גרויס ליבשאַפט. מען האָט זיי אָנגעטאָן דאָרפישע מלבושים, כדי מען זאָל זיי ניט דערקענען. זיי פלעגן ארומגעהן איבער'ן דאָרף באָרוויסע און אָהן היטלען, זיי פלעגן אויך מיטהעלפן זייער גוטע בעל־הבית, דעם גאַספּאַדאַזש ווינצענטי, ביי זיין אַרבייט אין פעלד און אין שייער. איינינע מאָל האָבן זיך באַוויזן אין דאָרף פאַטרולן און האָבן רעקווירירט בהמות און פערד. איין מאָל איז ברוך געוואָרן פאַרהאַלטן דורך אַ דייטשן פאַטרול און איז געפרעגט געוואָרן אויף דייטש, צי עס זענען ניטאָ אין דאָרף קיין פוילישע זעלנער אָדער פליכטלינגען. ברוך האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער פאַרשטעהט בלויז „פּאָ פּאָלסקו". האָט

עטליכע ריידען געקאַנט האָט וואָס איינער. געפונען פּאַטרול אין זיך ווערטער אויף פּויליש און ער האָט איבערגעזעצט די פראַגע. ברוך האָט פאַרזי־כערט, אַז אין גאַנצען דאָרף זענען דאָ בלויז „סוואָי" (אייגענע).

שפּעטער האָבען זיך ביידע חברים דערוואוסט, אַז דער דייטשער פּאַטרול איז געווען ביים „סאָלטיס" (דער דאָרף־עלטסטער), געשטעלט איהם די זעלבע פראַגע און יענער האָט פייערליך פאַרזיכערט, אַז אין דאָרף זענען ניטאָ קיין פרעמדע, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ביי זיין שכן באַהאַלטען זיך צוויי אידישע בחורים... נאָך דעם אוועקגעהן פון דייטשען פּאַטרול איז דער סאָלטיס אריבערגעקומען אין זייער כאַטע און דערקלערט, אַז זיי מוזען וואָס גיכער אוועק פון דאָרף, ווייל דער פּאַטרול האָט איהם געמאַכט פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע איינוואוינער אין דאָרף און איהם געוואָרענט, אַז אַ ליאַדע שעה קאָן פאַרקומען אַ גענויע רעוויזיע איז גאַנצען דאָרף. דער סאָלטיס וועט דאָן באַצאָהלען מיט זיין קאָפּ, אויב מען וועט עמיצען געפינען.

דער סאָלטיס האָט אויסגעדריקט ביידע אידישע בחורים פיל סימפּאַטיע און האָט געשאָלטען די „שוואַבען" מיט טויטע קללות. ער האָט אָבער קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלען אוועק פון דאָרף. דער סאָלטיס האָט גע'עצה'ט, אַז זיי זאָלען געהן צו מזרח — צום אַפענעם סאָוועטישען גרעניץ. אַמגלייכסטען וועט זיין צו געהן דורך וועלדער, וועלען זיי אפשר אויסמיידען די דייטשען, וועלכע שלאָגען מערדעריליך אַלע באַגעגענטע אידען און רויבען ביי זיי אַלץ אַוועק. דער גוטער גאָספּאָדאָזש ווינצענטי האָט זיי גענוי געשילדערט דעם נאָהענטסטען וועג צו דעם גרעניץ (בלויז איניגע שעה גאַנג) און האָט זיי געהייסען אריינגעהן אין דער ערשטער כאַטע פון יענער זייט גרעניץ, ווען זיי וועלען אריוסגעהן פון וואַלד; דאָרט וואוינט ווינצענטי'ס אַ קוזין, דער יונגער גאָספּאָדאָזש סטעפעק. זאָלען זיי זיך דאָרט פאַררופען אויף ווינצענטי'ן, און עס וועט זיי גאַרניט פעהלען.

אויסגעפאַלען איז עס אין ערב יום כפּור. פאַרטאָג האָבען ביידע חברים אָנגע־הויבען זייער ווייטערדיגען וואַנדער־וועג. ווינצענטי האָט זיי מיטגעגעבען ברויט, פּוטער, אויסגעקאָכטע אייער און וואַסער (ניט געוואָלט נעהמען קיין געלד פאַר זייער אויפהאַלט און שפּייז). אויסער דעם שווערען רוקזאַק אויף די פּלייצעס האָט ברוך געטראָגען מיט זיך זיין פידעל, וואָס ער האָט ארויסגעראַטעוועט פון וואַרשע און וואָס האָט איהם זעהר באַליבּט געמאַכט אין גאָסטפריינדליכען דאָרף.

לאַנג האָבען ביידע יונגע חברים געוואַנדערט דורך פעלדער און וועלדער. אויפ'ן וועג האָבען זיי באַגעגענט אַ הונגעריגען פּוילישען זעלנער, וועלכען זיי האָבען מכבד געווען מיט ברויט. ער האָט זיי גע'עצה'ט ניט צו געהן טיף אין וואַלד, ווייל עס באַהאַלטען זיך דאָרט אוים קליינע פּוילישע מיליטערישע אָפּטיי־לונגען, וועלכע זוכען אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג אַ וועג פון דער פּאַסטקע.

וואס דער באלשעוויק און דער נאצי האבן פאר זיי אנגעגרייט. צווישן די אויס־געהונגערטע און אויסגעמאטערטע פוילישע זעלנער ווערן פארשפרייט באבע־מעשיות וועגן די גוואלדיגע אידישע דערגרייכונגען ביים סאוועטישן רעזשים. פיל פון זיי וואלטן דעריבער ביי דער ערשטער מעגליכקייט אויסגעלאזט זייער ביטער הארץ צו אידען, אויב עס האט זיי פארפעהלט כוח צום קעמפען מיט די ברוינע און רויטע ארמייער.

שווער און סכנות־פול איז געווען דער וועג פון די צוויי יונגע אידען: יעדער רגע האט זיי געדראהט א דייטשער איבערפאל אויפ'ן וואלד, וויל אין די טיפע־נישען האבען זיך נאך ארומגעבלאנקעט פוילישע סאלדאטען־מארודערען, און די דייטשען האבען „גערייניגט" די וועלדער; עס האט אויך געדראהט א פרואון פון פוילישע זעלנער ארויסצולויפען אויפ'ן שאסיי און פארכאפען אביסעל דייטשע שפייז און אמוניציע.

אפטער ווי געגאנגען, זיינען זיי געלעגען אין גראז איינהערענדיג זיך מיט א פארכאפטען אטעם צו יעדען שארך, צו יעדער באוועגונג פון בלעטער אין וואלד, צו יעדען פאל פון א שישקע אדער שפרונג פון א וועווערקע. פון צייט צו צייט פלעגען זיי דייטליך הערען דאס קלאפען פון פערדישע קאפיטעס און א היר־זשען אין וואלד, אפט אויך קורצע שיסערייען פון ביקסען און רעוואלווערען.

ארום פינף אזייגער פארנאכט האבען זיי מיט פרייד דערזעהן, אז דער וואלד ווערט שיטערער און עס זעהט זיך א פעלד מיט איינציגע הייזלאך ביים ברעג פון האריזאנט. די „לאנדקארטע", וואסביידע יונגע חברים האבען צוזאמענגעשטעלט לויט די שילדערונגען פון גאסטפריינדליכען ווינצענטי, באווייזט, אז דער גרעניץ איז שוין נאהענט. די הייזלאך, וואס מען זעהט פון דער ווייטענס, געפינען זיך „אויף דער צווייטער זייט"; אין איינעם פון זיי וואוינט דער גאספאדאזש סטעפעק. דאס וויכטיגסטע איז: דארט איז סאוועטישע ערד.

די הערצער קלאפען פון שמחה: צוואנציג מינוט לויפען, און זיי וועלען זיין ביים ציל. אויב עס האט זיך ביז איצט, אין פארלויף פון צעהן שעה וואנדערען, אלץ אזוי גליקליך איינגעגעבען — וועט זיי אויך איצט גאט ניט פארלאזען. זיי ליגען אין גראז און אטעמען הויך; זיי ווילען זיך אפרוהען און אנשעפען גענוג כוח צום לאנגען שפרונג — פון נאצי ביז פרייהייט.

און פלוצלונג — זיי פארשטעהען ניט ווי אזוי דאס איז געשעהן — זעהען זיי זיך ארומגערינגעלט פון נאצים. א ברוך־טייל פון א סעקונדע האבען זיי גע־האפט, אז דאס איז א שרעק־חלום, אדער דאס זיינען גאר סאוועטישע סאלדאטען, אבער עס האט זיי אויסגעניכטערט און געשטעלט אויף די פיס דער ברוטאלער געשריי: „אידען, די הענט ארויף!"

מיט די רוק־זעק אויף די פלייצעס און מיט אויפגעהויבענע הענט פיהרט מען זיי ארויס פון וואלד צום שאסיי, וואו עס ווארט א דייטשער אפיציר. ברוך וויל

אויפהויבען פון גראז דעם פוטעראל מיט זיין פידעל, אבער א דייטשער זעלנער האט עס שוין געטאן און טראגט עס פאר איהם.

דער דייטשער אפיציר באטראכט זיי דורכדרינגליך, אבער זיין פראגע קלינגט מילד:

— וואוהין, קנאבען?

— צו די רוסען! — ענטפערען ביידע חברים.

עס פאלט א באפעל צו די זעלנער, אז מען זאל די אידען רעווידירען. די זעלנער ווארפען זיך אויף די רוק־זעק און לוידיגען זיי אוים.

די אפעראציע געדויערט ניט לאנג. דער אפיציר נעהמט דערהוייל ארויס פון פוטעראל דעם פידעל און באטראכט איהם מיט גרוים אינטערעס, ער פראבירט זאגאר דעם קלאנג פון די סטרונעס.

גענענדיגט די רעוויזיע. די דייטשע זעלנער מעלדען וועגען דעם זייער אפיציר, וועלכער באפעלט די צוויי בחורים:

— לאום נאך רוסלאנד!

אויף איין רגע באהערשט ביידע אינגלאך א גרויסע שמחה: ענדליך פריי! אבער באלד באמערקט ברוך, אז זיין פידעל, א טייל פון זיין נשמה, בלייבט אין די הענט פון דייטשען אפיציר. ער ריהרט זיך ניט פון ארט. מיט איהם בלייבט אויך זיין חבר יוסף.

— געהט! אויף וואסווארט איהר? — רופט דער אפיציר.

— אהן פידעל קאן איך ניט געהן! איך בין איינזאם: ניט קיין טאטע, ניט קיין מאמע, דער פידעל איז פאר מיר אלץ! — האט ברוך פון זיך ארויס־געוואָרפען פלאמענדע ווערטער אין א גלענצענדער דייטשער שפראך, וואס איז נאך ביי איהם געבליבען פון די צייטען, ווען ער האט שטודירט אין וויען.

דער אפיציר ווערט בייז:

— אז אנדערער אויף מיין ארט וואלט זיך אנדערש מיט אייך אויפגעפיהרט: איך האב דאס רעכט אייך צו דערשיסען אלס שפיאנען, און דו קאנסט מיר אפילו דאס פידעלע ניט איבערלאזען אלס אנדענקונג?!

— גיט מיר אפ מיין פידעל, אדער דערשיסט! — האט זיך ברוך צעוויינט ווי א קליין קינד, און זיין קול האט זיך געטראגען פון איין עק וואלד צום צווייטען, איבער ביידע גרעניצען פון דעם לעבעדיגערהייט איבערגעשניטענעם פוילען.

און געשעהן איז עפעס אויסערגעוועהנליכעס:

דער דייטשער אפיציר האט געגעבען א ציה ברוך'ן פון שאסיי אין וואלד אריין, ווי ער וואלט זיך געשעהמט פאר דער ליכטיגער זון צו טאן, וואס זיין הארץ דיקטירט איהם. דארט, אין שאטען פון וואלד, האט ער אין דער אנוועזענהייט פון זיינע דערשטוינטע אונטערטעניגע סאלדאטען, געזאגט צו ברוך'ן:

— איך וועל דיר צוריקגעבען דיין פידעל, אויב איך וועל זעהן, אז דו ביסט א קינסטלער און ביסט ווערט צו האבען אזא אינסטרומענט. שפיל אונז דא עפעס אויף!

אונטער דעם וואלד האט די זון אנגעהויבען פארגעהן אין פלאמען. א פאר־שטיקטער יאמער טראגט זיך אין דער לופט.

ברוך האט גענומען זיין פידעל, אויף א רגע אויסגעפרובירט די סטרונעס, א ציה געגעבען איבער זיי מיט דעם ציטערענדען בויגען, און שטיל ארויסגעוויינט:

„כל נדרי ואסרי״ . . .

און א טויטע שטילקייט האט געהערשט אין וואלד. די מלחמה האט אויפ־געהערט, דער פייער פון מענשען־שנאה איז געווארען איינגעלאשען, אלץ איז גע־ווארען געלייטערט און געשטעלט זיך צום משפט פאר דעם הייליגען טראן פון אלמעכטיגען. פון דעם פידלער׳ס אויגען פליסען טרערען. זיין חבר הערט זיך איין צו די טענער מיט א ציטערניש פון קדושה און עס דאכט זיך איהם, אז ער איז מתפלל אין דער אלטער ווארשעווער שוהל צוזאמען מיט זיין טאטען. די צוויי דייטשע זעלנער קוקען דערשטוינט און דערשראקען, עס הויבען אן צו דערוואכען אין זיי געפיהלען, בענקשאפטען. דער דייטשער אפיציר שטעהט אנגעשפארט אן א בוים, ער באוועגט מיט איין האנט ווי ער וואלט דיריגירט, זיינע אויגען זיינען געשלאסען און פארבארגען זיינע איבערלעבונגען.

געענדיגט . . . לאנג־לאנג הילכט דער לעצטער אקארד און קייקעלט זיך איבער דעם וואלד און פעלד ביז ער פאלט אריין אין די באטעס, וואו אידישע היימלאזע פליכטלינגען זיצען פארטרויערטע און פארבענקטע צו גאט׳ס הויז.

דער דייטשער אפיציר עפענט אויף די אויגען און זאגט געריהרט:

— זעהר שעהן, זעהר שעהן. ביסט א גרויסער קינסטלער!

און צו זיינע זעלנער זאגט דער אפיציר:

— איהר האט געהערט א וואונדערבארע ענגעל־מעלאדיע צו א אידיש באר־באריש געבעט. דאס בעטען אזוי די אידען צו זייער גאט, אז ער זאל זיי באפרייען פון אלע צוזאגען און שבועות, כדי אידען זאלען שטענדיג קאנען שווינדלען, אפנא־רען, באטריגען . . .

די ווערטער פון אפיציר שטעכען די צוויי יונגע חברים ווי שפיזען, זיי פיהלען אבער, אז ער איז ניט אויפריכטיג: ער וויל מיט זיין בולט׳ע פיינדשאפט צו אידען פארדעקען זיינע מענשליכע געפיהלען, כדי ניט צו וועקען ביי די דייטשע זעלנער קיין פראטעסט קעגען זיין גוטען טהאט . . . אבער דאס איז ניט געווען נויטיג, ווייל די דייטשע זעלנער זיינען פון דער מעלאדיע געוועזן טיפער געריהרט פון זייער הויפט . . . פלוצלונג געפינען זיך צוריק אין די רוק־זעק אלע זאכען

וואָס זיינען פריהער געוואָרען ארויסגענומען. די דייטשען שטופען זיי פריינטליך ארוים פון וואַלד, ווייזען זיי דעם וועג צו די נאָהענטע דאָרפישע הייזלאַך און זאָגען האַרציג:

— דאָרט איז' רוסלאַנד, דאָרט איז פאַר אייך בעסער!

ביידע חברים נעהמען שנעל זייערע רוק־זעק, ברוך דריקט צום האַרץ זיין אָפּלעראַטעוועט פידעלע און זיי לויפען צו די אַנגעוויזענע פויערישע כאַטעס. אין אייניגע מינוטען אַרום זיינען זיי שוין געווען אויפ'ן אָרט — אַרוים פון יעדער געפאַהר.

ברוך'ס ערשטע ווערטער צו זיין חבר זיינען געווען:

— דער אָפיציר איז ניט געווען קיין דייטש, נאָר אַן עסטרייכער; איך האָב עס דערקאָנט אין זיין ווינער אויסשפּראַך...

37

העלדישע עמיסאַרן — שליחים איבער גרעניצן

אַ מידער און אַ דערשלאָגענער בין איך צוריקגעפאָהרן קיין ביאַליסטאָק נאָך צוויי טעג אַרומוואַלגערן זיך ביי דעם סאָוועטיש־נאַציישן גרעניץ אין זאַרעמבי־קאַשטשעלנע.

ביים גרעניץ האָב איך באַגעגנט זעהר פיל באַקאַנטע, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצורייסן פון וואַרשע, אָבער קיינער פון זיי האָט גאָרניט געהערט וועגן מיין פאַמיליע. איך האָב זיך אפילו דערוואַרט אויפ'ן אָנקומען פון מיינע פריינד פּ., ברוך דעם פידלערס עלטערן. זיי זענען אָנגעקומען קיין זאַרעמבי־קאַשטשעלנע באַרוועסע, ווייל די דייטשע זעלנער פון גרעניץ־וואַך האָבן פולשטענדיג צעשניטן זייערע שיך און צווישן די זוילן האָבן זיי ווירקליך געפונען עטליכע טויזנט דאָלאַר — אַ פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמעלט פון שווערער אַרבייט אין פאַרלויף פון גאַנצן לעבן. פאַר דעם „פאַרברעכן" איז מיין פריינד מערדערליך געוואָרן צושלאָגן דורך די דייטשן; אויף זיין געזיכט פייערן פאַרטרוקנטע בלוט־פּאַסן — רויטע צייכענס פון אַ דייטשע לעדערנעם שפּיצרוט... אָבער דערזעהענדיג פּלוצלונג זייער בן יחיד אויף דעם וואָגזאַל אין זאַרעמבי־קאַשטשעלנע, האָבן מיינעביידע פריינד פאַרגעסן אַלע זייערע שרעקליכע איבערלעבונגען און אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין פון פרייד. פאַרלוירענע האָב־און־גוטס, קלעפּ און דערנידערונגען ווערן בלאָס און פאַרשווינדן ביים אָנבליק פון גרעסטן גליק: טאַטע־מאַמע און קינד זענען ווידער צוזאַמען . . . איך האָב געקוקט אויף דער אומגעריכטער באַגעגעניש פון עלטערן מיט קינדער — און מיין האַרץ איז געווען פול מיט קנאה.

אויך מיינע פריינד פּ. האָבן מיר גאָרניט געזאָגט וועגן מיין פאַמיליע. טעלעפאָנען פונקציאָנירן ניט אין וואַרשע. (אפילו קיין וואַסער, קיין גאַז און קיין עלעקטריש ליכט איז ניטאָ). געהן איז גאָר געפערליך, ווייל דייטשן פאַלן אָן אויף אידן, שלאָגן זיי און שלעפּן צו פאַרשידענע שווערע אַרבייטן — טאָ ווי איז מעגליך, אַז אפילו די בעסטע פריינד, וועלכע וואוינען ווייט איינער פון אַנדערן, זאָלן עפּעס וועגן זיך וויסן?

ביים גרעניץ האב איך באגעגנט מיין פריינד, דר. ז. כהנא, איינעם פון די פיהרער פון „מזרחי״ אין פוילען, דירעקטאר פון די שולען „יבנה״. ער האט זיך מיט מיר זעהר דערפרעהט, ווייל ער איז געווען זיכער, אז איך בין געבליבען אין ווארשע און די נאצים האבען מיך ארעסטירט, אזוי ווי זיי האבען ארעסטירט מיין נאהענטסטען חבר ג. ער האט מיר דערצעהלט וועגען שוידערהאפטע גע־וואלדטאטען איבער אנגעזעהענע ווארשעווער רבנים: די נאצים האבען זיך ארייג־געריסען אין זייערע וואוינונגען, געריסען ביי די בערד, געשפיגען זיי אין פנים, צעריסען די ספרי־תורה, וואס האבען זיך ביי זיי געפונען; אויך זיין פאטער, דער אלטער ווארשעווער הרב כהנא, האט פיל געליטען (היינט זיינען זיי ביידע, דער פאטער און דער זוהן, אין ארץ־ישראל). איינינע פון מיינע פריינד, אנגעזעהענע ווארשעווער שרייבער און לעהרער, ווערען גערופען טאג טעגליך אין דער געביידע פון געשטאפא אויף דער גאס אלעיא־שוכא, וואו עס איז ביז איצט געווען דער פוילישער בילדונגס־מיניסטעריום, דארט ווערען זיי באליידיגט און געפייניגט; בלויז די ווענט פון דער שוידערליכער געביידע וויסען זייער צער, יסורים און חרפה... צו הלל צייטלינען אין וואוינונג האבען זיך ארייגעריסען אייניגע נאצי־אפיצירען, אבער זיין נביאישער הדרת־פנים און די דערקלעהרונג פון אן אריש אויסזעהענד אידישען אקטיאר, וועלכער איז דאן געווען איז שטוב, אז צייטלין איז אן איבעראל געשעצטער גרויסער דענקער, האט ארויסגערופען רעספעקט ביי די איבערפאלער און זיי האבען פארשעהמטע פארלאזען די וואוינונג... אין מלוכה סעמינאר פאר אידישע לעהרער אויף גענשא גאס האבען די נאצים סיסטע־מאטיש מיט העק און אייזערנע שטאנגען חרוב געמאכט אלע איינריכטונגען און צעריסען אלע ווערטפולע ביכער פון דער גרויסער סעמינאר־ביבליאטעק... די יודאאיסטישע ביבליאטעק אויף טלאמאצקע איז נאך דערווייל ניט באשעדיגט, אבער מען דערווארט „אינסטרוקציעס״ פון נירענבערג, וואו עס געפינט זיך די אנטיסע־מיטישע צענטראלע פון שטרייכער, דעם רעדאקטאר פון „שטירמער״ . . .

אומעטום: חורבן, פארוויסטונג, טויט, געוואלד־טהאטען.

דעם גרעסטען איינדרוק מאכט אויף מיר דער ארעסט פון מיין נאהענטסטען חבר, פריינד ג., וועלכער האט געזאלט אויפזיכט האבען איבער מיין פאמיליע אין דער צייט פון מיין אפוועזענהייט אין ווארשע. וועגען זיין ארעסט דערצעהלען מיר נאך פיל אנדערע פליטים און די ריכטיגקייט פון דער ידיעה אונטערליגט ניט, ליידער, קיין צווייפעל.

אלע דערצעהלונגען און שילדערונגען, אויסגעהערטע אויפ׳ן גרעניץ און אין באהן ביים צוריקפאהרען, לאזען מיך ניט רוהען. איך וואנדער ארום גאנצע טעג איבער די גאסען פון ביאליסטאק אהן א פלאן און אהן א ציל. מיינע גאסטפריינד־ליכע בעלי־בתים, בערעל דער פישער און זיין פרוי מיט די קינדער, זענען שטארק פארטרויערט צוליב מיין געדריקטער שטימונג. זיי טרייסטען מיך און זארגען זיך

װעגן מיר מיט פאמיליע איבערגעבענקייט. אין פאראיין פון לערער־פליכט־לינגען קום איך גאנץ זעלטען; מען מאכט מיר ניט דארט קיין פארוואורפען, וואס איך האב פארלאזט מיין געזעלשאפטליכע ארבייט, נאר מען טראגט מיר צו, ווען איך קום אריין, מיין פארציע שווארץ ברויט און א קאנדענסירט שטיקעל קאווע. איך באמערק, אז אלע האבען פאר מיר מיטגעפיהל צוליב דעם מאנגעל פון ידיעות וועגען גורל פון מיין פאמיליע. און אפשר ווייסען די ארומיגע יא עפעס וועגען מיינע נאהענטסטע, נאר ווילען מיר ניט דערצעהלען...

אין א געוויסען טאג, ווען איך זיץ פארטראכט אין א ווינקעל פון פאראיין, בעט מיך שטיל א יונגער פראווינציעלער לעהרער, וועלכען איך קאן פון פארשי־דענע לעהרער־קאנפערענצען אין ווארשע, אז איך זאל מיט איהם אביסעל זיך איבערגעהן, ווייל ער האט מיר עפעס וויכטיגעס צו זאגען; דא, אין פאראיין, איז ניט גענוג זיכער . . .

מיר געהען אראפ אין גאס. דער יונגער חבר דערקלעהרט מיר:

— איך בין היינט געקומען פון ווילנע. די ליטווינער געהען א ליאדע טאג אריין. די לעצטע באלשעוויקעס ליידיגען אויס אין גרויס געאיילעניש אלע פאב־ריקען און פארלאזען די שטאדט... עס האבען מיך ארויסגעשיקט דארטיגע חברים לעהרער, כדי אריבערצובערענגען אונזערע בעסטע חברים... אלע פארטייען שיקען ספעציעלע מענשען... איך געה היינט קיין ווארשע, אבער אין ביא־ליסטאק האב איך זיך דערוואוסט, אז איהר זייט דא... איהר דארפט וואס גיכער אריבערקומען קיין ווילנע. פון דארט וועלען זיין מעגליכקייטען אריבערצופאהרען קיין ארץ־ישראל.

— מיין פאמיליע איז געבליבען אין ווארשע, איך ווארט אויף ידיעות פון זיי...

— איהר טארט לענגער ניט ווארטען. א ליאדע טאג וועט זיך צווישען ביא־ליסטאק און ווילנע שאפען א ליטוויש־סאוועטישער גרעניץ, דאן וועט זיין זעהר שווער אריבערצוקומען . . . גיט מיר דעם אדרעס פון אייער פאמיליע אין ווארשע, איך וועל זיי מעלדען וועגען אלעמען.

— פריינד ג. איז ארעסטירט — גיב איך איבער דעם יונגען חבר די ידיעה, וואס פלאגט מיך אזוי שטארק.

דער טייערער און אקטיווער חבר איז דערשיטערט פון דער ידיעה. ער האט געהאפט אויך איהם צו ראטעווען... מען באמיהט זיך איצט — קלערט ער מיר אויף — צו שאפען א גאנצע נעץ פון איבערגאנגס־פונקטען און פון אריבער־פיהרערס אויף דער סאוועטיש־נאציאנען גרעניץ. ווייל מען ריכט זיך, אז דער גרעניץ וועט באלד געשלאסען ווערען; דאס זעלבע וועט מען טאן אויך אויף דעם סאוועטיש־ליטווישען גרעניץ, אויב אזעלכע וועט געשאפען ווערען נאך דעם, ווי די ליטווינער וועלען אקופירען ווילנע.

איך מוז מיט מיין יונגען חבר שפּאַצירען איז ווייטע אָפּגעזונדערטע אַלעיען, כדי זיינע ענטוזיאַסטישע ווערטער זאָלען ניט דערגרייכען צו פרעמדע אויערען. אַט דער קליינער פּראָווינציעלער לעהרער וואַקסט פּלוצלונג אויס אין מיינע אויגען... די דאָזיגע צייט פון אונזער אַלגעמיינעם אומגליק האָט ביי אונז אומגעריכט אַרויסגערופען נייע מענשען מיט ענטוזיאַזם, מיט העלדענמוט און מיט גרויסע פּלענער.

אין פאַרלויף פון לאַנגע חדשים זענען אין יענעם האַרבסט, ווינטער און פריהלינג פון די יאָהרען 1939 און 1940, געגאַנגען יונגע מוטיגע מענשען פון ווילנע מיט עמיסאַרישע שליחותן: זיי האָבען געטראָגען מיט זיך בריוו און געלד, בשורות און האָפנונגען צו די אידען אין סאָוועטישען און נאַצישען פּוילען. זיי האָבען אויך פיל באַדראָהטע אידישע קולטור־טוער און פּאַרטיי־מענשען געפיהרט דורך די גרעניצען אין געבראַכט פון פּוילען און רוסלאַנד — קיין ווילנע און קאָוונע, אין לאַנד פון די ליטווינער.

צעהנדליגער פון די העלדישע אידישע עמיסאַרען, שליחים פון פּאַרטייען און קולטור קרייזען, זענען פאַרלוירען געוואָרען אין געפעהרליכען וועג: געפאַלען דורך אַ קויל פון אַ גרעניץ־וואַך, פאַרשיקט געוואָרען דורך די נאַציס אין קאָנצענטראַציע־לאַגערען אָדער דורך די סאָוועטען קיין סיביר — פיל פון זיי האָבען, ליידער, ניט געקאָנט דערפיהלען זייער שליחות ביז דעם סוף. אויך מיין יונגער חבר, דער לעהרער, איז ערגעץ פאַרלוירען געוואָרען אין וועג.

אין דער רשימה פון קדושים און גבורים, אין לאַגעל פון טרעהרען פאַר די געפאַלענע אידישע העלדען — וועט זיך אויך דיין אָנדענק, טייערער חבר, געפינען; צוזאַמען מיט דיר וועלען אויך פאַרהייליגט ווערען אַלע אונזרע טראַגיש־אומגעקומענע עמיסאַרען, שליחים איבער די ווייטע גרעניצען פון צעשניטענעם פּוילען.

38

אומגעריכטע געסט

פרייטאג־צונאכטס. די ביאליסטאקער גאסן זענען איינגעהילט אין פינס־טערניש. עס טריפט א רעגן. איך בין שוין געווען אין קאפע „לוקס", אין פאראיין — און איך ווייס נית וואס ווייטער מיט זיך צו טאן. איך קלער וועגן מיין חבר דעם עמיסאר: אין דער שעה גייט ער מן־הסתם איבער דעם גרעניץ. אין אזא פינסטערער נאכט איז לייכטער אריבערצוגיין און אויסצומיידן די גרעניץ־וואכן, אבער אין דער פינסטערניש שרעקט יעדער בוים אין וואלד . . . צי וועט זיך איהם איינגעבן צו קומען קיין ווארשע און זעהן זיך מיט מיין פאמיליע?

שווערע פארגעפיהלן דריקען מיין געמיט און עס אנטשטעהט אין מיר אן ענדגילטיגער באשלוס: צוריק קיין ווארשע! אויב מיין פאמיליע לעבט — וועל איך דארט ליידן צוזאמען מיט זיי, אדער זיי ארויסראטעווען מיט זיך דורך רוסלאנד קיין ווילנע; אויב זיי לעבן נית, איז לחלוטין אלצאיינס, וואס מיר וועט אויסקומען אריבערצוטראגן . . . איך ווייס, אז מיין באשלוס איז א געפעהרליכער: דער וועג איז פול מיט סכנות, אין ווארשע דראהט מיר ארעסט און קאנצענטראציע־לאגער . . . זאל אפילו געשעהן דאס ערגסטע! איך קאן לענגער נית ווארטען אויסזיכטסלאז און זיך פלאגען אין אומזיכערקייט.

פלוצלונג דערפיהל איך עמיצענס האנד אויף מיינע פלייצעס. איך דרעה זיך אוים: פאר מיר שטעהט פריינד ח., א לעהרער אין דער העברעאישער גימנאזיע אין ביאליסטאק, א ליבער און אינטערעסאנטער חבר.

— איך קום איצט פון אייער הויז, אבער איך האב אייך, ווי איהר פאר־שטעהט, דארט נית באגעגענט — זאגט ער מיר א דערפרייטער. — מיין פרוי האט אנגעזאגט, אז איהר זאלט ביי אונז זיין היינט ביים נאכטעסן. עס איז צו אונז געקומען א גאסט פון ווילנע, מיינער א פעטער. ער איז אנטלאפען פאר די ליטווינער, איידער זיי קומען דארט אריין. ער איז זעהר אן אינטערעסאנטער מענש. קומט גלייך מיט מיר ארויף צו אונז אין שטוב!

ביים פריינד ח. איז א ליבהארציגע קולטורעלע אידישע היים, א פיינע פרוי און צוויי קוועקזילבערדיגע קליינע טעכטערלאך. איך נעהם גערן אן זיין

איינלאַדונג. אויך דער גאַסט פון ווילנע וועקט אין מיר אינטערעס. שוין אין וועג דערצעהלט מיר מיין פריינד ח. פּרטים וועגן איהם:

— אַ איד אַן אָריגינאַל, אויפ'ן בריק פון צוויי דורות: ער איז מעהר בשכיל ווי מאָדערנער מענש, מעהר אַפּיקורס ווי פרייד'ענקער. ער האָט פאַרמאָגט אַ קראָם אין ווילנע, איז דאָס געשעפט גוט געגאַנגען כל־זמן זיין ווייב האָט געלעבט. נאָך איהר טויט האָט איהם אָנגעהויבען צו געהן מאַטעריעל „מיט די פוטער אַראָפּ", ווייל ער איז מעהר סופר, ווי סוחר. ער האָט אָנגעשריבען אַ גרויס ווערק אין אידיש קעגען תלמוד און קעגען דער שחיטה. מיט דעם גאָט פון תנ"ך לעבט ער בשלום. ער האָט שוין זיין גאַנץ בוך אויסגעזעצט און צוגעגרייט צום דרוק, ער האָט געבראַכט אַהער מיט זיך די דרוק־פּראָבען. ער האָט אָבער דעם בוך ניט געוואָלט דרוקען אין פּוילען, כדי אידען זאָלען איהם ניט פאַר־שרייען אַלס „אַ אידישען טשעציאַק" (טשעציאַק איז דער נאָמען פון אַן אַנטי־סעמיטישען פּוילישען גלח, וועלכער האָט דערפיהרט צו דעם טרויעריג־באַריהמטען פאַרבאָט פון דער אידישער שחיטה דורך דעם פּוילישען סיים). איצט האָט ער ליקווידירט זיין געשעפט אין ווילנע (די באָלשעוויקעס האָבען איהם „געהאָלפען" ליקווידירען) און ער איז אַריבערגעקומען קיין ביאַליסטאָק, ווייל ער איז זיכער, אַז ביי די סאָוועטען וועט זיין בוך קעגען תלמוד האָבען אַ גרויסען דערפאָלג.

די פרוי ח., איהרע קינדער און דער ווילנער גאַסט נעהמען מיך אויף זעהר פריינדליך. מיר עסען צוזאַמען אַ שבת'דיג נאַכטעסען. דער ווילנער קאַמפּעריי־שער סופר־סוחר ערקלעהרט מיר באַלד ביים אָנהויב פון אונזער געשפּרעך: „מיט גאָט פיהר איך ניט קיין מלחמה, אָבער איך וויל באַקעמפען תלמודישע באַרבאַ־ריזמען". איך בין ניט אין דער שטימונג צו פיהרען מיט איהם לאַנגע דיס־קוסיעס איבער רעליגיע און רעליגיעזע מנהגים, איך בין העריבער מיט צופרי־דענקייט מסכים אויסצובאָרגען עטליכע צענדליג זייטלאַך פון זיינע דרוק־פּראָבען, כדי זיי איבערצולייענען ביי זיך אין שטוב.

עס ווערט שפּעט. אין גאַס פאַלט א שלאַגס־רעגען. מיינע פריינד ריידען מיר צו, אַז איך זאָל בלייבען ביי זיי שלאָפען. איך בין מסכים. מען הויבט אָן גרייטען פאַר מיר אַ געלעגער, אָבער פּלוצלונג באַהערשט מיך אַ מערקווירדיגע אומ־רואיגקייט. איך פאַרענטפער זיך פאַר מיינע פריינד, אַז איך קאָן ניט ביי זיי שלאָפען, ווייל מיין גוטהאַרציגער בעל־הבית בעריל דער פישער און זיין פאַ־מיליע וועלען איבערטראַכטען, זיי וועלען צוליב מיר וואַכען ביז שפּעט — איך דאַרף זיי ניט פאַרשאַפען קיין זאָרג . . .

אין גאַס איז פינסטער. עס איז שוין כמעט האַלבע נאַכט (מען מעג אָפיציעל געהן בלויז ביז עלף אַזייגער אָוועגד, אָבער מען רעכענט זיך ניט מיט דעם פאַר־באָט; די סאָוועטישע פּאַטרולען פאַרהאַלטען קיינעם ניט). איך לויף אַ דורכ־געווייקטער איבער די פינסטערע שלעכט־ברוקירטע בלאָטיגע גאַסען. פּראַ־

מענשען פון געדאנקען פלאגען מיין מוח: דער עמיסאר אויפ׳ן גרעניץ — מיין ארעסטירטער פריינד ג. — מיין פאמיליע ... וואס טוען זיי אלע איצט אין דער פינסטערער מבול־נאכט?! און וואס טו איך דא אין דער פרעמד — ביי פרעמדע טישען און פרעמדע נאכטלעגערס? איך פיהל זיך, ווי אויסגעשפיגען אין א רעגענדיגער פינסטערער שטאט ווייט פון אלע מיינע נאהענטסטע ... עס ווערט אין מיר פארפעסטיגט דער באשלוס צו מאכען א סוף פון מיין עלענד־קייט און מארגען ביינאכט ווידער צו פאהרען קיין זארעמבי־קאשטשעלנע, פון דארט שמוגלען די גרעניצען און געהן קיין ווארשע — צו פרוי, קינדער און פריינד ... אבער א צווייט קול אין מיר זאגט און ווארענט: געהסט צום טויט, צו ארעסט ביי נאצים, צו פארפייניגונג און באליידיגונג ...

איך קום ביז מיין וואוינונג. טראץ דעם רעגען און פינסטערניש דערזעה איך, אז מיין בעל־הבית בעריל דער פישער שטעהט פאר דעם הויז. אויף וועמען ווארט ער דא?

ער באמערקט מיך, לויפט מיר אנטקעגען און זאגט מיט א פארהאקטען אטעם:

— טייערער פאניע וויינגארטען, קומט אריין אין שטוב, אבער איהר זאלט זיך גארניט איבערשרעקען!

— וואס איז געשעהן? — פרעג איך א דערשראקענער. — איז אפשר עפעס פארלאפען מיט מיין שכן דעם אדוואקאט?

בעריל דעם פישער׳ס קול ציטערט פון איבערראשונג:

— איך בעט אייך, זייט רואיג, עס איז גארניט געשעהן קיין שלעכטעס ... קומט רואיג אריין אין שטוב!

בעריל עפענט פאר מיר אויף די טיר און איך לויף מיט א קלאפענדיג הארץ אריין אין עס־צימער. אויף דער סאפע זיצט און דרימעלט אז אויסגעדארטע, אויסגעבלייכטע און איינגעשרומפענע פרוי אנגעטאן אין שווארצען; פון ביידע איהרע זייטען ליגען צוויי קינדער און שלאפען.

— מיין פרוי! מיינע קינדער!

די קינדער וועקען זיך איבער. מיין פרוי וויינט שטיל אהן אויפהער:

— „זיי״ האבען ביי אונז אלץ אין וועג צוגענומען ... דאס גאנצע געלט פונטען, דאלארען ... אפילו אלעקס מאנטעלע האבען זיי אראפגעצויגען ... מיר פארמאגען מעהר גארניט ... מיר זענען בעטלער ...

בישלאכווייז קום איך צו זיך און עס באהערשט מיך א משוגענע פרייד, איך קוש די פרוי און די קינדער, איך שריי אהן לאגיק:

— נארישע אידענע מיינע! בעסער, בעסער, אז זיי האבען אלץ צוגענומען! איך דארף איצט גארניט! עס איז פאר מיר גענוג, אז איך האב אייך!

מיין קליינער אלעקסאנדער, וועלכער האט מיך זיבן וואכן ניט געזעהן, פארווארפט זיינע הענטלאך ארום מיין האלז און לאזט מיך ניט אפ אפילו אויף איין מינוט . . . ער האט זיך אזוי פארבענקט, ער האט אזוי פיל איבערגעליטן! ער טראגט אויף זיך מיין פרוי'ס זשאקעטל — דאס האט זי איהם אנגעטאן אנשטאט דעם מאנטעלע, וואס די דייטשען האבען פון איהם אראפגעריסען.

עס איז שוין נאך צוועלף ביינאכט, אבער ווער קלערט איצט וועגען שלאפען?! אלע הערצער זיינען איבערפולט מיט שמחה, מיר האבען פיל צו דערצעהלען. כדי יעדער זאל קענען עפעס זאגען, מוז איך צום ערשטען לאזען „אראפריידען זיך פון הארץ" מיין פיר־יאהריגען זוהן אלעקסאנדער. מיין עלף־יאהריגע טאכטער יאלא קוקט מיט אייפערזוכט אויף איהר ברודער: „ווי ער האט עס פארכאפט דעם גאנצען טאטען און לאזט ניט צו קיינעם!" זי איז ווייניגער דרייסט, ווי איהר יונגערער ברודער, כאטש אויך זי האט מיר זעהר פיל צו דערצעהלען . . .

מיין קליינער אינגעל רייסט זיך ארויס דער ערשטער מיט זיינע איינדרוקען — ער רעדט אהן פארבינדונג, עס פעהלט אין זיינע ווערטער דער כראנאלאגישער לויף פון געשעהענישען, אבער עס באקומען זיך פון זיי שרעקליכע בילדער, וועלכע איך וויל וואס שנעלער ארויסרייסען פון זיין צארטען זכרון:

— דו ווייסט, טאטעלע, די פיר גאלדענע פישעלאך פון מיין אקוואריום זיינען געשטארבען, די מאמע האט נישט געטוישט קיין וואסער . . . אז מען עפענט ביי אונז דעם קראן, לויפט ניט קיין וואסער, דו ווייסט?... וועסט מיר קויפען נייע פיר גאלדענע פישעלאך? . . . א באמבע הוזשעט לאנג־לאנג: הו—הו—הו! און א גראנאט — קורץ: הו! . . . און איך האב נישט ליב קיין רייז, און די מאמע האט יעדען טאג געקאכט רייז! אין ביאליסטאק וועל איך ניט עסען קיין רייז, נאר ברויט! איך האב אזוי ליב ברויט! . . . דו וועסט מיר קויפען א ביקס, וועל איך דערשיסען אלע דייטשען, גוט? פארוואס האבען זיי ביי מיר צוגענומען מיין מאנטעלע? קויף מיר א ביקס! איך וועל געהן צו די דייטשען, איך וועל זיי שלאגען און איך וועל צו זיי שרייען: „פארפלוכטע יודען, לאוס נאך רוסלאנד!" (מיין אינגעלע פארשטעהט בלויז פויליש — און ס'זיינען ביי איהם אין זכרון איבערגעבליבען אומפארשטענדליכע דייטשע שימפווערטער). קויף מיר א ביקס און פיר גאלדענע פישעלאך! . . .

מיין אינגעלע רייט אויף מיינע קניה, ווי אויף א פערד, ביז ער שלאפט איין א מידער. מיין פרוי טוט איהם שטילערהייט אויס און לייגט איהם אין בעט פון אונזער בעל־הבית'טע (די גאנצע וואונדערבארע גאסטפריינדליכע פאמיליע עקשנ'ט זיך איין, אז מיר זאלען שלאפען אין זייערע בעטען).

פלוצלונג וועקט זיך מיין זונדעלע איבער. ער רופט מיך, נעהמט מיך פעסט ארום און בעט מיט א פארשלאפענעם קול:

— קויף מיר א ביקס! פארפלוכטער יודע!

* * *

ברוטאלער דייטשער הענקער! אויב איך וועל דיר אפשר אמאל מוחל זיין דאס מאנטעלע, וואס דו האסט איז א קאלטען רעגענדיגען הארבסט־טאג אראפ־געצויגען פון א פיר־יאהריג אידיש אינגעלע — וועל איך דיר אבער קיינמאל ניט פארגעבען דעם חטא פון גיפטען זיין קינדערישע נשמה . . . זאל אויסגעמעקט ווערען דיין נאמען און דיין אנדענק!

39

טריט אויף די טרעפּ

מײַן זוהן איז אײַנגעשלאָפֿען מיט׳ אַ שלאָף פֿון אַ קלײן היה׳לע, וואָס האָט נאָך אַ לאַנגער צײַט פֿון שרעק, הונגער און פּלאָג, ענדליך געפֿונען אַ רואיג ווינקעלע. ער סאָפּעט הויך, וואַרפֿט זיך אומרואיג, ווי בײַם אָנבליק פֿון שלעכטע חלומות . . . איך און מײַן פֿרוי שטעהען בײַ דעם בעט פֿון אונזער אויסגעמאַטערט אינגעלע און אַ ציטער פֿון גליק באַשטראַהלט אונזערע געזיכטער: פֿון אַ ברענענדער וועלט האָט זיך אונז אײַנגעגעבען אַרויסצוטראָגען, ווי ספֿרי־תּורה, אונזערע טײַערע צוויי קינדער.

מײַן פֿרוי באַקלאָגט זיך פֿאַר מיר:

— מײַנע בײדע עופֿ׳לאַך זײַנען פֿינף וואָכען ניט געשלאָפֿען אין קײן בעט; ניט געוואַשען זיך און ניט געבאָדען, ווען באַמבעס זענען געפֿלויגען איבער אונזערע קעפּ און הײַזער זענען זיך צעפֿאַלען ווי קאַרטען־שטיבלאַך.

— און אין די לעצטע צוויי וואָכען, אין צײַט פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע אין וואַרשע?

— אַז די דײַטשען זענען אַרײַן קײן וואַרשע האָבען אויפֿגעהערט צו פֿאַלען באָמבעס, אָבער די שרעק איז געווען נאָך אַ גרעסערע. קײנער פֿון אונז פֿלעגט ניט קאָנען שלאָפֿען. די קינדער פֿלעגען זיך איבערוועקען מיט געשרײען . . . מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם פֿלעגען מיר זיך אײַנהערען צום קלאַנג פֿון טריט . . .

— טריט? וועגען וואָס פֿאַראַ טריט רעדסטו?

— **טריט אויף די טרעפּ** . . . דאָס איז דער שרעקליכסטער קלאַנג, וואָס וועט אײביג הילכען אין מײַנע אויערען. אַז מען האָט געהערט טריט אויף די טרעפּ, האָט מען זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז „זײ״ געהען, אַז אָט־אָט קומען זײ אַרײַן . . . טריט אויף די טרעפּ זענען אָפֿט געווען אַן אָנזאָג פֿון מאָרד, שאַנד און רויב . . . אָפֿט איז זײער פֿאָדערונג געווען: **פֿאַרלאָזען די וואוינונג אין פֿאַרלויף פֿון צעהן מינוטען — גאָרניט מיט זיך נעהמען — אַלץ געהערט צו די זיגער!** און אַזוי האָבען מענשען, אײַנגעפֿונדעוועטע במשך פֿון צענדליגער יאָהרען, פֿאַרלוירען אין געצעהלטע מינוטען זײער גאַנץ פֿאַרמעגען, געבליבען אָהן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ און געטריבען געוואָרען אַלס היימלאָזע אין גאַס אַרײַן צו פֿאַרבּרענטע און צעפֿאַלענע

הייזער; און דאָרט, אין גאַס, האָט נאָך מעהר געווילדעוועט דער נאַצי: געשלאָגן, געראַבירט, געשימפּפט און באַשפּיגן . . . ניט געווען אין דער גרויסער מיליאָני־גער ווארשע קיין איין רואיג ווינקעל, וואו זיך אויסצובאַהאַלטען; מען פלעגט אָפט מיט בענקשאַפט דערמאָנען די טעג פון פאַלאַגערונג און באַמבאַרדירונג . . .

מיין פרוי צעוויינט זיך פלוצלונג. איך בעט, אַז זי זאָל מעהר ניט דערצעהלען:

— גענוג אויף היינט דערצעהלט! לייג זיך שלאָפען!

אָבער מיין פרוי ענטפערט מיט אַ ציטערדיג קול:

— איך מוז דערצעהלען! אפשר וועל איך דורך דעם גיכער זיך באַפרייען פון אַלע יענע שרעקליכע בילדער און שוידערהאַפטע קלאַנגען . . . שרעקליכער פאַר גראַנאַטען און באָמבעס איז פאַר מיר געווארען דער קלאַנג פון **טריט אויף די טרעפּ,** זינט די דייטשען זיינען אריין קיין ווארשע . . . ווען טויזענטער צווישען די אַנטלאָפענע פון ווארשע האָבען אָנגעהויבען צוריקקומען אַהיים, פלעגען מיר אַלע, איך און די קינדער, מיט קלאַפּענדע הערצער איינהערען זיך צום קלאַנג פון טריט: אפשר וועלען מיר דערהערען דיינע טריט . . .

— איהר האָט געוואָלט, אַז איך זאָל צוריקקומען?

— זאָל גאָט אויסהיטען! . . . מיר האָבען ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיין אין ווארשע, אָבער אונזער אויער האָט געלעכצט נאָך דיינע טריט, ווייל מיר האָבען אָפט געקלערט, אַז מיר וועלען שוין דיין קול קיינמאָל ניט דערהערען, דיין פּנים קיינמאָל ניט דערזעהן. צענדליגער־טויזענטער פליכטלינגען זיינען געפאַלען אין וועג, אַנדערע צענדליגער־טויזענטער זיינען צוריקגעקומען קיין ווארשע, אָבער דו ביסט פאַרלוירען געוואָרען אָהן אַ שפּור . . .

מיין פרוי רייסט איבער אויף אַ מינוט איהר דערצעהלונג, איהרע אויגען זיי־נען ברייט געעפענט, ווי זי וואָלט וועלען איבערצייגען זיך, צי דאָס בין איך ווירקליך נעבען איהר. אין איהרע אויגען פינקלען טרעהרען פון פרייד.

— אַ, זאָג מיר, ירחמיאל, פאַרוואָס איז גאָט אַזוי גוט געווען צו אונז, און צו אַנדערע איז ער געווען אַזוי . . . אָבער איך וויל ניט זינדיגען מיט מיינע ווערטער . . . איינמאָל, אין אַ טאָג פון אַ מורא'דיגער באָמבאַרדירונג, האָבען זיך אויף די טרעפּ אין אונזער הויז פאַרזאַמעלט צענדליגער מענשען, וועלכע עס האָט אין גאַס, נעבען אונזער הויז, פאַרהאַלטען אַ פּלוצלונגער שוידערהאַפטער לופט־אַטאַק . . . זיינען מענשען געשטאַנען כמעט אַ גאַנצען טאָג אין טרעפּ־קאָרידאָר פון אונזער הויז אָהן עסען און אָהן טרינקען. קיין וואַסער איז שוין דאַן אין די קראַנען ניט געווען. האָב איך אַרויסגענומען פון אונזערע שפּייז־רעזערוון אַ זעקעלע מיט צוקער און עס צעטיילט — צו אייניגע קלעצלאַך צוקער פאַר יעדען היימלאָזען אויף די טרעפּ. צי ווייסטו, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט דאַן געהאַט אין ווארשע צוקער? **צוקער** — עס איז דאַן ניט געווען קיין זאַך, וואָס זאָל זיין מעהר טייער און חשוב. עס האָט פאַרטראַכטען עסען און טרינקען אין די טעג פון

הונגער און דורשט . . . און איך האב געשטילט צוקער . . . און געקלערט האב איך דאן וועגן דיר : אפשר דערהאלט איז דער זעלבער שעה עמיץ איז וועג אויך דיין לעבן מיט א קלעצעל צוקער אדער מיט א שטיקעל ברויט . . . אויך מיין ראדיא־אפאראט, פארבונדען מיט א לאנגען עלעקטרישען שנור, האב איך ארויסגעשטעלט אויף די טרעפ (עלעקטריש ליכט איז נאך דאן געווען אין שטאט). עס האט אין יענער שעה גערעדט צום פאלק דער העלדישער בירגערמייסטער פון ווארשע, סטע־פאן סטאזשינסקי. ער האט דערצעהלט וועגן די ווארשעווער פליכטלינגען, צעשפרייטע און צעזייטע איבער אלע פוילישע שאסייען און דערפער, ער האט אויך דערצעהלט וועגן דער העלדישער באפעלקערונג פון ווארשע. עס האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז ער דערצעהלט וועגן מיר און וועגן דיר ; איך בין געווען זיכער, אז מיר הערען איהם ביידע... געהענדיג פון איינעם צום צווייטען, און טיילענדיג די קלעצלאך צוקער) בין איך צוגעקומען צו אן אלטיטשקער, וועלכע איז געזעסען אין א ווינקעל פון טרעפ־קארידאר מיט א קליין מיידעלע, אן אייניקעל. די עלטערען פון קינד זענען אומגעקומען מיט א טאג צוריק אונטער די חורבות פון א הויז. מען האט זיי ניט געקאנט אויפזוכען. די אפגעראטעוועטע באבע מיט איהר אייניקעל זענען געלאפען אויסבאהאלטען זיך צו זייערע קרובים, האט זיי דער לופט־אטאק פארהאלטען ביי אונז אין טרעפ־קארידאר. קיינער קוקט זיך ניט אום אויף דער אלטיטשקער. איהר אומגליק איז ניט גרעסער פון הונדערטער און טויזענטער עהנליכע אומגליקען, וואס געשעהען יעדען טאג, יעדע שעה, יעדע מינוט אין דער באלאגערטער ווארשע . . . ליגט אזוי די אלטיטשקע און וויינט, אבער דערהערענדיג, אז אויך דאס קליינע זעקס־יאהריגע יתומה'לע הויבט אן וויי־נען, באראיגט זי איהר און זאגט : „וויין ניט, טייערינקע, טאטע און מאמע וועלען צו אונז קומען אדער מיר וועלען צו זיי געהן; פארוואס וויין איך ניט?" אבער ווי נאר דאס קליינע מיידעלע הערט אויף וויינען — הויבט די באבע ווידער אן צו קלאגען... איך האב דער באבען מיט דעם אייניקעל געגעבען א פאפירען טארבעלע מיט צוקער. די באבע האט מיך אנגענומען ביים האנד און געפרעגט :

— האסט א מאן?

— יא. מיין מאן איז אנטלאפען פון ווארשע. איך האב אויך א טעכטעריל און א זוהנעלע. זיי זענען ביי א שכן אויפ'ן ערשטען שטאק. קומט הארט אריין צוזאמען מיט אייער אייניקעל!

— איך דאנק. באלד וועט מן־הסתם אדורכגעהן דער אלארם און איך וועל ווייטער לויפען . . . די באמבעס האבען פארהארטעוועט אלע הערצער און קיינער פיהלט ניט דעם צווייטענס צער, אבער דו האסט א גוט הארץ, מיין טאכטער . . . זאל גאט אפהיטען דיין מאן, דיך און די קינדער!

פון יענעם טאג איז מיין הארץ געווארען פול מיט בטחון, אז מיר וועלען עס אריבערטראגען . . . איינציגע מאל, אין שפעטע שעה'ן פון נאכט, ווען איך בין

אין מיטן פון אַ באָמבאַרדירונג אַנשלאָפן געוואָרן פון מידקייט צוזאַמען מיט ביידע קינדער, וועלכע זיינען געזעסן נעבן מיר פון ביידע זייטן און געהאַלטן זייערע קעפּעלאַך אויף מיינע קניה. האָב איך געזעהן אין מיינע קורצע בהלה'דיגע חלומות, ווי אונזער גאַנצע פאַמיליע: איך, דו און אונזערע קינדער געהן דורך אַ ברייזענדען טייך איבער אַ בריק פון קלעצלאַך צוקער . . . אַ שמאָלינקער בריק, ווי אַ שטריקעל פאַר אַקראָבאַטען פון צירק; דער בריק פון קלעצלאַך צוקער וואַקעלט זיך שווינדערהאַפט, אָט־אָט צעפאַלט ער זיך, אָט־אָט פאַלן מיר אין וואַסער אריין, אָבער מיר געהן דאָך ווייטער־ווייטער, ביז מיר קומען צום ברעג . . .

— דו האָסט דאָך געוואָלט מיר דערציילן וועגן טריט אויף די טרעפּ . . .

— דערמאָן איך מיין פרוי, אַז זי דערציילט עפּעס אַנדערש.

— די נערוון זענען ביי מיר אַזוי צעשרויפט, אַז ווי איך הויב אָן דערציילן, פּלאָנטערן זיך אין מיין מוח פאַרשיידענע בילדער, מישן זיך פאַרשיידענע געדאַנקען — אַ ווירוואַר פון שרעקליכע איבערלעבונגען . . .

— ביסט זיכער מיד. וועסט מאָרגען דערציילן. געה שלאָפן!

— איך וויל דיר ענדיגן די געשיכטע וועגן **טריט אויף טרעפּ** . . . איינמאָל ביי טאָג, איניגע טעג נאָך דעם אריינקומען פון די דייטשען קיין וואַרשע, איז געוועזן ביי אונז אין שטוב אונזער קוזינע רוזשע, זי האָט געוואָלט באַקומען אביסעל אויל און מעהל פון אונזערע שפּייז־רעזערוון; עס איז אויך אריינגעקומען אונזער פריינדין, די לעהרערין מ. די קינדער צוזאַמען מיט יאַנינאַ (אונזער אַריש דינסטמיידעל) זענען געווען אין גאָס און שפּאַצירט נעבן טויער פון אונזער הויז... מיר זיצען אַזוי און ריידען — איך, רוזשע און די לעהרערין — און מיר ווערן פּלוצלונג אויפגעציטערט פון אַ קלאַפּ מיט אַ פוס אין פראָנט־טיר פון אונזער דירה. מיר זענען אַלע דריי אויפגעשפּרונגען פון אָרט. דער לעהרערין האָט פאַרפעהלט לופט צום אָטעמען; רוזשע איז געוואָרען בלאַס און האָט געציטערט; איך בין געבליבען פאַרשטיינערט אויפ'ן אָרט; אונז אַלעמען — דריי איינזאַמע שוואַכע פרויען — האָט באַהערשט איין שרעקליכער געדאַנק:

— „זיי" געהען! . . .

עס געדויערט איניגע לאַנגע סעקונדען. ביים טיר דערהערט זיך אַ קורצער ענערגישער קלונג. איך באַשליס עפענען די טיר. איך געה ווי מיט אונטערגעבראָכענע פיס, מיט ציטערדיגע הענט עפען איך אויף די טיר — עס קומען אריין: אונזערע ביידע קינדער און די דינסט . . . דאָס האָט אונזער קליינער אַלעקסאַנדער פון גרויס שמחה, אַז מען האָט איהם דאָס ערשטע מאָל ווידער אַרויסגעלאָזט אויפ'ן שפּאַציר, אַרויפגעלאָפען דער ערשטער אויף די שטיגען, געגעבען אַ שטיפערישען בריק מיט'ן פיסעל אין טיר, שפּעטער געשטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער און אָנגעקלונגען. . . ווען איך בין פון פאָדער־הויז צוריק אַריין אין

צימער, זיינען שוין מיינע ביידע געסט ניט געווען: זיי זיינען אנטלאָפן דורך דער קיך־טיר . . .

נאָך איין מאָל האָב איך איבערגעלעבט שווערע מינוטן צוליב דעם אָפּקלאַנג פון טריט אויף די טרעפּ. דאָס איז געווען מיט דריי טעג צוריק. נאָך מיטאָג, ווען איך בין געזעסן צוזאַמען מיט די קינדער אין שטוב, האָבן מיר אַלע דער־הערט, ווי אויף די טרעפּ, וואָס פירהען צו אונזער וואוינונג, שפּרייזן שווערע שטי־וועל . . . די טריט ווערן מיט יעדער רגע שטאַרקער און קומען נעהענטער . . . „זיי" געהען!

מען קלינגט ניט ביי דער טיר, נאָר מען קלאַפּט שטיל. איך גיה צו דער טיר מיט וואַקלדיגע טריט, אָבער פון יענער זייט טיר הער איך רופן אויף פּויליש מיט אַ פריינדליך קול:

— ניט שרעקען זיך! עפענט אויף! מיר ברענגען גוטע ידיעות!

איך עפן אויף די טיר. עס קומען אריין צוויי פּאַליאַקן אין היטלען פון באַהן־אַרבייטער. זיי האָבן אונז געבראַכט דעם ערשטן און איינציגן גרוס פון דיר . . .

40

מערדער
עסען מיטאָג

איך האָב געהאַט באַשלאָסען ניט צו פאַרציהען דעם געשפּרעך מיט מיין פרוי, כדי זי זאָל זיך באַלד לעגען שלאָפען, אָבער צי איז געווען מעגליך, אַז איך זאָל ניט פרעגען קיין פרטים וועגען מיין נאָהענטסטען פריינד ג., וועגען קרובים, חברים און באַקאַנטע, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געלעבט און געאַרבייט צעהנדליגער יאָהרען ? !

עס איז געווען גענוג צו שטעלען מיין פרוי איין פראַגע, און ווידער האָבען זיך פאַנאַנדערגעוויקעלט בלוטיגע געשעהענישען און טראַגישע איבערלע־בונגען... מיין טעכטערל איז דערווייל איינגעשלאָפען אָנשפאַרענדיג איהר קאָפּ אויף מיינע אַקסעל; מיר האָבען איהר פאָרזיכטיג געלעגט אין בעט אריין. ביים טיש זיינען וויטער געבליבען זיצען מיט צעפלאָמטע געזיכטער — איך, מיין פרוי, בעריל דער פישער און זיין גאַנצע פאַמיליע.

— זאָג מיר, אַנקע, וואָס איז מיט פריינד ג. און זיין פאַמיליע ? פאַרוואָס האָט איהר ניט געוואוינט צוזאַמען מיט זיי, ווי עס איז געווען אָפּגעשמועסט איידער איך האָב פאַרלאָזען וואַרשע ?

— עס איז ניט געווען מעגליך, ווייל ווען דו ביסט נאָר אַרויס פון וואַרשע, האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע אומאויפהערליכע באָמבאַרדירונג און מיר האָבען ניט געקאָנט געהן אין גאַס. שפּעטער זיינען פון דעם געגענד, וואו עס וואוינט ג., אָנגעקומען זעהר טרויעריגע ידיעות: דאָרט איז געווען די שווערהאַפּסטע באָמבאַרדירונג, ווייל עס איז נאָהענט פון נייעם צענטראַלען וואָגזאַל. מיר זיינען אָבער ניט געבליבען ביי זיך אין דירה, ווייל עס איז ביי אונז צו הויך (פערטער עטאַזש), נאָר מיר האָבען זיך איבערגעטראָגען אויפ'ן ערשטען עטאַזש צו די שכנים צ. אין קעלער האָבען מיר ניט געוואָלט זיצען, ווייל עס איז שרעקליך צו ווערען פאַרשאָטען און דערשטיקט! אונזער שכנה פון דריטען עטאַזש, פרוי מירקין, האָט זיך אויסבאַהאַלטען אין אַ קעלער אויף נאָוואָליפּיע ביי זשעלאַזנאַ (וואו דער נייער פּאָסט־אַמט), איז דאָרט געפאַלען אַ באָמבע און צושמעטערט דאָס הויז — פון קעלער האָט מען אַרויסגעצויגען הונדערט־און־אַכט טויטע דערשטיקטע. אויך די פרוי מירקין האָט דאָרט אין דעם „זיכערען" קעלער געפונען דעם טויט...

חרוב דער שפּיטאָל פון ,,הייליגען גייסט׳׳


SZPITAL
DUCHA

אונזער מילך־איד, ר׳ שלמה, וועלכער האט געוואוינט אין נייעם הויז קעגענאיבער אונז, איז אויך דער׳הרג׳עט געווארען זיצענדיג אין קעלער, ווען זיין הויז איז איינגעפאלען... די איינוואוינער פון אונזער הויז האבען פיל דיסקוטירט וועגען דעם וואו עס איז „בעסער" — אין שטוב צי אין קעלער; עס זענען געשאפען געווארען פארשידענע „מעאריעס", אבער אלע האבען זיך ארויסגעוויזען פאלש, ווייל דעצידירט האט דער בלינדער גורל... יעדער פלעגט זיך פארלאזען אויף זיין פארגעפיהל. איך און די שכנים צ. האבען פאניש זיך געשראקען פאר געהן אין קעלער, מיר פלעגען עקשנות׳דיג בלייבען אין שטוב. עס זיינען דאך ביי אונז נית געוועזען קיין ספעציעלע שוץ־קעלערס, נאר געוועהנליכע קעלערס, וואס פלעגען זיך איינברעכען אונטער דעם שרעקליכען דרוק פון א חרוב הויז. בלויז א נס האט אין אזא פאל געקאנט אפראטעווען, אזוי ווי די נסים מיט זאשקען...

— מיט אונזער פריינדין זאשקע? וואס פארא נסים זיינען דען מיט איהר געשעהן?

— צוויי טעג איז זי געלעגען אונטער חורבות, אבער צווישען די שפאלטען פון ציגעל האט זיך צו איהר, ווייזט אויס, אריינבאקומען לופט. אלעמען האט מען שוין געהאט ארויסגעצייגען פון קעלער, פיל טויטע און פארוואונדעטע, אבער איהר האט מען נית געפונען... ענדליך, אין צוויי טעג נאך דעם חורבן, האט א פייערלעשער באמערקט צווישען ציגעל א קליינעם לאק רויטע האר, וואס האט זיך צעפלאקערט ביים שיין פון דער זון... ער האט געוואלט אויפהויבען די האר, אבער זיי זיינען געוועזען באהאפטען צו עפעס... מען האט שנעל אנגעהויבען גראבען — און מען האט זאשקען ארויסגעצויגען און אפגעמינטערט... מען האט איהר גלייך געבראכט אין שפיטאל, וואו מען האט איהר געגיפסט די צעבראכענע ביידע פיס. אינמיטען דער אפעראציע איז געפאלען א באמבע נעבען שפיטאל און די עלעקטרישע ליכט איז אויסגעגאנגען; די דאקטוירים האבען פארענדיגט די אפעראציע ביים שיין פון עלעקטרישע האנט־לעמפלאך... אין א טאג ארום איז דער זעלבער שפיטאל („היילינער גייסט" אויף עלעקטאראלנע גאס) פוליסטענדיג געווארען פארניכטעט דורך באמבעס. הונדערטער קראנקע און דאקטוירים פון דעם ריזיגען שפיטאל האבען פארלוירען זייערע לעבענס; די אפגעראטעוועטע קראנקע (צווישען זיי אויך זאשקע) האט מען איבערגעטראגען אין דער שכנות׳דיגער נייער געביידע פון די שטאט־געריכטען אויף אגרזדאווע־לעשנע און זיי דארט אויסגעלעגט אויף דער הארטער פאדלאגע... צוויי וואכען כסדר האבען די דייטשען געשליידערט באמבעס אויף דער מעכטיגער געביידע פון די שטאט־געריכטען, אבער קיין איין באמבע איז נית געפאלען אין ציעל, אפילו די שויבען זיינען דארט פארבליבען גאנץ.

— און וואָס הערט זיך מיט אונזער קוזין אברהם?

— בלינד געוואָרען. די אויגען אויסגעשטאָכען מיט שויבען־גלאָז און צע־דריקט דורך ציגעל־שפּליטערס... אונזער פריינדין מאַריע האָט זיך געפיהלט קראַנק. איהר הויז איז געוואָרען פאַרברענט, איז זי אַנטלאָפען צו אונזערע קוזינען אויף שעננגע־גאַס. אין דער צייט פון אַ מעכטיגער באָמבאַרדירונג זיינען אַלע אַראָפּגעלאָפען אין קעלער. זי איז געווען קראַנק, געהאַט היץ און איז פאַרבלי־בען אין שטוב, אין בעט... דאָס הויז איז איינגעפאַלען, אַלע פון קעלער האָבען זיך אַרויסגעראַטעוועט און זיינען אַפּגעקומען מיט וואונדען. מאַריע'ס טויטען קערפּער האָט מען געפונען מיט עטליכע וואָכען שפּעטער.

— ווען האָסטו צום לעצטען מאָל געזעהן דעם פריינט ג.?

— דריי טעג פאַר זיין אַרעסט... אין די ערשטע צעהן טעג פון דער באַלאַ־גערונג, ווען די טעלעפאָנען האָבען נאָך פונקציאָנירט אין וואַרשע, פלעגען מיר יעדען טאָג זיך פאַרשטענדיגען. צווישען איינס און צוויי אַזייגער בייטאָג פלעג איך אַרויפלויפען פון אונזער שכנ'ס דירה (דאָרט איז ניט געווען קיין טעלעפאָן) צו אונז אַהיים, טעלעפאָנירען אָדער אָננעהמען טעלעפאָנען פון פריינד. די גע־שפּרעכען פלעגען זיין קורצע: „אַלע לעבען? מיר אויך!" אָדער: „מיט זאַשקען איז געשעהן אַזוי און אַזוי", אָדער: „מיר גיבען אייך אויף אַ נייעם נומער פון אונזער טעלעפאָן, אונזער הויז האָט אָפּגעברענט"... אונזערע פריינד ווידענבערג האָבען דריי מאָל אָפּגעברענט — און דריי מאָל האָבען זיי מיר אָנגעגעבען נייע אַדרעסען פון זייערע פריינד, וואָס האָבען זיי אַריינגענומען צו זיך... פון איינס ביז צוויי פלעג איך „אַמטירען" אין דער היים ביים טעלעפאָן און דאַן אויך קאָכען דעם טאָג־טעגליכען געקעכץ פאַר דער פאַמיליע: רייז מיט אייל (גאַנץ וואַרשע פלעגט דאַן קאָכען רייז, ווייל עס קאָכט זיך שנעל). דער ערשטער טעלעפאָן, איינס אַזייגער בייטאָג, פלעגט געווענהליך זיין פון פריינד ג. ער פלעגט שטענדיג איי־בער'חזר'ן דאָס זעלבע: „פון ירחמיאל'ן — ווידער גאָרנישט? איהר זייט אַלע געזונט? מיר אויך! מיין פרוי און קינדער גריסען אייך. לאָמיר זיך האַלטען מוטיג!"

— פאַרוואָס פלעגסטו דאָס אַלץ טאָן דוקא פון איינס ביז צוויי בייטאָג?

— נאָך איניגע טעג פון דער מערדעריליכער באָמבאַרדירונג, ווען דייטשע עראָפּלאַנען פלעגען אומגעשטערט אַרומשפּאַצירען איבער וואַרשעווער גאַסען (בלויז די ערשטע טעג פלעגט זיך טיילמאָל אַפּרופען אַ פאַר'יתומ'טער אַנטי־ערא־פּלאַן קאַנאָן), האָבען אַלע וואַרשעווער איינוואוינער מיט שטוינען באַמערקט, אַז פּינקטליך איינס אַזייגער בייטאָג ווערט אָפּגעריינגט דער הימעל איבער וואַרשע און דער שטילשטאַנד געדויערט אַ שעה צייט... דער „מנהג" איז קיינמאָל ניט צעשטערט געוואָרען און וואַרשע האָט פאַרשטאַנען, אַז די סיסטעמאַטישע דייטשע מערדער עסען אין דער שעה מיטאָג: פון איינס ביז צוויי איז די פאַבריק פון מאָרד

געשלאָסען... אין דער דאָזיגער שעה פלעגען אַלע וואַרשעווער אײנוואוינער אַרויסקריכען פון זײערע "שוץ־קעלערס און באַהאַלטעניש‏ען) אין גאַס פלעגט זיין אַ בהלה'דיגער געלויף: מענשען אײלען צו זײערע עלטערען, ברידער, שוועסטער און נאָהעטסטע — זעהען, צי זײ לעבען נאָך; אין דער שעה פלעגט מען אויך לויפען אײנשאַפען זיך אַביסעל שפּייז... מיט עסען איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג ערגער... אום יום־כפור, אינמיטען דער באָמבאַרדירונג, זײנען טויזענטער מענשען געשטאַנען אין דער רייהע נאָך ברויט; צווישען זײ אויך פיל אידען מיט ווייסע בערד און לאַנגע חסידישע קאַפּאָטעס; שטעהענדיג אין דער רייהע האָבען זײ געהאַלטען אָפענע מחזורים און שטיל געמורמעלט תפילות צו גאָט... אין אַזאַ שעה — פון אײנס ביז צוויי — האָב איך געזעהען דורכ'ן פענסטער, ווי אין גאַס האָבען זיך געוואָרפען אײניגע מענשען מיט מעסערס אויף אַ פאַרוואונדעט פערד און געשניטען דערפון פאַסען פלייש; דער פערד האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף די פאַרפייניגער, אויפגעצאַפּעלט און אַ פאַרגאָסענער מיט בלוט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ... צוויי אַזייגער בייטאָג פלעגט יעדער וואַרשעווער אײנוואוינער ווידער פאַרנעהמען זיין "אָרט" אין שוץ־קעלער און באַהעלטעניש. דער נאַצישער מערדער, אַז אָנגעגעסענער און מיט נײע כחות, פלעגט מיט דייטשער פּינקטלאַכקייט ווידער אָנהויבען זיין שליחות פון פאַרניכטונג און טויט איבער דער באַלאַגערטער וואַרשע.

* * *

טויטע... דערשטיקטע... פאַרוואונדעטע... קאַליקעס... אַרעסטירטע, צעפּלינדערטע, באַרויבטע און צעשלאָגענע... פאַרברענטע גאַסען, חרוב'ע הייזער — שפּרייט מיין פרוי פאַר אונז אויס אַ לאַנגע בלוטיגע מגילה פון אונטערגאַנג און אומקום. מיין קאָפּ שמאַרצט שרעקליך און איך פיהל, אַז בלויז נאָך איין שווידערדערצעהלונג פון מיין פרוי איז גענוג אויף איבערצופולען דעם כוס פון פיין און מיך דערפיהרען ביז שגעון. איך וויל אָפּראַטעווען מיינע נערווען, וואָס האָבען זיך פאַרפּלאָנטערט און פאַרקנוילט, און איך בעט אַ פאַרצווייפעלטער:

— אַנקע, זאָלען דיינע איוב־בשורות ניט קומען מיטאַמאָל! איך ווייס שוין צופיל! גיה שלאָפען!

מיין פרוי רייסט איבער איהר דערצעהלונג און זאָגט מיר שטיל:

— מיר אין וואַרשע האָבען וועגען דעם אַלעמען ניט געהערט פון דערווייטענס, נאָר מיר האָבען דאָס אַלץ איבערגעליטען און איבערגעלעבט...

דורך דעם פענסטער זילבערט זיך דער הימעל און זאָגט אָן אַ האַרבסטיגען פריהמאָרגען. ביים אויסטאָן זיך צום שלאָף איז מיין אויג צופעליג געפאַלען אויפ'ן שפּיגעל: מיט דעם זילבער פון גרויען פריהמאָרגען האָבען אויף מיין קאָפּ געגלאַנצט די ערשטע גרויע האָר.

41

זיבעז אָוועגד
אין וואַרשע בײַ די נאַצים

גאַנץ שפּעט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון פעסטעז שלאָף. מײַן פרוי און די קינדער זײַנעז נאָך געשלאָפעז. איך האָב זיך שטיל אָנגעטאָז און בין אַרײַן אין עס־צימער. דאָרט איז שוין געווען שבת׳דיג געגרייט דער טיש פאַר ניין פערזאָן. איך דאַנק אין נאָמען פון מײַן פאַמיליע און װײַל מײַנע בעלי־בתּים באַפרײַען פון אומגע־ריכטעז מאָהלצייט:

— איהר זייט דאָך ניט געווען צוגעגרייט, אַלץ איז דאָך געקומען אַזוי פּלוצלונג!

בײַלע די פּישערקע רויטעלט זיך און זאָגט:

— בײַ מײַן טאַטען איז דאָרף איז געווען די גרעסטע שׂמחה, אַז מיר האָבען פאַרהאַלטען חשובע מענשען פון שטאָט אויף שבת . . . איהר זאָלט מיר נאָר, חלילה, ניט אָפּזאָגען, ווײַל עס איז דאָך מיר היינט אַזוי גוט אויפן האַרצען! . . . — און זי צעוויינט זיך שטיל. — איך האָב דען געקאָנט צוזעהען אייער צער, ביז זיי זענען צו אייך געקומען?! אוי, בערל, בערל, — זאָגט זי צו איהר מאַן — די זעהסט וואָס פאַרא גוטען גאָט מיר האָבען! . . . אוי, מיר זאָל געשעהען פאַר דעם מינדעסטען נאָגעל פון אייערע זיידענע קינדערלאַך! האָסט געזעהען סאַראַ מלכות ס׳איז אויס־געגאָסען אויף זייער זוהנדעלע מיט די גאָלדענע לאָקעלאַך; ער שיינט דאָך, אָהן עין־הרע, אַרויס פון זײַן מאַמע׳ס זשאַקעטל!) אַז צוגענומען זאָל דאָס לעבען פון די דײַטשען ווערען, וואָס האָבען בײַ אַזאַ גאָלדען קינד דאָס מאַנטעלע אַראָפּגענומען! עשׂו, אָהן האַרץ, אָהן סאָוועסט!

איך וואוין שוין בײַ דער ליבער פרוי בײַלע אייניגע וואָכען, אָבער צום ערשטען מאָהל הער איך, אַז זי זאָל ריידען אַזוי לאַנג און מיט אַזויפיל האַרץ. (מײַן שכן, דער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ גאַסט, ווײַל צוזאַמען מיט מײַן פרוי איז אויך געקומען זײַן שוועסטער, האָט צוזאַמען מיט זײַן שוועסטער גענעכטיגט ערגיץ אַנדערש; זיי זײַנען אַוועק אין זייער נייער דירה, איידער איך בין נעכטען אַוועגד אַהיים געקומען).

מײַן פרוי און זוהנעלע הויבען זיך אויף, וואַשען זיך און זעצען זיך צום טיש. אין שיין פון טאָג באַמערקט זיך נאָך בולטער זייער בלאַסקייט און אויסגעמאַטערט־

קייט — זיי זעהען אַלע אויס ווי רעקאָנוואַלעסצענטען נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקהייט.

מיין טאָכטעריל ענדיגט דאָס וואַשען זיך אין קיך־צימער. זי וויל פאַר מיר דערשיינען אין איר גאַנצער פּראַכט און זי פרעגט דער מאַמען אויפן קול, וואו עס געפינט זיך איהר רויטע באַנד צו די האָר. מיין פרוי ענטפערט איהר:

— גיב אַ קוק, טייערינקע, אין וואַליזקעלע אָדער אין פּעקעל; איך גלויב, אַז אפילו די באַנד האָבען „זיי" צוגענומען!

(פון דעם גאַנצען גרויסען באַגאַזש, וואָס מיין פרוי האָט אַרויסגעפיהרט אין אַז אויטאָ פון וואַרשע — האָט זי אַריבערגעבראַכט קיין ביאַליסטאָק בלויז איין האַלב־פּוסט וואַליזקעלע און אַ ברודיג פּעקעל, אַרומגעבונדען מיט אַ ליילעך, וואו עס איז געווען אַן אַלטער שלאַפראָק, צוויי קויטיגע העמדער, איין קישען און איין קאָלדרע).

פלוצלונג לויפט מיין טאָכטער אַריין אין עס־צימער אַ צעשטראַהלטע:

— מאַמעלע, איך האָב געפונען די צאָהן־פּאַסטע!

מיין פרוי שפּרינגט אויף אַ דערפרייטע, אפילו מיין קליינינקער אַלעקסאַנדער טאַנצט פון שמחה און פּאַטשט מיט די הענטלאַך. איך און בערל דער פישער מיט זיין פאַמיליע קוקען דערשטוינט אויף די סצענע. איך פיהל זיך אַביסעל פאַרשעהמט און זאָג:

— וואָס איז די שמחה מיט דער צאָהן־פּאַסטע? מען באַקומט דאָ אויך די „מציאה"!

— אין דער צאָהן־פּאַסטע איז באַהאַלטען דער רעשט פון אונזער פאַרמעגען: עטלאַכע פינגערלאַך און בריליאַנטלאַך . . . — דערקלעהרט אונז מיין פרוי.

— נעכטען, ווען די דייטשען האָבען ביי אונז כמעט אַ־ץ צוגערויבט, בין איך געווען זיכער, אַז אויך די טייערע צאָהן־פּאַסטע איז פאַרפאַלען . . . וואו האָסטו עס געפונען, טאָכטעריל?

— אַז איך האָב געזוכט אין פּעקעל די רויטע באַנד און אַדורכגעוואָרפען אַלע זאַכען, איז עס פון ערגיץ פלוצלונג אַרויסגעפאַלען.

מיר זעצען זיך ווידער צום טיש. באַלד האָט זיך צעטראָגען איבער׳ן צימער דער געשמאַקער ריח פון אַ צוגעברוינטען טשאָלענט. אין די זאַפּאַסען פון בערעל דעם פישער האָט זיך געפונען בראָנפען און וויין (אפשר האָט ער עס ספּעציעל היינט ערגיץ געקויפט, נאָר ער האָט אונז דערצעהלט וועגען „זאַפּאַסען", כדי צו באַרואיגען אונזער געוויסען); מיר האָבען געטרונקען „לחיים" און זיך געווינשען בעסערע צייטען . . . ביילע די פישערקע, קוקענדיג אויף מיר, מיין פרוי און די קינדער, האָט אָהן אויפהער געווישט די אויגען . . . פיניע, דער איינגסטער זוהן פון די פישערס, אַ פערצניאָהריגער בחור, אַ שילער פון אַ ביאַליסטאָקער האַנדווערקער־שולע, האָט געבראַכט זיינעם אַ חבר און אַ הינטעל; מיין אַלעקסאַנדער איז באַלד

געוואָרען זייער פּאַרטנער — און זיין זילבערנער און זאַרגלאָזער געלעכטער האָט זיך געטראָגען איבער דער גאַנצער דירה . . . פאַר מיין אינגעלע איז די מלחמה געווען פאַרענדיגט: טאַטע־מאַמע זיינען צוזאַמען מיט איהם, ער האָט געגעסען ברויט צו דער זעט, ער האָט חברים און אַ קליין הינטעלע אָנשטאָט די פיר פאַרלוירענע גאָלדענע פישעלאַך; וואָס דאַרף ער מעהר?

די שטימונג איז אַ געמיטליכע. איך פיהל, אַז איצט וועט פאַר מיין פרוי זיין וויניגער שמערצליך צו דערצעהלען וועגען איהרע לעצטע איבערלעבונגען ביי די דייטשען און וועגען זייער רויב־אָנפאַל איז וועג.

— וואָס האָסטו געטאָן, ווען די באַהן־אַרבייטער האָבען דיר געבראַכט מיין גרוס? — פרעג איך מיין פרוי.

— ווי נאָר די באַהן־אַרבייטער זענען אַוועק, האָב איך אַרויפגעוואָרפען מיין הוט אויפן קאָפּ און בין אַרויסגעלאָפען אין גאַס אַריין, דער הוט איז מיר געלעגען קרום אויפ'ן קאָפּ, אָפּט פלעג איך איהם אַראָפּכאַפּען, טראָגען אין האַנט און ווידער אַרויפלייגען — איך בין געלאָפען און געלאַכט — מען האָט מיך אין גאַס נאָכגעקוקט, אָבער ניט מיט קיין גרויס פאַרוואונדערונג, ווייל מען איז דאָרט איצט צוגעוואוינט צו משוגעים . . . איך בין געלאָפען אויף מוראַנאָווסקע גאַס, צו פרל. גרויסשילער, מיט אַ גרוס פון איהר ברודער. מיר האָבען ביידע געוויינט און געלאַכט פון איבערראַשענדער שמחה. צעהנדליגע מאָהל האָבען מיר באַטראַכט דאָס קליינטשיקע שטיקעל פּאַפּיר וואו עס זיינען געווען אָנגעשריבען בלויז דריי אַדרעסען: אייער אַדרעס אין ביאַליסטאָק און אונזערע ביידע אַדרעסען אין וואַרשע . . . די טרוקענע ווערטער פון אייער אַדרעס האָבען פאַר אונז געהאַט אַ צויבער־קלאַנג: איהר זייט אין ביאַליסטאָק אויף לעגיאָנען־גאַס, איהר לעבט . . . מיר, ביידע פרויען, האָבען דאַן פעסטגעשטעלט, אַז דער הייסעסטער ליבע־בריוו האָט געקענט אַ בלויזען אַדרעס . . . מיר באַשליסען איז פאַרלויף פון מאָרגענדיגען טאָג אויפצוזוכען אַן אויטאָ, צאָהלען אַלע געלדער און פאָהרען איבערמאָרגען צום גרעניץ. איך האָב זיך מיט פרל. גרויסשילער וואַרשיינליך לאַנג געפרייט, ווייל פלוצלונג האָב איך מיט שרעק דערזעהן, אַז דער זייגער איז האַלב נאָך זעקס (די דייטשען האָבען דערקלעהרט קריעגס־צושטאַנד, אין גאַס מעג מען געהן בלויז ביז זיבען אָוועגד).

— בלייבט איבער ביי מיר אויף נאַכט; איהר קאָנט זיך, חלילה, פאַרשפּעטיגען צו קומען אַהיים! — בעט מיך פרל. גרויסשילער.

— עס איז אוממעגליך, איך קאָן ניט לאָזען די קינדער אַליין; מיין דינסט איז פאַרשוואונדען. די קינדער וועלען איבערקלעהרען, און אפשר, חלילה, אַ דייטשער איבערפאַל ביינאַכט . . . איך לויף אַהיים!

און איך בין געלאָפען, ווי פייל פון בויגען. מיין שוואַד האַרץ האָט אונטער־געשפּרונגען און הויך געקלאַפּט. איך קום ביז פּושעיאַזד־גאַס — עס איז צעהן מינוט צו זיבען. די גאַסען זענען שוין ליידיג. פון ערגיץ אין אַ פאַרטער־שטוב קלאַפּט

מען צו מיר אַרויס דורך אַ פענסטער. איך קוק זיך אום. אַן אַלטער איד האָט צו־געקוועטשט זיין באָרד צום שויב און רופט:

— קום אַריין צו אונז!

— איך מוז צו מיינע קינדער.

— לויף, זאָל גאָט שטאַרקען דיינע פיס!

איך לויף ווייטער. אין מוח קלאַפּט אַ שטראָם פון הייס בלוט. איך ווייס אוים־דריקליך, אַז זיבען אַזייגער טאָר שוין קיינער ניט זיין אין גאַס. ניט בלויז אַ מאַמע, וועלכע איילט זיך צו איהרע קינדער, נאָר אפילו אַ דאָקטאָר, וועלכער לויפט צו אַ קראַנקען; איך דערמאָן זיך די איינצעלנע שאָסען, וואָס טראָגען זיך יעדע נאַכט פון גאַס; איך געדענק, אַז מען האָט מיר היינט אין דערפריה דערצעהלט וועגען אַ דערשאָסענעם ביי אונזער טויער, וואָס מען האָט באַגראָבען איז נאָהענטען גער־טענדעל נעבען דער פוילישער שולע. צום מאַנטעל פון דערשאָסענעם איז געווען צוגעשפּילעט אַ צעטעלע אויף דייטש: „געגאַנגען צעהן מינוט נאָך זיבען!“ . . . איך לויף און לויף . . . איך קוק אויף מיין זייגערל: נאָך פינף מינוט! . . . איך פאַל אַריין אַ פאַרסאַפּעטע אין טויער פון אונזער הויז. איך קוק אויפ'ן זייגערל: פינקטליך זיבען! . . . איך געה אַריין אין טרעפּ־קאָרידאָר, זעץ זיך אַנידער אויף די טרעפּ און סאָפּע הויך . . . אויפן פערטען עטאַזש עפענט זיך די טיר און איך הער דאָס רופען פון מיינע קינדער:

— מאַמאַ, ביסטו אין קאָרידאָר?

— יאָ, מיינע טייערינקע, איך רוה זיך אָפּ און קום באַלד אַרויף!

איידער איך קוק זיך אַרום, זיינען שויןביידע קינדער אונטען און זיי פאַלען מיר אויפן האַלדז . . . מיין טאָכטעריל דערצעהלט אַ דערפרייטע:

— מיר האָבען אַזוי מורא געהאַט! . . . זיינען מיר געזעסען ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין. פּונקט זיבען אַ זייגער האָבען מיר דערהערט דיין געלויף אין גאַס . . . אַלעק האָט שוין געוואָלט וויינען!

— יאַאַלאַ האָט געוואָלט וויינען, ניט איך! האָט זיך אַלעק פאַרטיידיגט, אָבער גלייכצייטיג האָט ער געבעטען:— דו זאָלסט מעהר ניט געהן אין גאַס אַריין אַזוי שפּעט, און קום לאָמיר אַוועקפאָהרען צום טאַטען!

— לאָמיר אַוועקפאָהרען צום טאַטען! — באַשליסען מיר אַלע דריי מיט שמחה, אַרויפגעהענדיג געאָרעמטע איבער די טרעפּ, וואָס פיהרען צו אונזער דירה.

42

דער לעצטער טאָג
איבער וואַרשעווער גאַסען

די ידיעה, אַז מיין פרוי מיט די קינדער זיינען געקומען קיין ביאַליסטאָק, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישען מיינע באַקאַנטע.

די שטוב פון בעריל דעם פישער פאַרפולט זיך מיט געסט. מיט דאַנקבאַרקייט און שטויננונג זעהען מיר, אַז בעריל און ביילע די פישערס גרייטען פאַר אַלע געסט געשמאַקע טיי מיט צוקערקעס — אַ זאַך, וואָס האָט דאַן געהערט צו די זעלטענע לוקסוסען אין ביאַליסטאָק. עס קומען אויך אָן די פריינט ח., ביי וועלכע איך האָב נעכטען פאַרבראַכט אַן אַנגענעהמען אָוונט, און זיי ברענגען פאַר מיין פרוי און פאַר די קינדער אַן אויסערגעוועהנליך וויכטיגע איינלאַדונג: זאָל מיין פאַמיליע אַריבערקומען צו זיי, מען הייצט שוין דאָרט דעם אויווען און עס וועט זיין אַ וואַרימע וואָנונג. מיין אַלעקסאַנדער פּאַטשט מיט די הענטלאַך פון שמחה... ער באַדויערט בלויז, וואָס זיין גומען געגזעלע איז געבליבען אין וואַרשע און וועט זיך ניט באַדען צוזאַמען מיט איהם, ווי אַמאָל.

אויפ'ן וועג הער איך, ווי מיין פרוי שמועסט זיך אָפּ מיט פריינדין ח. וועגען סאַבאַדילאַ צו די קינדערישע קעפּלאַך. „צום ערשטען מאָל אין לעבען געשעהט עפּעס אַזעלכעס מיט מיינע קינדער" — זיפצט מיין פרוי, — „אָבער וואָס איז דער וואונדער!? אַזוי פיל וואָכען ניט געוואַשען און ניט געצוואָגען, געוואַלגערט זיך אין אַ פרעמדע „זיבערע" דירה בשעת דער באָמבאַרדירונג, איבערגענעכטיגט די לעצטע שרעקליכע נאַכט ביים גרעניץ אין אַ פויערישער כאַטע אויף שטרוי צוזאַמען מיט עטליכע צענדליג פרעמדע אומבאַקאַנטע פּליטים"... איך הער אויך, ווי ביידע פרויען שפּאַרען זיך וועגען וועש און פרוי ח. טענה'ט: „אַז ביי מיר זיינען שוין די קינדער אויסגעוואַקסען פון די העמדלאַך און פאַר אייערע וועלען זיי זיין ווי אַנגעמאָסטען... איהר וועט היינט אין ערגעץ קיין וועש ניט באַקומען צו קויפען; צופעליג זייט איהר ביי אונז און ניט מיר ביי אייך; צי וואָלט איהר אונז דאָס זעלבע ניט פאַרגעלעגט?"...

„גוט איז דער מענש" — דערמאָן איך זיך פּלוצלונג אַ נאָמען פון אַ בוך, וואָס איז געווען זעהר פּאָפּולער נאָך יענער וועלט־מלחמה... יאָ, קיין אַנדער לעבעדיג באַשעפעניש איז ניט אימשטאַנד צו דערגרייכען צו אַזאַ מדרגה פון גוטסקייט

און פון מיטלייד, אָבער אויך פון אכזריות און פון סאַדיזם! דער מרחק פון מענטש ביז מלאך און פון מענטש ביז טייוועל איז דער זעלבער, נאָר ביידע שטאַפּלען געפינען זיך אין געגנזעצטע ריכטונגען.

מיר קומען אַרויף צו פריינד ה. די קינדער באָדען זיך. זייער גליקלעכער פרעהליכער געלעכטער קלינגט אַרויס פון באָד־צימער און פאַרפולט מיט שמחה די גאַנצע דירה. ריינע און געלייטערטע קומען די קינדער אַרויס פון וואַסער, ווי עס וואָלט פון זיי אָפּגעשוואַנקען געוואָרען דער שמוץ און די טומאה פון דער ביי־זער וועלט.

פיל באַקאַנטע פליכטלינגען, וועלכע האָבען געזוכט מיין פרוי ביי בעריל דעם פישער אין וואוינונג, זיינען לויט זיין אָנווייזונג אַרויפגעקומען צום פריינד ה. אין שטוב, כדי צו דערוויסען זיך פון מיין פרוי וועגען שווערען גורל פון וואַרשע און אפשר אויך אָפּנעהמען צופעליגע פערזענליכע גרוסען פון זייערע נאָהענטסטע, וועלכע זיי האָבען איבערגעלאָזט אין דער אומגליקליכער שטאָט. זייער הויפּט־פראַגע איז:

— ווי זעהט אויס די אָדער יענע גאַס? צי איז געבליבען גאַנץ אַזאַ און אַזאַ הויז?

יעדער פון די פרעגער האָט אין די הייזער איבערגעלאָזט זיינע נאָהענטסטע; אויב ער קאָן ניט באַקומען פון זיי קיין דירעקטען פערזענליכען גרוס — טאָ זאָל כאָטש זיין אַ ידיעה וועגען דעם הויז, וועגען דער גאַס, אָדער בכלל וועגען דער היי־מאַט־שטאָט, וואו יעדע געביידע, יעדער מאָנומענט, יעדער בולוואַר, יעדער גאָרטען און יעדער שטיין פון ברוק איז אַזוי טייער און פאַרבונדען מיט זכרונות פון גליק און טרויער . . . מיין פרוי פאַרשטעהט די מענשען, זייער בענקשאַפט צו די נאָ־הענטסטע און זייער סענטימענט פאַר וואַרשע. זי דערצעהלט זיי אַלץ, וואָס זי געדענקט:

— איך וועל אייך ניט איבערדערצעהלען, וואָס איך האָב געהערט פון אַנ־דערע, ווייל פיל ידיעות ווייזען זיך שפּעטער אַרויס פאַר ניט ריכטיגע: „שרעק האָט גרויסע אויגען" און אין די שרעק־דערצעהלונגען ווערט דאָס גרויסע אומגליק פון וואַרשע נאָך פאַרגרעסערט . . . איך וועל אייך דערצעהלען ניט פיל: נאָר בלויז וועגען דעם, וואָס איך האָב אַליין געזעהען, אָבער איך בין די גאַנצע צייט פון חורבן־וואַרשע און פון דער דייטשער אָקופּאַציע געזעסען אין שטוב אָדער באַוועגט זיך בלויז איבער די נאָהענטסטע גאַסען ביי לעשנע און זשעלאַזנע. די דאָזיגע גאַסען זיינען פאַרהעלטניסמעסיג אַרויס פון דער באָמבאַרדירונג בעסער ווי אַנדערע, אָבער אויך אין די דאָזיגע גאַסען זיינען זיך צעפאַלען פיל הייזער, איבערהויפּט איז חרוב געוואָרען די לעשנע־גאַס אָנהויבענדיג פון איינציגע הייזער נאָך זשעלאַזנע און פאַרענדיגענדיג ביי דעם גרויסען מאַרק קערצעלאַק, פון וועלכען עס איז קיין שריד ופליט ניט פאַרבליבען; בכלל איז אויסגעגאַסען געוואָרען דער צאָרן אויף

גרויסע פּלעצער און האַנדעלס־ערטער, ווי צום בײַשפּיל אויף די האַלעס פֿון „אײַזערנעם טויער”...

אין דעם טאָג פֿון מײַן פֿאַרלאָזן וואַרשע איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין פֿאַרשידענע גאַסן און ערשט דאַן האָב איך דערזען דעם אומגליק אין זײַן גרעסטן פֿאַרנעם. אַ טייל קלענערע גאַסן האָב איך אינגאַנצן ניט געקאָנט אָפּזוכן, ווײַל זיי האָבן אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן. אַ גאַנצע זײַט פֿון גראַניטשנע־גאַס איז, מיט קליינע אויסנאַהמען, פֿולשטענדיק חרוב געוואָרן; פֿיל הײַזער בײַם אָנהייב טוואַרדע־גאַס זײַנען מער ניטאָ; סאָסנאָווע, שענגע, שליסקע, זלאָטע — כמעט יעדע צווייטע הויז איז אומגעקומען, אָבער אויך די פֿאַרבליבענע הײַזער האָבן זיך אײַנגעהויקערט, זײַנען צו דער ערד געבויגן און קענען אַ לאַנגע מינוט ווערן צוזאַמענגעבראָכן און פֿאַלן פֿאַר׳חלש׳ט אויף דער ערד... און אָפֿט פֿאַלן טאַקע פּלוצלונג אײַן הײַזער.

אַ שרעקלעכן אײַנדרוק האָט אויף מיר געמאַכט פֿאָלגנדע געשעעניש: איך האָב באַשלאָסן אַרײַנצוגיין צו אונזערע קריסטלעכע פֿרײַנט ק. און זיך געזעגענען. זיי האָבן געוווינט אויף גזשיבאָווסקי גאַס אין אַ שיין נידעריק הילצערן הויז אַרומגערינגלט מיט אַ גאָרטן. איך געפֿין קוים דאָס אָרט: אַש און אַ ציגעלנער קוימען — אַנשטאָט אַ הויז. קברים — אַנשטאָט די געזוכטע מענטשן. איך האָב ניט באַוויזן צו דערוויסן זיך, אויב אונזערע פֿרײַנט זײַנען געוואָרן געראַטעוועט אָדער אומגעקומען צוזאַמען מיט זייער דירה, אָבער איינס איז פֿאַר מיר געווען קלאָר: עס איז דאָ אַנטשטאַנען אַ נײַער בית־עולם; איבער די קברים געפֿינען זיך קליינע ברעטלאַך, אויף וועלכע ס׳איז אויפֿגעשריבן דער נאָמען פֿון געפֿאַלענעם, אויב עס איז געווען באַוואוסט ווער ער איז. הונדערטער אַזעלכע בית־עולמ׳ס זײַנען איצט דאָ אין וואַרשע: יעדעס גערטענדל, יעדער פֿרײַער פּלאַץ איז אָנגעקוועטשט געוואָרן — אָפֿט זײַנען געוואָרן באַגראָבן צוזאַמען אידן און קריסטן אין גרויסע „ברידער־קברים”. געהענדיק צום לעצטן מאָל איבער די וואַרשעווער גאַסן (כאָטש עס איז שוין געווען צוויי וואָכן נאָך דער באָמבאַרדירונג), האָב איך נאָך אָפֿט געזען, ווי מען האָט געשטופּט האַנט־וועגעלאַך צוגעדעקטע מיט שוואַרצע פּלאַכטעס, און פֿון אונטער די פּלאַכטעס האָבן אַרויסגעשטאַרט מענטשלעכע פֿיס.

צום אָנבליק פֿון טויטע און חרוב געוואָרענע הײַזער האָט מיך די לאַנגע העראָאישע באַלאַגערונג שוין „צוגעוווינט”. דעם שרעקלעכסטן אײַנדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער מערדערישער גייעג פֿון דײַטשן אויף אידן איבער די וואַרשעווער גאַסן. ערגעץ אין אַ ווינקעל פֿון אַ גאַס פֿלעגט זיך אָפּשטעלן אַ דײַטשער לאַסט־אויטאָ. דײַטשע זעלנער פֿלעגן זיך צעשפּרייטן אין אַלע ריכטונגען פֿון גאַס, אַרײַנלויפֿן אין די הויפֿן, כאַפּן אידן, שלאָגן זיי מיט די ביקסן, מיט שפּיצרוטעס, מיט פֿויסטן איבער׳ן פּנים און איבער׳ן גאַנצן קער־





געפער און שלעפּען זיי צום לאַסט־אויטאָ; די קרבנות האָבען געבלוטיגט און קאַרטשעט זיך פון וועהטאָג — די פייניגער זיינען ניט געווען אויפגערעגט און דערצאָרענט, זיי האָבען אויסגעפיהרט זייער ,,אַרבייט'' מיט געלאַסענקייט און צופרידענקייט, אָפט מיט אַ שמייכעל פון פאַראַכטונג אָדער האָבען אפילו גערעוועט ווי אַ וויילדע געלעכטער ווי אויף אַ ספּעקטאַקעל.

— און וואָס זאָגען דערויף די פּאָלאַקען?

—עס איז שווער צו ענטפערען, ווייל עס זיינען דאָ פּאָלאַקען, וועלכע האָבען אין דער צייט פון באַלאַגערונג זיך דערנעהענטערט צו אידען און געבליבען זייערע איבערגעגעבענסטע פריינט. אויך דער בירגערמייסטער סטעפאַן סטאַזשינסקי, דער געוועזענער אנטיסעמיט, האָט אין דער צייט פון באַלאַגערונג געגעבען פּרעכטיגע ביישפּילען פון אידענפריינדליכקייט און אָפט דערמאָהנט מיט באַוואונדערונג דעם אידישען פּאַטריאָטיזם און העראָיזם . . . אָבער, אַז די דייטשען זיינען אריינגעקומען האָט אין טייל וואַרשעווער פּאָלאַקען ווידער דערוואַכט דער אַנטיסעמיטיזם. זיי האָבען פאַרגעסען דאָס אידישע און פּוילישע בלוט, וואָס איז צוזאַמען געוואָרען פאַרגאָסען איבער די וואַרשעווער גאַסען; דער נאַציישער ,,אידען־יאַגד'' איז אויך פאַר זיי געווען אַ לוסטיגע פאַרוויילונג, זיי האָבען זיך געפיהלט העכער פאַר אידען, ווייל די דייטשע רוט האָט זיי (דערוויילע) אויסגעמיטען; אַזעלכע נידעריגע אינסטינקטען האָבען באַהערשט איבערהויפּט די גאַסען־יונגען, געוועזענע נאַראָוועס, און די אויסוואורפען צווישען די יונגערע פּרייען — זיי פלעגען ארומפיהרען די דייטשען און אנווייזען ביי וועלכע אידען מען קאָן געפינען אַ סך צום ראַבירען. אָפט פלעגען פּוילישע פאַרברעכערישע פרויען בעטען דייטשע סאָלדאַטען אראָפּצוציהען די מאַנטלען פון דורכגעהענדיגע אידישקעס און עס זיי אָוועקגעגעבען. זייערע ביטעס פלעגען דערפילט ווערען. אונזער דינסט איז איינמאָל געקומען פון גאַס אויסגעפּוצט אין אַ פיינעם מאַנטעל (שוין בעת דער באָמבאַרדירונג האָב איך באַמערקט, אַז איהר וואַליזע וואַקסט פון פרעמדע האָב און גוטס; טונקעלע עלעמענטען פלעגען דאַן אויסנוצען פאַר רויבצוועקען די גרויסע ליפט־אַטאַקעס און שׂריפות) . . . אין אויפרעגונג האָב איך איהר געזאָגט עטליכע שאַרפע ווערטער וועגען ,,עסען אידיש ברויט און אַנטייל נעהמען אין רויב, וועגען הויכע ביימער, וואו עס וועלען אַמאָל הענגען די פריינד פון נאַציס, וואָס פאַרשוועכען דעם פּוילישען כבוד''... זי האָט גאָרניט געענטפערט, האָט גלייך צוזאַמענגענומען איהרע פּעקלאַך — און איז אַוועק. איך האָב מורא געהאַט אַז זי וועט מיך מסר'ן פאַר די דייטשען, אָבער גלייכצייטיג האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי האָט זיך דערשראָקען פאַר מיין וואָרנונג און פאַר איהרע אייגענע מעשׂים.

די מערהייט פון מיינע פריינט האָב איך אין דעם לעצטען טאָג פון מיין אנוועזנהייט אין וואַרשע ניט געקאָנט אויפזוכען: טייל זיינען אַנטלאָפען, ביי

אנדערע האָבען אָפּגעבּרענט די הייזער און זיי האָבען זיך ערגעץ איבּערגעטראָגען, אנדערע וואָלט איך באדארפט זוכען איבער די נייע ווארשעווער בית־עלמינ׳ס...

בלויז איינציגע פריינט האָב איך באגעגענט אין זייערע שטיבער. זיי האָבען געהאַלטען פאר אַ שגעון מיין איבערלאָזען אונזער גאַנץ פארמעגען אויף גאָט׳ס באראָט. זיי האָבען מיר געראטען בלייבען אין ווארשע צוזאַמען מיט די קינדער, ווייל די מלחמה וועט זיכער לאַנג ניט דויערען; עס איז גענוג אַריבערצושיקען צו ירחמיאל׳ן אַ ידיעה קיין ביאַליסטאָק דורך איינעם פון די הונדערטער יונגעלייט, וועלכע געהען צו די סאָוועטען, אַז ער זאָל ניט צוריקקומען קיין ווארשע כל זמן די נאַצים זיינען דאָ, ווייל עס דראָהט איהם אַרעסט. די נאַציסטישע אַוואַנטורע וועט זיכער שנעל זיך פאַרענדיגען — די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט ברענט מיט אַ ווילען נקמה צו נעהמען פאר ווארשע — פראנקרייך און ענגלאַנד גרייטען צו דעם אַנטשיידענדען קלאַפּ — אַמעריקע איז אויפגעבראכט צוליב דעם שוידערליכען באַמבאַרדירען פון ווארשע... צי לוינט, צוליב געצעהלטע וואָכען, פאַרלאָזען אַזאַ פרעכטיגע היים און געהן אין אַ געפעהרליכען וועג, וואו עס דראָהט באַרויבט צו ווערען דורך די נאַצים?!

איך בין, פאַרשטעהט זיך, אויך געווען ביי אונזערע פריינד ג. זיין פרוי האָט אויסגעזעהן שרעקליך בלאַס און פאַרמאַטערט. זי האָט מיר דערצעהלט, אַז מען דערלויבט איהר ניט צו זעהן דעם אַרעסטירטען מאַן, מען נעהמט אַפילו אָן פאַר איהם פעקלאַך מיט עסען און וועש, אָבער ווער ווייסט, צי עס דערגרייכט ביז זיינע הענט?! זי איז געווען די איינציגע, וואָס האָט מיר גע׳עצה׳ט וואָס שנעלער אַוועקצופאָהרען... „זיי גליקליך, אַז דיין מאַן איז פריי — אייל צו איהם; אַזוי פיל פאַרמעגענס איז פאַרברענט געוואָרען, מעג פון דיינס אויך געמיינערט ווערען; צי ווייסטו אָפּצושאַצען, וואָס איך וואָלט איצט אַוועקגעגעבען פאַר דער פרייהייט פון מיין מאַן?! פאָהר נאָך מאָרגען, גרים דיין מאַן, פאַרגעסט ניט וועגען אונז, מיר וועלען זאָרגען פאַר דעם, וואָס איהר האָט דאָ איבערגעלאָזט!"

מאָרגען נאָך אַזייגער איז דער פריה האָב איך צום לעצטען מאָל געזעהן די גאַסען פון ווארשע... אַן אויטאָ אָנגעפילט מיט אַלץ, וואָס עס איז געווען ביי אונז אַמקאָסטבאַרסטען און אַמנויטיגסטען, האָט געטראָגען מיך, מיינע צוויי קינדער, פרל. גרויסשילער און נאָך צוויי פרויען — צו דעם סאָוועטישען גרעניץ. אין אַ צווייטען אויטאָ, וואָס איז געפאָהרען אונטער אונז, האָבען זיך געפונען פינף יונגע מענער און צוויי יונגע פרויען.

פיר שעה דאַרף געדויערן די רייזע ביז דעם גרעניץ. צי וועלען מיר בשלום דערגרייכען צום ציעל?

43

אין די הענט פון רויבער

מיין פרוי רוהט זיך אפ א מינוט. מיינע ביידע קינדער רייסן איבער זייערע שפילערייען, ווייל זיי דערפיהלען וועגען וואס זייער מאמע וועט באלד דערצעהלען. זיי שטעלען זיך נעבען מיר, ווי זיי וואלטען ביי מיר געזוכט שוץ אדער געפאדערט נקמה פאר זייערע ליידען.

מיין פרוי זעצט פאר איהר דערצעהלונג:

—... אונזער שאפער, א יונגער קריסט, האט אונז דעם גאנצען וועג געטרייסט און דערמוטיגט, זאגענדיג אז ער פאהרט שוין צום דריטען מאל און ביז איצט איז אלץ בשלום דורכגעגאנגען.

מיר פאהרען דורך אונטערוועגען און מיידען אוים שאסייען. איינינע מאל באמערקען מיר אין וועג גרופעס דייטשע זעלנער — אונזער שאפער אנטוויקעלט א גרויסע שנעלקייט און מיר לויפען גיך און מיט קלאפענדיגע הערצער דורך די געפעהרליכע ערטער. פלוצלונג באמערקען מיר, ווי פון דער געגענגעזעצטער ריכטונג — פון דער זייט צו וועלכער מיר פאהרען — לויפט אן אפענער אויטא. איניוועניג זיצען פאסאזשירען, אבער צוליב דער שנעלקייט פון זייער פאהרען, קאנען מיר ניט דערזעהען זייערע געזיכטער. זיי שטרעקען צו אונז אויס זייערע הענט און גיבען אונז צייכענס, אז מיר זאלען צוריקפאהרען. איידער מיר האבען זיך אריענטירט אין דעם, וואס די דורכרייזענדע מיינען, איז שוין ניט מעגליך געווען זיי צו דערזעהען מיט די אויגען. אונזערע ביידע אויטאס בלייבען שטעהן. מיר בעראטען זיך וואס צו טאן. אונזער שאפער איז אפטימיסטיש געשטימט: ער טענה'ט, אז מיר האבען זיך אומזיסט דערשראקען און אז די דורכפאהרענדע האבען אונז פשוט באגריסט דורך פאכען מיט די הענט.

מיר באשליסען צו ווארטען אויפ'ן ארט: אפשר וועט ווידער אימיצער אדורכפאהרען און מיר וועלען באקומען ידיעות וועגען וויטערן וועג... דער שאפער איז אומגעדולדיג און האלט אונזער שטעהן און ווארטען אויף ידיעות אין מיטען וועג פאר פחדנות'דיג און נאריש. ענדליך לאזען מיר זיך איבעררעדען און מיר פאהרען ווייטער.

אויך ביז איצט האבען מיר אין אונזער וועג געזעהען פיל פארברענטע הייזער. אבער וואס נעהענטער צום טייך בוג — אלץ ווייניגער איז געבליבען שפורען פון דעם פילפארביגען פרעהליכען פויערים־לעבען, וואס איז איבערגעריסען געווארען מיט איינינע וואכען צוריק. דער אויטא שפרינגט ארויף און אראפּ, ווייל אפילו די דארפישע פוילישע וועגען זיינען באמבארדירט געווארען פון דער לופט און עס זיינען אויף זיי געבליבען באמבען־גריבער. מיר פאהרען דורך א פארברענט אידיש שטעטעל — שווארצע קוימענס און הויפענס אש; הינטער דעם שטעטעל זיינען דוקא געבליבען גאנץ פיל ווייסע עלעגאנטע זומער־ווילעס און אפרוה־הייז־לאך. אימיצער דערקלעהרט: „דאס איז בראק־ביים־בוג". מיר פאהרען ביז דעם בריק.

— האלט! — דערהערען מיר א באפעהל אויף דייטש.

אונזער שאפער האט אונז פארגעזאגט, אז מען וועט אונז דא פארהאלטען און נעהמען ביי אונז „וועג־אפצאהל", מיר האבען אלזא אויפגענומען דעם דייטשען באפעהל פארהעלטניסמעסיג רוהיג. מען האט אונז געהייסען עפענען די טיר פון אויטא, אבער ניט ארויסגעהן. א דייטשער זעלנער האט אונז אנגעקוקט מיט א דורכדרינגליכען בליק, אונטער איהם איז געשטאנען א ציוויל־געקליידעטער פוילישער מיליציאנער. דער זעלנער האט אונז באפוילען ווייזען די פעסער, ער האט זיי באטראכט און אפגעגעבען. נאכהער האט ער גענומען ביי אונזער שאפער איינינע זלאטעס אלס וועג־אפצאהל און האט אונז געהייסען ווייטער פאהרען.

מיר פאהרען איבער דעם בריק. פלוצלונג אינמיטען דעם בריק, הויבט דער אויטא מורא'דיג אן אונטערצושפרינגען און צו טרייסלען זיך... אונז דאכט זיך, אז דער אויטא פאלט אין וואסער אריין און מיר הויבען אלע אן מורא'דיג צו שרייען, אבער אין א ווייל ארום דערפיהלט אונזער אויטא ערד אונטער זיינע רעדער — ער גלייכט זיך אויס, און מיר בארוהיגען זיך. עס ווייזט זיך ארויס, אז א טייל פון בריק איז צושטערט געווארען דורך באמבעס און אויף דעם ארט זיינען אויסגעלעגט געווארען ברעטער, וואס מאכען אקראבאטישע קונצען, אז עס קומט אויף זיי ארויף אן אויטא.

דער שאפער איז בייזלאך, ווייל דער וועג געדויערט לענגער, ווי ער האט אויסגערעכענט. ער האט פרעטענזיעס צו זיך, וואס ער איז געווען צו פארזיכטיג און האט צופיל וועג „אנגעלעגט". ער האט אויך פרעטענזיעס צו אונז, וואס מיר האבען זיך פריהער דערשראקען פאר די אומפארשטענדליכע צייכענס פון דעם דורכפאהרענדען אויטא און מיר האבען פארלוירען צייט מיט דעם אומנויטיגען ווארטען... ער פאדערט, אז איך זאל פאר איהם צוגרייטען דאס איבעריגע געלט (א העלפט האט ער באקומען אין ווארשע) און כאטש א קליינע „הוספה", ווייל אין א האלבע שעה ארום, נאך צוויי אזייגער בייטאג, וועלען מיר זיין ביים גרעניץ — און ער, דער שאפער, וויל פאר זיבען אזייגער אווענט שוין זיין צוריק אין

װאַרשע... איך פֿאַרזיכער דעם שאָפֿער, אַז ער װעט זײַן צופֿרידן מיט זײַן באַצאָלונג; איך בין גליקליך, אַז די רײַזע, פֿאַר װעלכע מיר האָבן זיך אַזױ געשראָקן, איז שױן בײַם ענדע און זי איז אַזױ לײַכט און שנעל דורכגעלאָפֿן.

איך קלער אַ גליקליכע װעגן דעם, אַז עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַרױסצוראַטעװען פֿון װאַרשע אונזערע לעבנס; אױך אַ היבשע סומע געלט װאָס האָט זיך געפֿונען בײַ אונז אין שטוב און איז איצט אײַנגענײט אין מאַנטעלע פֿון מײַן אינגעלע; אױך מײַנע פֿינגערלאַך און בריליאַנטלאַך, באַהאַלטענע אין אַ ראָלקע פֿון צאָהן־פּאַסטע; פֿיל װעש און מלבושים, אױף האַרבסט און װינטער. פֿאַר מיר מיט די קינדער און פֿאַר מײַן מאַן... אמת, אַז פֿיל װערטפֿולע זאַכן אין גאָלד, זילבער און קונסטװערק, האָב איך איבערגעלאָזט אין װאַרשע, אָבער שולדיג זײַנען מײַנע פֿרײַנד, װעלכע האָבן מיך אָנגעשראָקן, אַז די דײַטשן רױבן אַלץ אַװעק... עס איז געװען זעהר לײַכטזיניג פֿון מײַן זײַט איבערצולאָזן אין װאַרשע אַזױ פֿיל טײַערע זאַכן, װאָס װאָלטן אונז זעהר שטאַרק צונוץ געקומען אין אונזער קינפֿטיגער הײם אין רוסלאַנד...

פּלוצלונג װערן איבערגעריסן מײַנע געדאַנקען, װײַל אונזער אױטאָ פֿאַרהאַלט זיך אַזױ האַסטיג, אַז איך גליטש זיך אַראָפּ אַ דערשראָקענע פֿון אָרט: „װאָס איז געשעהן? אימיצן איבערגעפֿאָהרן?” אײדער איך באַקום אַן ענטפֿער אױף מײַנע פֿראַגעס, רײַסט זיך רעשיג אױף די טיר פֿון אױטאָ, עס גלאַנצט פֿאַר אונזערע אױגן דער קאַלטער שטאָל פֿון אַ רעװאָלװער און מיר דערזעהן צװײ װיעלפֿישע אױגן, װעלכע שטאַרן אַרױס פֿון אַ פּנים אַ פֿאַרגאָסענעם מיט הזיר־פֿעטס. עס גריל־צט אַן אכזריות'דיגער הײזעריגער פֿעלדפֿעבעל־קול: „אַרױס פֿון אױטאָ, פֿאַרפֿלוכטע אידען!” איך צאַפּל אױף זעהענדיג װי מיט זײַנע ברוטאַלע צװאַנגען־הענט כאַפּט ער אָן אונזער מאַכטערל און שלײדערט איהר אַרױס פֿון אױטאָ; איך נעהם שנעל אַלעקסאַנדערן און כדי אױסצומײדן זײַן „הילף” שפּרינג איך מיט דעם קינד װאָס שנעלער אַרױס; עס געדױערט אַ סעקונדע — און אױך די פּרל. גרױסשילער, װעלכע איז פֿאַרגליװערט געװאָרען אין אױטאָ פֿון פּלוצלונגען שרעק, װערט מיט כּוח אַרױסגעװאָרפֿען אױפ'ן װעג... מיר קוקן זיך אַרום דערשראָקענע און דערשטױנטע: אױך די פּאַסאַזשירן פֿון צװײטן אױטאָ זײַנען פּלוצלונג געװאָרן אַרױסגעטריבן; אונז אַלעמען רינגלען אַרום דרײַ דײַטשע זעלנער און אײן אונטעראָפֿיציר.

נעבן אָרט, װאו מיר געפֿינען זיך, שטעהט אַ פּױערישע כאַטע אַרומגעצױמט מיט אַ נידעריגען פּלױט. דער אונטעראָפֿיציר באַפֿעהלט אונז אַרײַנצוגעהן אין דאָרפֿישען הױף. נאָך אונז פֿאָהרן בײדע אױטאָס.

אױפ'ן הױף װערן מיר אַלע אױסגעשטעלט אין אײן רײהע. דער אונטעראָפֿיציר פֿרעגט אין אַ צעבראָכענעם פּױליש דעם שאָפֿער:

— ביסט אַ אַריער?

— יאָ — ענטפערט דער שאָפער.
— האָסט שוין באַקומען דיין געלט?
— בלויז אַ העלפט.
— ווער דאַרף צאָהלען דאָס איבעריגע?
— די פרוי — ווייזט דער שאָפער אויף מיר.
— גיב מיר דאָס געלט פאַר דעם שאָפער! — שרייט דער דייטש.
איך גיב איהם דאָס געלט, וואָס קומט דעם שאָפער.
— גיב מיר אַוועק דיין גאַנץ געלט! — שרייט דער דייטש מיט אַ שרעק־ליכען כעס.
איך גיב איהם אָפּ נאָך דרייסיג זלאָטעס, וואָס איך האָב ביי זיך אין בייטעלע.
— וויז דיין בייטעלע!
איך גיב אָפּ מיין בייטעלע. דער דייטש צערעוועט זיך מיט אַן אויפ־געבראַכטען געשריי, ווי אַ געשאָכטענער אָקס:
— דו באַטריגעריין! קיין שום איך טאָר מען ניט גלויבען! האָסט מיר גע־דאַרפט אָפּגעבען דיין גאַנץ געלט — און דו האָסט געוואָלט פון מיר אויסבאַהאַל־טען פונפציג גראָשען! אויף אייך, שווינדלעריש אידיש געזינדל, טאָר מען קיין מיטלייד ניט האָבען! דאַנערוועטער! אַראָפּ דאָס גאָלדענע רינגעל פון האַנט! וואָס האָסטו נאָך?
מיין טאָכטערל צעוויינט זיך פלוצלונג און הויבט אָן שרייען:
— מאַמע! גיב איהם אַלץ! אַלץ!
איך קוק מיט שרעק, ווי מיין טאָכטער פאַרקאַטשעט הויך דעם אַרבעל פון איהר מאַנטעל און זי ציהט אַראָפּ פון איהר עלענבויגען צוויי האַנט־זייגערלאַך: איהר׳ס אַ זילבערענס — אַ מתנה צום געבורטס־טאָג, און מיינס אַ פּלאַטין זייגערל געפּאַסט אין דימענטען — אַ חתונה־געשאַנק פון מיינע פאַרשטאָרבענע עלטערען... איך האָב די דאָזיגע זאַכען ביי איהר באַהאַלטען, אָבער זי האָט זיך פסיכיש איינ־געבראָכען.
מיין טאָכטערל׳ס געוויין ווירקט אויף מיר שטאַרקער ווי דעם דייטש׳ס גע־שרייען. איך וויל איהם וואָס גיכער באַרוהיגען. איך ציה אַראָפּ פון זיך אַ גאָלדען בראַסלעטל און וואַרף עס איהם גלייך אין חזיר׳שען פּנים אריין, שרייענדיג:
— נאַדיר, נעהם אַלץ!
ער איז אַזוי צעפרידען מיט דעם רויב, אַז ער באַמערקט אפילו ניט מיין חוצפה׳דיגען טאַן און ער דערהערט ניט מיינע באַליידיגענדע ווערטער.
דער פעלדפעבעל און זיינע זעלנער פאַרנעהמען זיך מיט זוכען ביי אַנדערע. איך באַרוהיג דערווייל מיינע קינדער און קוק זיך אַרום איבערן דאָרפישען הויף. אויפ׳ן הויף שטעהען פויערטעס, דאָרפישע שקצים און שיקסלאַך. פון ווייטערע כאַטעס הערט זיך דאָס סקריפּען פון טירען. די צאָהל פון די פויערטעס איז

זייערע קינדער וואַקסט פון מינוט צו מינוט. אינסטינקטיוו דערפיהל איך אין זיי פיינד. כאָטש זיי רעדען דערווייל גאַרנישט, קוקען זיי אָבער אויף אונז מיט אַן אַנטשלאָסענער פאַרביטערטקייט און מיט פאַרביסענע ליפּען.

דאָס פערזענליכע באַרויבונג פון יעדען באַזונדער איז פאַרענדיגט. די מחנה פון פויערטעס און שקצים דערנעהענטערט זיך צו אונז, זייערע אויגען זיינען פול מיט אַ פייער פון גיריגקייט. זיי רופען אויף דייטש צו די זעלנער:

— פאַר אונז! פאַר אונז!

דער פעלדפעבעל עפענט אויףביידע אויטאָס און הייסט זיינע זעלנער אַלץ אַרויסוואַרפען אויפ'ן הויף. זיי וואַרפען אַרויס אַלע וואַליזעס און פעקלאַך... דער המון וויל זיך וואַרפען אויף דעם רויב, אָבער דער פעלדפעבעל ערלויבט ניט און שרייט:

— רוהע! אָרדנונג! וואַרטען!

ער קוקט דורך אַלע זאַכען. מיין מאַנ'ס פּרעכטיגע בלוזע צו ווינטער־ספּאָרט, זיין פוטער, שיך און נאָך פיל מענער־זאַכען לעגט ער צוריק אַריין אין אויטאָ און ער גיט אַ צייכען אונזער שאָפער, אַז ער וועט עס איהם דאַרפען אָפּ־פיהרען... נאָכהער קלויבט ער אויס איין קאָלדרע, איין קישען, עטליכע ליילעכער, עטליכע קויטיגע העמדער, איין שלאָף־ראָק — און וואַרפט עס צו מיר, דערביי מורמעלט ער עפּעס וועגען דעם, אַז איך דאַרף געדענקען דייטשע גוטסקייט און גערעכטיגקייט.

דער המון ווערט אומרוהיג פון דעם פעלדפעבעל'ס ברייטהאַרציגקייט און ליאַרעמט:

— צופיל! צופיל!

דער נאַצישער רויבער טיילט יעדען אויס עפּעס פון זיין אייגענטום, הייסט עס אונז פאַרבינדען און שטעהן ביים פלויט, ווייל ער וועט באַלד דורכפיהרען „אַ גענויע פערזענליכע רעוויזיע".

דאַן זאָגט ער צו דער פאַרזאַמעלטער מאַסע:

— דאָס איבעריגע פאַר אייך!

די פויערטעס וואַרפען זיך פון אַלע זייטען אויף אונזער האָב און גוטס, ווי אַ באַנדע קראָעס באַפאַלט דעם קערפּער פון אַ געפאַלענעם. דער פעלדפעבעל שטעהט אין אַ זייט און קוקט מיט צופרידענקייט אויף די צעווילדעוועטע מענשען, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעקנוילט און שלאָגען זיך, כדי אַרויסצובאַקומען פאַר זיך דאָס בעסטע פון רויב. צוויי אַלטע פויערטעס שלאָגען זיך צוליב מיין מאַנ'ס אַ פּרעכטיגען סוועטער. יעדע ציהט צו זיך אַזוי שטאַרק, ביז דער סוועטער צע־רייסט זיך. איינע פון די גויה'ס באַטראַכט דעם צעריסענעם סוועטער, זי וויינט זיך פאַנאַנדער און פאַרקלאָגט זיך פאַר מיר:

— ווען וועל איך נאָך קענען האָבן אַזאַ סוועטער ? ! זעה, ווי זי האָט צע־ריסען מיין סוועטער !

— געהט ביידע צו אַלע כאָליערעס, רויבערינס ! — שלאָג איך איהר איבער דעם „נעבעכדיגען" געוויין. די אַלטע גויה פאַרשטעהט פאַרט, ווייזט אויס, אַז דאָס קלאָגען אין מיינע אויערען איז ניט אַזוי פּאַסיג, און זי טראָגט זיך שנעל אָפּ מיט דעם צעריסענעם מלבוש.

איך קוק זיך אַרום און אָטעם אָפּ עטוואָס פרייער. דער רויב־ספּעקטאַקעל איז שוין סוף־כל־סוף פאַרענדיגט... וואָס מיינט דער רוצח מיט זיין „פּערזענליכע רעוויזיע" ? וואָס קלערט ער נאָך ביי אונז צו געפינען ?

פּלוצלונג דערזעה איך, ווי אַ יונגע גויה מיט אַ שייגעצל דערנעהענטערען זיך צום פעלדפעבעל. די גויה ווייזט אָן אויף מיין אַלעקסאַנדערל און אויף איהר שייגעצל.

דער דייטש צעשמייכעלט זיך, הערנעהענטערט זיך צו מיין אינגעלע און זאָגט צו מיר באַפעהלעריש :

— זאָל ער אויסטאָן זיין מאַנטעל !

איך שווייג. אין טיפעניש פון מיין האַרץ וויינט עפּעס אַזוי שרעקליך... עס קלאָגט אַ קאַלטער האַרבסט־ווינט צווישען די בוימער פון דאָרפיש גאָרטענדעל... איך האָב דאָן אפילו קיין איין רגע ניט געקלעהרט וועגען דעם, אַז ערגעץ אין דעם קינד'ס מאַנטעלע איז איינגענעהט אונזער גאַנץ פאַרמעגען... איך וואָלט דאַן ניט בלויז אונזער גאַנץ פאַרמעגען אָפּגעגעבען, נאָר אַפילו מיין לעבען וואָלט איך אוועקגעגעבען, אַז מען זאָל מיין פיר־יאָהריגען זוהן ניט אָפּטאָן די שענדליכע חרפה אין דעם שרעקליכען פאַרברעכען אין יענעם פינסטערען טאָג פון האַרבסט.

— זאָל ער אויסטאָן זיין מאַנטעל ! — שרייט ווידער דער צעוויטעטער נאַצי צו מיר און צו מיין קינד.

— טאַ מאַיע ! טאַ מאַיע ! (דאָס איז מיינס ! דאָס איז מיינס !) — צעוויינט זיך פּלוצלונג מיין קליינטשיק אינגעלע, ביי וועלכען דאָס בלאָס דאָרפיש שייגעצל פּראָבירט אַראָפּציהען דאָס מאַנטעלע.

— טו איהם אויס זיין מאַנטעלע, אַז נישט וועל איך עס אַראָפּציהען ! — שרייט דער דייטש אַן אויפגעקאָכטער און ער געהט צו אַלעקסאַנדער'ן...

— אַוועק ! — האָב איך אויסגעשריען מיט אַזאַ שוידערהאַפט קול, אַז דער דייטש איז צוריקגעשפרונגען אַ דערשראָקענער און אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער.

איך האָב שנעל גענומען מיין קינד אויפ'ן האַנט, אַראָפּגעצויגען פון איהם זיין מאַנטעלע, געשליידערט עס דער גויה — דער מאַמען פון שייגעצל — אין פּנים אַריין אַזוי, אַז זי האָט זיך אין מאַנטעלע פאַרפּלאָנטערט, ווי אין אַ נעץ...

איך בין פלוצלונג געווארען רוהיג און איך האב איהר געזאגט אויף פויליש שטיל און קלאר:

— אויב איך וועל אפילו זיין אויף דעם צווייטען עק פון דער וועלט, וועל איך נאך דער מלחמה צוריקקומען, אויסזוכען דיין דארף און דיין באמע, און וועה דאן צו דיר, מאמע אויסוואורף!

— וואס רעדט זי? — האט זיך נאכגעפרעגט דער דייטשער פעלדפעבעל, אנווייזענדיג אויף מיר. ער האט געקאנט איינציגע פוילישע ווערטער, אבער ניט גענוג אויף צום פארשטעהן מיין ווארנונג.

קיינע פון די פויערטעס האט דעם דייטש ניט געענטפערט אויף זיין פראגע. זיי האבען שנעל איינציגווייז אנגעהויבען צו פארשווינדען איבער די דארפישע באטעס.

איצט האט אונז געדראהט די „פערזענליכע רעוויזיע", אבער אונזער שאפער איז צוגעגאנגען צום דייטש, געוויזען איהם אויפ'ן זייגער, אז עס איז שוין שפעט און איהם עפעס געבעטען. דער דייטש האט מסכים געווען צום שאפער'ס ווערטער און האט צו אונז אויסגעשריען:

— פארפלוכטע אידען, לאוס נאך רוסלאנד! — ער האט אונז גלייכצייטיג מיט א האנט-באוועגונג אנגעוויזען, אז א גלייכער וועג פיהרט צום גרעניץ.

מיר זיינען אלע שנעל ארויס פון דארפישען הויף. איך האב געטראגען אויף דער האנט מיין אינגעלע, און כ'האב מיט דער צווייטער האנט פארווארפען אויף דער פלייצע א קלומיק פון א קאלדרע, א קישען און אביסעל קויטיגע וועש, וואס איז געווען צוזאמענגעבונדען אין א ליילעך. נאך מיר איז געלאפען מיין טאכטערל, וועלכע האט געשלעפט די אפגעראטעוועטע האלב-ליידיגע וואליזקע.

אלע איבעריגע פון אונזער גרופע זיינען שנעל געלאפען פאראויס. איך מיט די קינדער האבען זיך מיט די לעצטע כחות געשלעפט אונטער זיי. ערגעץ פון א באטע איז ארויסגעפאהרען אויפ'ן שאסיי א פויערישער וואגען. אויפ'ן וואגען איז געזעסען א יונגער שייגעץ. דערזעהענדיג אונז, האט ער אויסגערופען:
— שטייגט אריין אין מיין וואגען, איך וועל אייך אביסעל אונטערפיהרען!

איניגע מינוטען זיינען מיר געפאהרען אין וואגען. איך האב אין וואגען אויסגעטאן מיין מאנטעל, אונטער'ן מאנטעל האב איך געטראגען א זשאקעטל. דעם זשאקעטל האב איך איצט ארויפגעצויגען אויף מיין קינד.

פלוצלונג איז אנגעפאהרען אן אויטא. פון אויטא איז ארויסגעשפרונגען דער נאצישער פעלדפעבעל. ער האט אפגעשטעלט דעם וואגען, ארויסגעכאפט די בייטש פון שייגעץ'ס האנט און איהם געשמיסען מיט דער בייטש איבער'ן פנים, אז בלוט האט געשטראמט. דער דייטשע האט דערביי ווילד געשריגען:

— זאָלסט ניט רחמנות האָבען אויף אידען! ווילסט ווייזען, אַז דו ביסט בעסער פאַר אַ דייטש?! אויף איך, פּאָליאַקען, וועלען מיר אויך ניט האָבען קיין רחמנות!

איך האָב שנעל צוזאמענגענומען די פּעקלאַך און די קינדער... ווידער האָבען מיר אָנגעהויבען לויפען צופוס. לאַנג־לאַנג האָט זיך געצויגען אונזער וועג. די זון האָט אָנגעהויבען פאַרגעהן.

פּלוצלונג האָב איך דערזעהן נעבען זיך אַ זעלנער מיט אַ רויטען שטערען אויפ׳ן היטעל... איך בין שוין אויף דער צווייטער זייט פון גרעניץ.

איך בין געפאַלען אויפ׳ן גראָז און האָב אָנגעהויבען הילכיג היסטעריש צו לאַכען, שפּעטער האָב איך זיך צעוויינט...

אַלעקסאַנדער אין דער היים און אין פּליטים־וועג

44

טויזנטער קינדער וואַנדערן איבער די וועגן

אויף ביאַליסטאָק געהט אויף אַ זוניגער האַרבסטיגער פריהמאָרגען. איך געה צוזאַמען מיט מיין פרוי איבער די פאַרבלאָטיגטע גאַסען און געסעלאַך אויף וועלכע עס זיינען נאָך ניט אויסגעטרוקענט געוואָרען די נעכטיגע און אייערנעכטיגע רעגענס. אין טייל ערטער שטעהען נאָך גרויסע פליוכעס וואַסער, וואו עס צעפינקעלט זיך די זון מיט גינגאָלד.

מיין פרוי טראָגט מיט זיך אַ קליין קוישעלע: אפשר וועט זי עפּעס באַקומען צו קויפען אין גאַס, ווייל מיר האָבען שוין צופיל אויסגענוצט די שפייז־רעזערווען פון בעריל דעם פישער . . . מיר געהען איבער די אומבאַקאַנטע פאַר אונז גאַסען און מיר שמועסען וועגען אונזערע וויימערדיגע פּלענער. מיר איז שווער פארצויגען מיין פרוי, אַז מיר זאָלען ווידער נעהמען דעם וואַנדער־שטאָק און געהן קיין ווילנע. מיין פרוי פיהלט זיך דאָ אין סאָוועטען־לאַנד גוט און זי אָטעמט פריי נאָך דעם נאַצישען תפיסה־רעזשים אין וואַרשע; אויך די קינדער זיינען נאָך מיד און אָפגעשוואַכט פון זייערע איבערלעבונגען אין דער באַלאַגערטער וואַרשע און אויף דעם נאַציש־סאָוועטישען גרעניץ. איך באַשליס אַלזאָ דערווייל ניט צו רעדען וועגען נייע וואַנדער־עטאַפּען.

מיר קומען אַרויס אויפ'ן פיש־מאַרק. צום ערשטען מאָל דערזעהען מיר בּיילע דער פישערקע, אונזער ליבער און גאַסטפריינדליכער בעל־הבית'טע, ווי זי שטעהט אין אַ בלויען גומענעם פאַרטוך איבער אַ באַליע פישלאַך צום פאַרקויפען. זי לויפט אונז אַנטקעגען, פיהרט אונז ביז איהר מאַרק־שטענדער און דערצעהלט וועגען אונז מיט שטאָלץ און ליבשאַפט צו די שכנות'דיגע מאַרק־אידענעס:

— אָט דאָס זיינען מיינע טייערע געסט, וועלכע איך האָב פאַר אייך אַזוי פיל מאָל דערמאָנט . . . אַ שאָד, וואָס זיי האָבען ניט געבראַכט אַהער מיט זיך זייער מלכות'דיג אינגעלע מיט די גאָלדענע לאָקעלאַך; ער שפּילט זיך מן־הסתם איצט אין שטוב מיט מיין בחור'ל, זיי האָבען זיך ליב ווי ס'חיות!

עס קומט אָן בעריל דער פישער און מיט איהם נאָך עטליכע פישערס. איינער פון זיי, אַ ברייט־פלייציגער און הויכגעוויקסיגער, קלאַפּט מיר גוטברודעריש איבער דער פלייצע און זאָגט:

— מיר קומען איצט פון א פארזאמלונג. מען הייסט אונז שאפען א פישער־קאאפעראטיוו, אוים מיט פריוואטען האנדעל! מיר וועלען אייך געבען א פאסטען פון א שרייבער אין אונזער קאאפעראטיוו. אז איהר האט געקאנט שרייבען ביכער, קענט איהר זיכער אויך פיהרען ביכער . . .

מיר פארלאזען די פיש־האלע און קומען ארום אויפ'ן גרויסען מארק, וואס איז איבערפולט מיט פליכטלינגען, וועלכע שטעהען און האנדלען. נעבטען אדער אייערנעכטען אריבער דעם גרעניץ, און מען האנדעלט שוין . . . ניטא קיין זאך וואס מען זאל דא ניט באקומען, אויסער עסענווארג. די „גליקליכע" פליכטלינגען, וועלכע מען האט ניט בארויבט אויפ'ן גרעניץ פון נאצישען פוילען, פארקויפען דא ביסלאכווייז אוים זייערע לעצטע העמדער, ליילאכער, די בעסערע מלבושים און שיך. זיי טוישען אוים זייער לעצט ביסעל פארמעגען אויף א מאגער טעלערל גריץ, אויף א קלעפיגען שווארצען לאבען ברויט, אויף א געלעגער ערגעץ אין א ווינקעל פון א שמוציגען דיל . . . און פיל שווערער, ווי עס איז צו פארקויפען דאס לעצטע ביסעל ארימקייט, איז צו באקומען עפים פאר די עטליכע זלאטעס אדער רובעלס: פיל שעה'ן מוז דער ארימער פליכטלינג זוכען אן ארט אויף אפצוקאכען אביסעל גריץ, פארטאג מוז מען זיך שטעלען אין דער רייהע אויף צו באקומען ביים בעקער דאס שווארצע שטיקעל ברויט, גאנצע טעג זוכט מען אן ארט אויף איבערצונעכטיגען אין דעם איבערפולטען מיט פליכטלינגען ביאליסטאק.

דער מארק ווימעלט און שווימעלט פון קויפערס און פארקויפערס: די פרייזען שטייגען פון מינוט צו מינוט. טייל פליטים האבען שוין צום צווייטען און צום דריטען מאל אפגעקויפט צוריק זייער אייגען העמד, מען פארקויפט עס ווידער מיט „געוואלדיגען" פארדינסט, אבער איז אווענט איז דער נאכטלעגער פיל טייערער ווי געווען נעכטען, דער פרייז פון ברויט איז פילפאכיג געשטיגען . . .

צווישען דעם המון פון קויפער און פארקויפער געהען ארום רויט־ארמייער. זיי זיינען פארבליפט פון דעם פארשידענארטיגען אויסוואהל פון וועש, מלבושים און שיך — אזא עשירות האבען זיי נאך אין זייער לעבען ניט געזעהן . . . מיט די גרעסטען אינטערעס באטראכטען זיי די פארגעלעגטע זייגערלאך, פולפעדערס און צינדערלאך. זייערע געזיכטער פלאמען פון באוואונדערונג, זיי שטויסען איינער דעם צווייטען מיט די פויסטען און רופען התפעלות'דיג: „אזא קליינינקע זאך, און פארמאגט אזוי פיל חכמה!"

מיר געהען ווייטער און עס פארהאלט אונזער אויפמערקזאמקייט א פארבי־טערטער געשלעג פון צוויי אפגעריסענע און בארוויסע אידישע אינגלאך. מיר קוקען זיך צו. דאס ארט איז אפגעזונדערט פון גרויסען מארק און ס'איז דא קיינער ניטא, אויסער אונז און די צוויי קעמפענדע אינגלאך. איך דערקאן זיי: דאס זיינען קינדער פון דער ווארשעווער ארימקייט, וועלכע זיינען פלוצלינג געווארען אויסגעשפיגען אין דער ווייטער און פרעמדער שטאט ביאליסטאק. איך

פלעג באגעגענען ממש די אינגלאך, אדער צעהנדליגער עהנליכע צו זיי, אין מיין וועג דורך די ארימסטע ווארשעווער גאסען — סמאטשע, אסטראווסקי, סטאווקי... ווי אזוי קומען זיי אהער און פארוואס שלאגען זיי זיך אזוי פארביטערט? . . . איך וויל איבעררייסען זייער געשלעג און אויספרעגען זיך, וואס פאר א גורל עס האט זיי אזוי ווייט פארווארפען, אבער מיין פרוי ציהט מיך אוועק: זי האט מורא, ווייזט אויס, אז מיין נייגעריגקייט זאל ניט באלוינט ווערען מיט א קלאפ...

דער געשלעג פון די אינגלאך ווערט פון רגע צו רגע צארנדיגער, זייערע צעריסענע מלבושים ווערען נאך מעהר צעפליקט און אנטפלעקען הוילע לייבער, פון זייערע אויסגעדארטע געזיכטער פליסט בלוט . . . דער פארביסענער קאמף פוןביידע אינגלאך, וועלכע קוילערען זיך אפט איבער דער בלאטיגער ערד, ווערט בלוצלונג פארענדיגט אויף אן אומגעריכטען אופן: איבער דער גאס, נאהענט פון דעם „שלאכט־פעלד“, געהט דורך א מחנה פוילישע געפאנגענע, זיי שלעפען קוים קוים די פיס, אויסגעהונגערטע און פארמאטערטע, מען פיהרט זיי צום באהן. דער קלענערער פון ביידע ווארשעווער „יאטען“ שטויסט אפ פון זיך דעם קעגנער מיט'ן גאנצען כוח, לויפט ביז דער מחנה פון געפאנגענע, נעהמט עפעס ארויס פון אונטער'ן בוזעם און ווארפט עס צו זיי. איין געפאנגענער כאפט עס אין דער לופטען, טיילט זיך דערמיט מאמענטאל מיט א געפאנגענעם, וועלכער געהט נעבען איהם, ביידע שיקען לופט־קושען צו די אינגלאך און הויבען אן עסען די מתנה — א גרויסען געלען מייער . . .

ביידע אינגלאך שליסען צוריק שלום, ווייל עס איז פארשוואונדען די סיבה פון זייער מלחמה — דער מייער, וואס איינער פון זיי האט געפונען אין בלאטע.

— העי, קינדער! — רוף איך צו זיי. ביידע אינגלאך קוקען אויף מיר בייז, אבער זעהענדיג, אז איך נעהם ארויס פון טאש א בייטעלע, דערנעהענטערען זיי זיך צו מיר און צו מיין פרוי.

— פון וואנען זייט איהר, אינגלאך?

— פון ווארשע.

— איהר זייט ברידער? — פרעג איך ווייטער, כדי אנצוקניפען מיט זיי א געשפרעך.

— ניין, ניט קיין ברידער, נאר געוועז צוזאמען פינף יאהר אין איין יתומים־הויז — דערקלערט מיר דער אינגערער פון זיי, וועלכער האט מיט א מינוט צוריק אוועקגעשאנקען זיין מייער צו די געפאנגענע — נעכטען האט מיין חבר פאר מיר אויסבאהאלטען עסען, וואס ער האט באקומען, האב איך היינט געוואלט פאר זיך נעהמען דעם מייער, וואס איך האב געפונען.

— פארוואס האט איהר פארלאזט ווארשע?

דער עלטערער אינגעל ענטפערט זאכליך און געלאסען, ווי ער וואלט דער־צעהלט עפעס נאטירליכעס:

— איך האָב ניט קיינעם אין וואַרשע. מיין חבר האָט געהאַט אַ מאַמע, איז זי אומגעקומען אין אַ קעלער בשעת דער באָמבאַרדירונג. ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז זיין מאַמע׳ס שטוב איז איינגעפאַלן, זיינען מיר ביידע אַנטלאָפן פון יתומים־הויז, און באַטש באַמבעם זיינען געפאַלן פון הימעל, האָבן מיר אָהן אויפהער געגראָבן צווישן די חורבות, אָבער מיר האָבן זיין מאַמען ניט גע־פונען . . . זיין מאַמע איז געווען שטענדיג אויך פאַר מיר ווי אַ מאַמע; יעדען שבת פלעגן מיר ביידע קומען צו איהר צוגאַסט אויף איניגע שעה, און זי איז פאַר אונז געווען אַזוי גוט . . . זיינען מיר צוריקגעגאַנגען אין יתומים־הויז, אָבער ס׳איז דאָרט ניט געווען וואָס צו עסען... אַז די דייטשען זיינען אַריינגעקומען קיין וואַרשע, האָט מען געזאָגט, אַז מען וועט אונז נעהמען אויף צוואַנגס־אַרבייט — און מיר זיינען געווען הונגעריג — און זיין מאַמע האָט ניט געלעבט — זיינען מיר אַנטלאָפען אַהער... טויזענטער אינגלאַך און מיידלאַך, קינדער אָהן טאַטעס און מאַמעס, האָבן מיר באַגעגענט אין אונזער וועג . . . הונדערטער זיינען שוין דאָ אין ביאַליסטאָק, טויזענטער וועלען נאָך אָנקומען . . . און מיין חבר איז טאַקי נערעכט: איך האָב ניט באַדאַרפט נעכטען אויסבאַהאַלטען פון איהם מיין שטיקעל ברויט, איך בין געווען אַ חזיר. אָבער איך וויל ניט, אַז אויך ער זאָל זיין אַ חזיר, וואָס וויל ניט טיילען זיך מיט אַ חבר. גאַנץ גוט וואָס עס זיינען אָנגעקומען די געפאַנגענע און ער האָט זיי אָוועקגעגעבן דעם מייער! איך וואָלט איהם ביז טויט צעשלאָגען, ווען זיי קומען ניט אָן; איך בין עלטער פון איהם, ער האָט ניט קיין מאַמע, מוז איך איהם דערציהען!

איך האָב די אָרימע אינגלאַך געגעבן אַ רובעל.

— נאָר געדענקט, טיילט זיך אייך גערעכטיג און זייט ניט קיין ,,חזירים״!

— זאָג איך זיי אָן אין זייער לשון.

— האָ, האָ! האָט ניט קיין מורא, איך וועל איהם שוין ווי געהעריג דערציהען!

— פאַרזיכערט מיר דער עלטערער אינגעל.

ביידע אָרימע קינדער זיינען צופרידענע אָוועקגעגאַנגען קויפען עפּעס צום עסען.

איך האָב זיי לאַנג טרויעריג נאָכגעקוקט און אין מיין מוח האָט געעגבערט דער געדאַנק:

טויזענטער אידישע קינדער וואַנדערען איבער די וועגן . . . דער הונגער און די נויט, דער נאַצישער פויסט און די שמוציגע גאַס, זיינען זייערע דער־ציהער. וואָס וועט אויסוואַקסען פון אַזאַ דור? וואָס וועלען זיי ברענגען דעם אידישען פאָלק און דער מענשהייט?!

45

מיר „וועהלען״ אונזערע פארשטעהער

די גאסען פון ביאליסטאק זיינען איבערפולט מיט מענשען. פון אלע זייטען הערען זיך טענער פון מיליטערישע ארקעסטערס. קינדער פאהרען ארום אויף טראקס און זינגען פרעהליך. די הייזער זיינען דעקארירט מיט רויטע פענער. איבער דער גאנצער ברייט פון די גאסען הענגען ריזיגע רויטע טראנספארענטען מיט גאלדענע אדער ווייסע אויפשריפטען אין פיר שפראכען: רוסיש, ווייס־רוסיש, פויליש און אידיש. די טראנספארענטען פארזיכערען צו אלע בירגער, אז זיי וועלען האבען אונטער׳ן סאוועטישען רעזשים די מעגליכסטע פרייהייטען: פרייהייט פון פארזאמלונגען, פון פרעסע, פון געוויסען . . . אלע בירגער ווערען גערופען אנטייל צו נעהמען אין די וואהלען צו דער פאלקס־פארשטעהערשאפט פון ווייס־רוסלאנד, די וואהלען וועלען זיין גלייכצייטיג ווי א פלעביסציט און וועלען באווייזען, צי באשטעהען די איינוואוינער פון געוועזענעם פוילען אנצושליסען זיך אין דער סאוועטישער מלוכה . . . די העכסטע פרינציפען פון דעמאקראטיע ווערען פאר־ווירקליכט אין סאוועט־רוסלאנד און יעדער בירגער קאן מיטהעלפען צום באשטי־מען דעם גורל פון זיין לאנד . . .

„נעהמט אלע אנטייל אין די וואהלען!״ — שרייען פלאקאטען אראפ פון די ווענט. אויפ׳ן שטאט־ראט הענגען גיגאנטישע פארטרעטען פון לענינ׳ען און סטאלינ׳ען. נעבען זיי הענגט א בילד, וואס שטייגט אריבער מיט זיין גרויסען מאסשטאב די גרעסטע בילדער, וואס איך האב אין מיין לעבען געזעהן; דאס בילד שטעלט פאר אן ארבייטער מיט א האמער און א פויער מיט א סערפ, וועלכע דריקען זיך ברודערליך די הענט און גלייכצייטיג טרעטען זיי מיט די פיס ליליפוטישע טיפען פון בורזשויען, גלחים, רבנים און פוילישע גענעראלען.

גרופעס פון אינגלאך און מיליציאנערען געהען פון הויז צו הויז און רופען: „חברים, בירגער, געהט צו די וואהלען!״ אפילו פליכטלינגען, וועלכע זיינען אט איצט אנגעקומען, האבען דאס רעכט (אדער ריכטיגער: זיינען מחויב) צו וועהלען. אפט קומט מען איינינגע מאל אין דעם זעלבען הויז רופען צו די וואהלען. די לאזונג איז: „בעסער וועהלען איינינגע מאל, ווי קיין איין מאל ניט!״ אפזאגען זיך פון אנטייל אין די וואהלען איז פארבונדען מיט סכנות.

איך און מיין פרוי ווערן איינינג מאל גערופן צו די וואהלן. מיר פאר־שטעהן, אז אנדערש איז ניט מעגליך און מיר געהען אריין אין וואהל־ביורא. אין ערשטן צימער זיצן אייניגע אידישע און פוילישע אינגלאך. עס קומט זיי שווער אז דאס לייענען די ליסטע פון די וועהלער. זיי לייגען אונז פאר, אז מיר זאלן אליין אויסזוכן אונזערע נעמען אין דער ליסטע, און אויב מיר וועלן ניט געפי־נען אונזערע נעמען — זאלן מיר זיך אליין אריינשרייבן, ווייל מיר וואוינען נאהענט און מיר געהערן „מן הסתם" צו דער וואהל־ביורא. איך געפין ווירקליך מיין נאמען און מיין פרוי'ס נאמען אויף דער ליסטע (מיט א טאג פריהער האט מען גענומען איז אונזער הויז די רשימה פון איינוואוינער). איך וואונדער זיך אבער שטארק, ווייל איך באמערק, אז סיי ביי מיין נאמען און סיי ביי מיין פרוי'ס נאמען איז אנגעצייכענט א קרייצעל אלס סימן, אז מיר האבן שוין געוועהלט... די באאמטע פון וואהל־ביורא גלויבען אונז אויפ'ן ווארט, אז מיר האבן נאך ניט געוועהלט און זיי הייסען אונז אריינגעהן אין צווייטען צימער וועהלען.

— ווי אזוי וועהלט מען? — בעט איך אינפארמאציעס ביי די באאמטע.

זיי קלערן מיר אויף:

— די וואהלען זיינען שטרענג־געהיימע און דעמאקראטישע. איהר וועט ביים ערשטען טיש פון צווייטען צימער באקומען א געדרוקטען וואהל־צעטעל מיט א קאנווערט, דאן וועט איהר אריינגעהן לינקס אונטער'ן פארהאנג און עס אריינ־ווארפען אין וואהל־אורנע. געדענקט, אז די וואהלען זיינען געהיימע!

איך און מיין פרוי געהען אריין אין צווייטען צימער. מען האט אונז געגעבען וואהל־צעטלען און געהייסען זיי אריינלעגען אין א קאנווערט. איך האב נאר באוויזען צו באמערקען דעם אויפגעדרוקטען נאמען פון קאנדידאט, וועגען וועל־כען איך האב צופעליג געוואוסט, אז ער איז א דירעקטאר פון א אידישיסטישער פאלקס־שולע.

נאך דעם אריינלעגען פון וואהל־צעטעל אין קאנווערט, האט זיך אנגעהייבען דער דעמאקראטישער און געהיימער אקט פון וועהלען — יעדער האט זיך אויף א סעקונדע געשטעלט אונטער'ן פארהאנג ביים וואהל־קעסטעל און אריינגעווארפען זיין שטימע.

מעהר קיין קאנדידאטען און מעהר קיין ליסטעס זיינען דא בכלל ניט געווען. אזוי האט יעדער באצירק שוין געהאט זיין צוגעגרייטע ליסטע . . . דער דעמאַ־קראטישער פרינציפ פון „געהיימע, דירעקטע און פראפארציאנעלע" וואהלען איז געווען אפגעהיט געווארען . . .

דער רעזולטאט פון די וואהלען איז געווען אז אימפאזאנטער: עטליכע ניינציג פראצענט פון אלע שטימען אין ביאליסטאק האט באקומען די „פאראיי־ניגונג פון אומפארטייאישע און קאמוניסטען"; די איבעריגע ליסטעס (וואס זיי־נען ניט געווען און ניט געקאנט זיין) האבען קיין שטימען ניט באקומען.

אויפ'ן סמך פון די דאָזיגע געהיימע וואַהלען אין דעם דאָזיגען אַלגעמיינעם פּלעביסציט זיינען די פאַרנומענע געביטען געוואָרען איינגעגלידערט צום סאָוועטישען פאַרבאַנד.

גאַנץ ביאַליסטאָק איז געווען באַדעקט מיט אויפרופען, מיט אומזיסטע צייטונגען און מיט בראָשורען, וואָס האָבען אריינגעקנעלט אין דעם עולם די דינים פון עכטער דעמאָקראַטיע און פרייהייט . . . דער עולם האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געשוויגען.

עס זיינען ארומגעגאנגען קלאַנגען, אַז די מאַכט איז זעהר ניט צופרידען פון די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען צווישען דער באַפעלקערונג, אַז נאָך די וואַהלען וועלען זיך אָנהייבען שטרענגע רעפּרעסיעס. אַלע פּאַרטייען און קולטור אינסטיטוציעס זיינען געוואָרען אויפגעלעזען, אָבער די געוועזענע פּאַרטיי־טוער, סיי צווישען די אַלט־געזעסענע איינוואוינער, סיי צווישען די פּליכטלינגען, ווערען זאָרגפעלטיג אָבסערווירט. מענשען מיט פּאָפּולערע נעמען פיהלען זיך ניט זיכער און זיי פאַרשווינדען פון שטאָט, אַריבערטראָגענדיג זיך אין קלענערע שטעטלאך אָדער קיין ווילנע, וואו עס דאַרפען בקרוב אריינקומען די ליטווינער און פאַרנעהמען דעם אָרט פון די סאָוועטען.

איינינע טעג נאָך די וואַהלען האָבען זיך ווירקליך אָנגעהויבען אַרעסטען.

46

אויף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג

איך געה ארויף צו מיין פריינד, דעם לעהרער ח., אָבער אויף די טרעפּ שטעלט מיך אָפּ אַ יונגער בחור און פרעגט:

— איהר געהט צו ח.?

— יאָ.

— געהט צוריק. אין זיין וואוינונג קומט איצט פאָר אַ רעוויזיע.

דער יונגער בחור קאָן מיך, ווייל ער איז אַ שילער אין דער געוועזענער העברעאישער גימנאַזיע און ער האָט מיך דאָרט איינינגע מאָל געזעהן אַלס גאַסט. פון דער גימנאַזיע זיינען, קעגען דעם בפירוש'ן ווילען פון די עלטערען, דער־ווייטערט געוואָרען אַלע העברעאישע לימודים און עס האָט זיך אָנגעהויבען די איינפלאַנצונג פון „נייעם גייסט".

— וואָס איז פלוצלונג געשעהן? — פרעג איך דעם שילער, געפינענדיג זיך צוזאַמען מיט איהם אין אַ שטיל זייטיג געסעלע.

— ביי אונז אין גימנאַזיע געהט אָן אַ העברעאישע און ציוניסטישע אַרביים. עס דערשיינען העברעאישע אויפרופען און אַ העברעאישע צייטונג, וואָס ווערט געשריבען מיט דער האַנט און שפּעטער אָפּגעצויגען אין פיל קאָפּיעס אויף אַ וואַקס־מאַשינדעל. מיר זאַמלען אפילו געלד אויף קרן קימת. אַלץ ווערט דער־ווייל געטאָן אָהן דער הילף און כמעט אָהן דעם וויסען פון די געוועזענע העברע־אישע לעהרער, ווייל זיי אַרבייטען ווייטער אין אונזער שולע און מיר ווילען ניט זיי ברענגען אין אַ פאַרלעגענהייט אָדער אַ סכנה . . . צווישען זיך ריידען מיר איצט מעהר העברעאיש ווי אַמאָל, אויף די פויזעס זינגען מיר אָפּט העברעאישע לידער און טאַנצען פּאַלעסטינער האָראַס. אַמווייניגסטען רעכענען מיר זיך מיט די צוגעקומענע נייע לעהרער: מיט די פאַרברענטע קאָמוניסטען. זיי פריידיגען אויף יעדער לעקציע דעם באָלשעוויזם — מיר רוישען, וואַרפען פּאַפּירלאַך, שנייצען הויך די נעזער, טופּען מיט די פיס. אַז אַזעלכע לעהרער קומען אריין אין קלאַס, געפינען זיי שוין אָנגעשריבען אויפ'ן טאָוועל, וואָס מיר קלערען וועגען זיי און זייער „תורה" . . . זעהר שטורמיש פיהרט זיך אויף דער אַמאָליגער קלאַס פון לעהרער ח. אין באַצוג צו זייער נייעם לעהרער, וועלכער איז אַ שונא־ציון

און אַ העברעאיש־פּראָפעסאָר. זיינע היינט געקומען אין שול אריין צוויי ציווילע אַגענטען פון די „פיר אותיות״ (געמיינט: נ. ק. וו. ד. — נאַראָדני קאָמיטעט וונוטרעניך דיעל — רויטע געהיים־פּאָליציי), זיי האָבן דעם לעהרער ה. אַרויס־געבעטען און זיי זיינען צוזאַמען מיט איהם פאַרשוואונדען געוואָרען . . . האָבען חברים מיך אַהער געשיקט, אַז איך זאָל זיך דערוויסען, וואָס עס הערט זיך מיט אונזער לעהרער. האָב איך באַמערקט, אַז דאָרט איז אַ רעוויזיע, צוריקגעצויגען זיך און אייך אויך געוואָרענט . . .

— צי איז דער לעהרער ה. איצט דאָ ביי זיך אין שטוב? — פרעג איך מיין יונגען באַקאַנטען.

— איך ווייס ניט. אַז איך בין צוגעקומען צום טיר האָט זי זיך פּלוצלונג געעפענט און איך האָב באַמערקט אינווייניג מיליציאָנערען מיט רויטע בענדער אויף די אָרימס. איך בין גלייך געגאַנגען מיט אַ שטאָק העכער, און ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, בין איך צוריק אַראָפּגעגאַנגען . . . קומט היינט פאַר מנחה אין דער גרויסער שוהל אריין. אַ סך פון אונז האָבען לעצטענס אָנגעהויבען צו קומען מנחה־צייט אין שוהל אריין. דערוויל שטערט מען עס ניט. פאַרגעסט ניט צו קומען — און דער בחור שמייכעלט צו מיר געהיימניספול.

איך געה אַרויף אין פאָראַיין פון די לעהרער־פליכטלינגען. דאָרט רוישט ווי אין אַ ביהנשטאָק. טייל שעפּטשען שטיל צעשראָקענע אין די ווינקעלאַך, אַנדערע דעמאָנסטרירען הויך זייער צופרידענהייט, אַז מען האָט ענדליך אָנגעהויבען „רייניגען״ די שולעס. פון די דערצעהלונגען ווייזט זיך אַרויס, אַז מען האָט אין פאַרלויף פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט און פון היינטיגען פריהמאָרגען פאַרהאַלטען אַ סך לעהרער פון אידישע און פוילישע שולעס; טייל זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין דערהיים, אַנדערע האָט מען אַרויסגעפיהרט פון שולע; עס זיינען אויך אַרעס־טירט געוואָרען אייניגע עלטערע שילער פון פוילישע גימנאַזיעס.

פאַרנאַכט קום איך אין שוהל אריין. דאָרט געפינט זיך מיין באַקאַנטער־דער שילער פון דער העברעאישער גימנאַזיע, און ער מעלדעט מיר צוויי זאַכען: ערשטענס — דער לעהרער ה. איז שוין באַפרייט, צווייטענס — אין שוהל איז היינט דאָ פיל פאַרדעכטיגע פליכטלינגען און זיינע חברים זאַמלען זיך צוניף „דאַוונען מנחה״ אין אַ קליינעם קלויז אויף אַ זייטיג געסעל. מיר געהען אַהין צוזאַמען.

אין קלויז האָבען זיך פאַרזאַמעלט אַרום אַ לאַנגען טיש בערך צעהן־צוועלף עלטערע שילער פון גימנאַזיעס און ליצעאומס (הויכשולען). ווען מיר קומען אריין, רייסען זיי איבער אַ העברעאישע לעקציע, וואָס איין בחור האָט געהאַלטען פאַר זיינע חברים: ער האָט פאַר זיי געלייענט דוד פרישמאַנ׳ס אַ ערצעהלונג „די לעצטע שעה״, אַ היסטאָרישע נאָוועלע וועגען אידישע אינגלאַך, וועלכע האָבען זיך צום לעצטען מאָל פאַרזאַמעלט, כדי צו לערנען אידישקייט, ווייל די גריכען

האבן פארבאטן צו ריידן העברעאיש און צו לערנען די תורה . . . איך זעה באשיינפערליך, אז די געשיכטע פון אידישער מארטיראלאגיע און פון שווערן בלוטיגן קאמף פאר אן אייגענע קולטור האט אנגעצונדען ענטוזיאזם אין זייערע יונגע אויגן און הייסע הערצער.

דער שילער, וועלכער האט מיך אריינגעפיהרט אין קלוב, שטעלט מיך פאר פאר זיינע חברים. איך באמערק, אז אלע זיינען טיעף געריהרט. איך זאג זיי אייניגע ווערטער: איך בעט, אז זיי זאלען ניט זיין בייז אויף זייערע העברעאישע לעהרער, וועלכע זיינען געבליבען ארבייטען אין דער פרעמדער שולע: „אלע, איהר און אייערע העברעאישע לעהרער, זייט אנוסים, ווי די פארבארגענע אידען־מאראנען אין אמאליגען שפאניען; זייט פארזיכטיג מיט אייערע מעשים, אבער זאגט זיך ניט אפ פון אייער אידישקייט — היט אפ דעם פונק וואס גליהט אין אייער הארץ און גלויבט, אז צווישען אלע נאציאנאלע קולטורען, וואס ענטוויקלען זיך אין סאוועטען־פארבאנד, וועט אויך סוף־כל סוף די העברעאישע קולטור ווידער דערוואַרבען דעם געהעריגען פלאץ. אין סאוועט־רוסלאנד זיינען אידען פולשטענדיג גלייכבארעכטיגט, איז אבער דארט אלס פארשאלטענע ירושה פון דער יעווסעקציע געבליבען דער האס צו העברעאיש . . . די מלחמה איז איצט ביים סאמע אנהויב, בלויז קארגע צוויי מאנאטען פון איהר אויסברוך. זעהר פיל וועט זיך נאך ענדערען אויף דער וועלט; דער היינט איז ניט עהנליך צום נעכטען, דער מארגען וועט זיכער זיין נאך בלוטיגער פאר דעם היינט, אבער דער איבערמארגען וועט ברענגען א נצחון דער דעמאקראטיע און דער גערעכטיגקייט. נאך יענער וועלט־מלחמה זיינען פאר אונז פארלוירען געווארען אייניגע מיליאן רוסישע ברידער, וועלכע מען האט אפגעטיילט פון אלע אידען אין גלות און אין ארץ ישראל מיט א דיקען מויער; אפשר וועט די איצטיגע וועלט־מלחמה אונז צוריקגעבען די גרויסע אבידה — אין אן אויפריכטיגער דעמאקראטישער וועלט וועלען די רוסישע אידען צוזאמען מיט דעם גאנצען אידענטום ווידער בויען אונזער נאציאנאלע היים און אייגענע קולטור. מיר מוזען זיך אבער אלע באוואפענען אויף א לענגערע צייט מיט צוויי מינים געוועהר: מיט **געדולד און עקשנות**“.

נאך מיין קורצער רעדע, גיט איבער איינער פון די בחורים א באריכט וועגען די ראדיא־טראנסמיסיעס פון ירושלים, וואס ער האט געהערט די לעצטע דריי אווענדען. נאך דעם באריכט ווערט באשלאסען, אז אלע זאלען ברענגען אין קלוב אריין זייערע העברעאישע לעהר־ביכער און מען וועט זיי שוין דא געהעריג אויס־באהאלטען און אויסנוצען. נאך א לאנגער דיסקוסיע ווערט אויך באשלאסען ניט שטערען מעהר בשעת די לעקציעס אין שולע און רעאגירען בלויז אויף די שאר־פערע ווערטער פון די קאמוניסטישע לעהרער, אבער זיי ניט פארטשעפען; אין קאמוניסטישען „פיאנער“ און אנדערע קאמיוגען זאל קיינער ניט אריינטרעטען; ריידען צווישען זיך העברעאיש; האלטען אין געהיים דעם ענין פון די פארזאמ־

לונגען, אפילו פאַר די אייגענע עלטערען; שאַפען וואָס מעהר קרייזען; ווירקען, אַז עס זאָלען געשאַפען ווערען אויך מיידעלשע קרייזען; אַננעהמען וואָס מעהר לעקציעס פון העברעאיש פאַר אַנפאַנגער און לערנען זיי אפילו אומזיסט.

דער ערשטער אומלעגאַלער קרייז פון עלטערע ציוניסטישע שילער־העברעער האָט זיך פון דאַן אַנגערופען מיט דעם באַדייטונגספולען ראָמאַנטישען און טראַגישען נאָמען „אנוסים”.

ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיגט, איז פאַר מיר פלוצלונג געוואָרען אַבסאָלוט קלאָר, אַז איך וועל ניט קאָנען בלייבען זיצען אין ביאַליסטאָק מיט פאַרלעגטע הענד אָדער גאָר אָננעהמען ארבייט אין אַ סאָוועטישער שולע.

ווען איך בין געקומען אַהיים האָב איך דערצעהלט מיין פרוי וועגען דער קליינער פאַרזאַמלונג איז קלויז און וועגען מיינע פאַרשידענע העברעאישע פלעַ־נער אין סאָוועטישען ביאַליסטאָק . . . זי האָט שוין געוואוסט וועגען די אַרעס־טען אין פאַרלויף פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט און האָט ענערגיש דערקלערט:

— מיר זיינען שוין גענוג געפראוווט געוואָרען . . . מיר פאָהרען מאָרגען קיין ווילנע, אפשר וועלען די ליטווינער דאָרט ווירקליך אַריינקומען און מיר וועַ־לען פטור ווערען סיי פון די נאַצים און סיי פון די באָלשעוויקעס.

איך האָב מסכים געווען, אַז עס איז ניטאָ פאַר אונז קיין אַנדער אויסוועג. מיר האָבען באַשלאָסען באַלד געהן צום באַהן און זיך דערוויסען ווען עס וועט מאָרגען אָוועקגעהן אַ צוג קיין ווילנע.

47

פֿליכטלינגען אויף דעם ביאַליסטאָקער וואָגזאַל

דער שעהנער וואָגזאַל אין ביאַליסטאָק איז פֿאַרבלאָטיגט און קויטיג. אַלע זאַלען זיינען איבערפֿולט מיט פֿליכטלינגען — פֿרויען און מענער, קינדער און זקנים. טייל פֿון זיי וואַרטען אויף צוגען, וואָס וועלען זיי אַוועקפֿיהרען ערגעץ ווייטער אין די קלענערע שטעטלאַך: אפֿשר האָפֿען זיי דאָרט צו געפֿינען אַרבייט און אַ דאַך איבער'ן קאָפּ, אפֿשר האָבען זיי דאָרט קרובים אָדער פֿריינט, וועלכע וועלען זיך דערבאַרימען איבער זייער היימלאָזיגקייט און הילפֿסלאָזיגקייט. די מעהרהייט פֿון די פֿליכטלינגען וואַרט אָבער אויף גאָרניט — דער וואָגזאַל איז ניט בּיי זיי אַן אָרט פֿון וואַנען מען פֿאָהרט ווייטער: דאָ איז זייער וואוינונג, דאָ ליגען זיי האָפֿנונגסלאָז בּייטאָג און בּיינאַכט און זייערע אויסגעלאָשענע אויגען וואַרטען אויף גאָרניט . . .

די יונגע מענער לויפֿען יעדען אין דער פֿריה אין אַרבייטס־אַמט. אויב עס גליקט זיי, באַקומען זיי אין דער האַנט אַריין אַ לאָפּאַטע און זיי געהען עטליכע מייל אונטער ביאַליסטאָק גרייטען זאַמד־שליאַכען פֿאַר פֿרישע בּרייטע רוסישע רעלסען אויף דער נייער אייזענבּאַהן־ליניע, וואָס וועט פֿאַרבּינדען ביאַליסטאָק מיט דער גרויסער „מוטערל רוסלאַנד". אויב מען אַרבייט אַ גאַנצען טאָג, געהט מען שוין ניט דעם צווייטען טאָג צו דער אַרבייט, ווייל מען מוז האָבען אַ גאַנצען טאָג צייט אויף אויסצוגעבען די פֿאַרדינטע עטליכע רובּעל, שטעהענדיג אין די לאַנגע רייהען, אום צו באַקומען עסענוואַרג. אויף צום דינגען ערגעץ איז שטאָט אַ ווינקעל פֿון אַ דיל סטייען ניט די „פֿאַרדינסטען", וואָס זיינען אַזוי צופֿעליג. צעהנדליגער טויזענטער פֿליכטלינגען מאַכען פֿול יעדען טאָג די קאָרידאָרען פֿון דער „אַרבייטס בּערזע", כדי אויסצוטוישען זייער שוויים אויף אַ טרוקען שטיקעל בּרויט, אָבער אַרבייט איז דאָ ווייניג; פֿאַרצוג ביים באַקומען אַרבייט האָבען אייגענע ביאַליסטאָקער אַרבייטסלאָזע און ניט פֿרעמדע פֿליכטלינגען, וועלכע דער בּייזער רוח האָט אַהער אָנגעטראָגען פֿון אַלע חרוב געוואָרענע שטעט און שטעטלאַך.

אין די פֿריהמאָרגענס לויפֿען אַרויס די יונגע מענער פֿון זייערע נאָרעס און וואָגזאַל־דירות, כדי צו פֿאַרקויפֿען פֿאַר בּרויט זייערע מוסקולען; אין די פֿאַרנאַכטען טראָגען אָרימע פֿרויען אַרויס זייערע אויסגעדאַרטע קערפּערס צום פֿאַרקויפֿען

זיי אויף די בענק פון די פינסטערע בולוואַרן און אין די ווינקעלאַך פון טונקעלע גאַסן און הויפן.

די מערהייט פון דער ערשטער פּליטים־מאַסע, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון פּוילן אײדער די דײַטשן זענען דאָרט אַרײַן, האָט אָפּגעהיט אַ הויכע מאָראַליש און גײַסטיקע ניוואָ, ווײַל די אַנטלאָפֿענע האָבן זיך רעקרוטירט פון געזעלשאַפטלעכע טוער, פּאַטריאָטישער יוגנט און פאַרמעגלעכע שיכט. דער נײַער שטראָם פון מענטשן, וועלכע זײַנען אַנטלאָפֿן פון זייערע היים־ערטער נאָך דער דײַטשער אָקופּאַציע, איז באַשטאַנען פון אַ פילפאַרביקן עלעמענט — פיל האָבן זיך דעצידירט צו אַנטלויפן ניט צוליב פּערזענלעכער באַדראָהונג, נאָר צוליב שרעק פאַר מאַנגל אין ברויט און צוליב דער אַנשטעקנדער בהלה פון מאַסן־געלויף.

צווישן דער מאַסע פון עלנדע פרויען, מענער און קינדער, וועלכע האָבן אויסגעשפּרייט אויפן דיל פון וואָגזאַל זייער שמוציק אָרעם בעטגעוואַנט, שפּרינגען אַרום וואַרשעווער „יאַטען" — געקליידעטע אין טראַנטעס יונגע אינגלאַך און מיידלאַך. זייערע הילכיקע קולות קלינגען פאַרדעכטיק פרעהליך, ווי באַרוישט פון צו פריִען בראַנפן און פון צו פריִער „ליבע" (די מגפה פון ביליקן גיפט־בראַנפן „סאַמאָגאָן", ניט דיסטילירטן און פּאַבריצירטן אין פּריוואַטע הײַזער, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן צווישן דער אָרימקייט). אין דער גרופּע „יאַטען" דערקאָן איך אויך מײַנע צוויי פּיפּילן פון וואַרשעווער יתומים־הויז: ווידער קוקן זיי בײַז איינער אויפן צווייטן און זיי וועלן זיך מן הסתם אַ לאַדע מינוט ווידער אָנהויבן שלאָגן, אָבער דאָס מאָל ניט צוליב אַ פאַרפוילטן מייער, אַ געפונענעם אויפן פיש־מאַרק, נאָר צוליב אַ קליין שמוציק דרייצען אָדער פערצען יאָריק מיידל, וואָס קוקט אויף זיי ביידן און כיכעט . . .

אין פאַרלויף פון מײַנע אַכט־וואָכיקע וואַנדערונגען האָב איך זיך צוגעוואוינט ניט צו פינטלען מיט אַן אויג אפילו בײַם אָנבליק פון טויטע, אָבער דאָ אויפן קאַשמאַר־וואָגזאַל שווידער איך אויף פון צער און שרעק, דאָ דערזע איך דעם אָנהויב פון חורבן: הונדערט טויזנט געפאַלענע אויפן שלאַכטפעלד און אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן זײַנען ניט אַזוי טראַגיש און געפערלאַך פאַר דעם קיום פון פאָלק ווי הונדערט געפאַלענע אין אָפּגרונט פון דערנידערונג און שאַנד!

איך קוק זיך איבער מיט מײַן פרוי. זי זאָגט שטיל:

— נאָך גוט, וואָס מיר האָבן ניט מיטגענומען מיט זיך די קינדער, כאָטש זיי האָבן געבעטן, אַז זיי ווילן מיטגיין.

מײַן פרוי רעדט זיך אײַן, אַז עס וועט זיך אונז אײַנגעבן אַרויסצוטראָגן אונזערע קינדער פון דעם גרויסן חורבן אָהן אײן שמוציק שפּרינקעלע אין זייער צאַרטן זכרון.

די באַגעגענטע באַהן־באַאַמטע ווייסן ניט ווען עס וועט אָוועקגעהן אַ צוג קיין ווילנע און צי ער וועט נאָך בכלל אָפּגעהן, ווייל עס איז מעגליך, אַז די ליט־ווינער זאָלן אַ לאַנגע מינוט פאַרנעהמען ווילנע. מיר געהען אריין צום פאַר־וואַלטער פון וואַגזאַל. ער ערקלעהרט אונז מיט אַ פולשטענדיגער אַנטשלאָסענקייט, אַז יעדען אָווענט צעהן אַזייגער וועט אָפּגעהן דער צוג קיין ווילנע. ער האָט איצט דערהאַלטען אַ טעלעפאָנאָגראַם פון זיין העכערער מאַכט און אַלע קלאַנגען וועגען אָפּשטעלען די קאָמוניקאַציע מיט ווילנע זיינען אַבסאָלוט פאַלש. מיר קאָנען אַפילו שוין איצט אויסקויפען בילעטען, ווייל עס איז היינט אַרויס אַ באַפעהל, אַז מעהר וועט קיינער ניט קאָנען פאָהרען אומזיסט מיט דער באַהן (ביז איצט פלעגט מען אין די פאַרנומענע דורך די סאָוועטען געביטען ניט צאָהלען פאַר בילעטען; די באַהנען פלעגען צוליב דעם זיין איבערפולט מיט אַלטגעזעסענע און מיט פליכטלינגען; אָבער עהנליך צו דעם „צאָהלען" איז געווען דער „פאָהרען" — מען פלעגט זיך שלעפען פאַמעלאַך אין פיה־וואַגאָנען).

— צי ווערט בכלל פאַר אַלעמען בטל דאָס אומזיסטע פאָהרען? — פרעגען מיר דעם באַהן־פאַרוואַלטער. — צי איהר, טאָוואַרישטש, קאָנט ביי דעם גאָרניט העלפען?

ער פיהלט זיך אַביסעל באַליידיגט פון דער פראַגע צוליב אונזער צווייפעל אין זיינע ברייטע קאָמפּעטענצען, און ער דערקלעהרט:

— אָהן בילעטען טאָר מען ניט פאָהרען, אָבער איך האָב, פאַרשטעהט זיך, דאָס רעכט אַרויסצוגעבען ספּעציעלע דאָקומענטען, מיט וועלכע מען וועט קאָנען פאָהרען אַנשטאַט מיט בילעטען.

— טאָ גיט אונז טאַקע אַרויס, טייערער טאָוואַרישטש, אַזעלכע דאָקומענטען אויף פיר פּערזאָן: פאַר אונזביידע און פאַר אונזערע צוויי קינדער. מיר ווילען פאָהרען קיין ווילנע און דאָרט זיך איינאָרדענען; דאָס איז אונזער לעצטע אומ־זיסטע רייזע.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש, נאָכגעפרעגט זיך וועגען מיין נאָמען, אַרויסגענומען פון שופלאַד אַ בויגען פּאַפּיר, וואָס איז געווען פאַרדרוקט אויף דער צווייטער זייט, אָפּגעריסען דערפון אַ קליינעם צעטעל און אויסגעקאַ־ליגראַפירט אויף רוסיש:

„דעם גראַזשדאַנין י. ווײַנגאַרטען און זיין פאַמיליע, צוזאַמען פיר פּערזאָן, ווערט דערלויבט אומזיסט דורכצומאַכען זיין לעצטע רייזע קיין ווילנע".

אויסער אַ ניט דייטליכען אונטערשריפט פון „זאַוועדויושטשי סטאַנציאַי זשע־לעזנאַי דאָראָגי גאָראָדאַ בעלאָסטאָקאַ" איז ניטאָ קיין שום אָפיציעלער צייכען אָדער סטעמפּעל.

איך פרעג איהם, ווי אַזוי מען וועט וויסען, אַז דאָס איז אַ ריכטיגער דאָקו־מענט, און ער ענטפערט שטאָלץ:

— מיר האָבען נאָך ניט קיין סטעמפּלען, אָבער מיר דאַרפען עס ניט; ביי אונז גלויבט מען אויף׳ן וואָרט. און דו, טאָוואַרישטש, אויב עס וועט זיך טאַקע אַרויסווייזען, אַז „אונזעריגע״ פאַרלאָזען ווילנע, קומט באַלד צוריק; איך זעה, אַז דו קענסט זיך אויף פאַפּירלאַך, דו וועסט ביי אונז מאַכען אַ קאַריערע.

מיר קומען צוריק אַרויס אויפ׳ן פעראָן. עס פאַלט אַ דראָבנער אָבער שניי־דיגער רעגען, וואָס איז שוין, דאַכט זיך, געמישט מיט שניי. פון דער זייט פון זאַרעמבּי קאָשטשעלנע, פון דעם קאָשמאַרען גרענעץ־פונקט, קומט אַן אַ צוג, וואָס ברענגט ווידער הונדערטער פליכטלינגען. מן־הסתם איינער פון די לעצטע צוגען, ווייל דער נאַציש־סאָוועטישער גרעניץ ווערט שוין געשלאָסען. די ניי־אָנגעקומענע פאַרלאָזען אומגערען די דומפיגע, אָבער וואַרימע וואַגאָנען. וואוהין זאָלען זיי איצט געהן, אין דער דאָזיגער פינסטערער און רעגען־שנייאיגער נאַכט?

די טירען פון וואָגזאַל ווערען פאַרמאַכט און קיינער ווערט ניט אַריינגעלאָזען.

— אין שטאָט אַריין! אין שטאָט אַריין! — רופען צו זיי די ציווילע מי־ליציאָנערען און נ.ק.וו.ד.־לייט. — ניטאָ קיין אָרט אויפ׳ן וואָגזאַל! אין פאַרלויף פון דער היינטיגער נאַכט מוז דער וואָגזאַל אָפּגעריינינגט ווערען!

דורך די גלעזערנע פענסטער און טירען באַמערקען מיר, אַז צווישען די פליכטלינגען, וועלכע „באַוואוינען״ דעם וואָגזאַל הערשט אַ שטאַרקע צערודערונג און פּאַנישע באַוועגונג . . . מען פּאַקט זיך, מען נעהמט צוזאַמען דאָס ביסעל אַרימקייט, מען וועקט די קינדער. מיליציאָנערען דערלויבען אונז ניט צו שטעהן אין אַריינקוקען, זיי טרייבען אונז:

— טאָוואַרישטשי, אין שטאָט אַריין! אין שטאָט אַריין!

מיר געהען אַרויף מיט טרעפּ איבער אַ וויאַדוקט־בריק און פון דאָרט אַראָפּ מיט טרעפּ — אין שטאָט אַריין. דער וואָגזאַל איז אונטער אונז. נעבען אונז שלעפּען זיך הונדערטער מענשען, וועלכע זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען אין דער רעגענדיגער פרעמדער פינסטערער שטאָט.

ניט ווייט פון וואָגזאַל ציהט זיך אַ ברייטע אַלעען־גאַס און פוןביידע זייטען בענק פאַר שפּאַצירענדע . . . די אָנגעקומענע פליכטלינגען האָבען באַלד נאָך דעם אָנקלאַפּען אין די ערשטע הייזער זיך דערוואוסט, אַז „אַלע שטיבער זיינען אי־בערפולט — ניט אַ שפּילקע אַריינצוואַרפען״ . . . דאָס וואַרימע האַרץ פון ביאַליסטאָק האָט זיך שוין אַ היבש ביסעל אָפּגעקיהלט אין פאַרלויף פון די לאַנגע וואָכען אומאויפהערליכע וואַנדערונגען פון פליכטלינגען.

דערזעהענדיג די בענק דורכגענעצטע פון רעגען, וואַרפען זיך אויף זיי די פליכטלינגען און פאַרכאַפּען שנעל ערטער, כדי אַדורכצושלאָפען די נאַכט. מאָרגען, אין שיין פון טאָג, וועט לייכטער זיין געפינען דעם וועג צו מענשליכע הערצער אין אַ ווינקעל אין מענשליכע וואוינונגען.

באַלד באַווייזן זיך ווידער, ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסענע „היטער פון אָרדנונג" און זיי רופן:

— ווייטער, ווייטער! גייט אין צענטער פון שטאָט! דאָ טאָר מען זיך ניט פאַרהאַלטן!

מען פיהלט, אַז פון היינט אָן האָט זיך אין די פאַרנומענע דורך די סאָוועטן געביטן פולשטענדיג געענדערט דער קורס... די „וואַהלען" זיינען אַדורך און דער „צעשוימענער ליבעראַליזם" איז מעהר ניט נויטיג אויף צום געווינען סימפאַטיעס.

מיר רייסן זיך אָפּ פון דער היימלאָזער מחנה און איילן צו אונזער וואַרימער היים ביי בעריל דעם פישער. מיר זיינען זיכער, אַז מען האָט שוין דאָרט גע־לעגט די קינדער שלאָפן און וואַרטן אויף אונז די ליכטיגע גאַסטפריינדליכע געזיכטער פון אונזערע טייערע בעלי־בתים... ווי גערן וואָלטן מיר איצט מיט זיך מיטגענומען כאָטש איין היימלאָזע מאַמע מיט אַ קינד, אָבער צי קאָנען מיר מיט זיך ברענגען אין דער גוטער פרעמדער שטוב פרישע אורחים?!

— מאָרגן פריה פאָהרן מיר קיין ווילנע, אַ נייער עטאַפּ אין אונזער וואַגלער־לעבן! — זאָג איך צו מיין פרוי, כדי אָפּצורייסן איהרע געדאַנקען פון דער מחנה פליכטלינגען.

— די שטימונג אין שטאָט, אויפ'ן וואָגזאַל און אומעטום איז היינט געווען זעהר אַ שווערע... מיך שרעקט און לאָקט די רייזע קיין ווילנע, ווי זי וואָלט געווען זעהר אַ ווייטע און וואָלט באַדאַרפט געדויערן סכנות'פולע וואָכן... — זאָגט מיין פרוי שטיל.

— די רייזע, נאַרעלע, געדויערט בלויז איינינגע שעה; איבערמאָרגען אין דער פריה וועלן מיר זיין אין ווילנע.

— הלואי, אָבער איך האָב זעהר אַ שווער פאַרגעפיהל.

דער רעגען ווערט שטאַרקער. אַ בייזער ווינט טראָגט אונז מיט אַ גרויסער קראַפט און מיר מוזען זיך אָנהאַלטן אין פאַרקאַנעס, אין טעלעגראַף־סלופּעס און איינער אין צווייטן, כדי ניט אומצופאַלן. מיר הערן פון פיל זייטן אַ קלאַפּן אין פאַרמאַכטע לאָדענס. — דאָס קלאַפּט דער ווינט, אָדער עלענדע מאַמעס מיט קינדער קלאַפּן אַזוי אין לאָדענס און בעטן אַ נאַכט־לעגער?...

48

מיין הרוב שטעטעלע שערפּץ

אַ קאַלטער האַרבסט טאָג. אין גאַס בלאָזט אַ שניידיגער ווינט, וואָס פּאַר־טרייבט יעדען אַהיים. איך און מיין פרוי מוזען אָבער געהט אין שטאָט אַריין, ווייל היינט אָווענט זאָלען מיר פאָהרען קיין ווילנע און מיר דאַרפען באַזוכען איינינע ביאַליסטאָקער פריינד, כדי זיי געזעגענען און דאַנקען פאַר דער אַרויס־געוויזענער האַרציגקייט צו אונז.

מיר קומען אַרויס אויפ׳ן פּלאַץ ביים שטאָט־ראַט און מיר בלייבען שטעהן, ווי פאַרשטיינערט . . . וואָס איז דאָס? צי האָט אויפגעלעבט, אַרויסגעבראָכען די ראַהמען און איז אַראָפּ פון בילד די וואַנדער־גרופּע פון הירשענבערג׳ס ,,גלות״? אַט געהען יונגע מענער, אין לאַנגע חסידישע קאַפּאָטעס און אין אייראָפּייאישע קליידונג, זייערע פּנים׳ער זיינען לאַנג ניט־געוואַשענע, מיט האָר־פאַרוואַקסענע, אונטערגעשוואָלענע אויגען (פון טרעהרען צי פון קלעפּ?), צו דער ערד געווענדעטע קעפּ — דער צער פון טויזענט יאָהר ליגט אין זייערע אויגען און געזיכטער, דער גלות־לאַסט פון טויזענט יאָהר דריקט אויף זייערע פּלייצעס און בויגט זיי צו דער ערד. זיי געהען אין איין גרופּע, האַלטען זיך פעסט איינער ביים צווייטען, ווי זיי וואָלטען ניט געטרויט קיינעם פון אַרום . . . רבונו־של־עולם! פון וואַנען קאָן איך די מענשען, צי טאַקע בלויז פון הירשענבערג׳ס בילד?

מיין פרוי לויפט פּלוצלונג צו דער גרופּע וואַנדערער. זי לאָזט שטעהן אויף דער ערד דעם קאָרב מיט די איינגעקויפטע ,,אוצרות״ און רופט:

— בריך! טייערער בריך!

די גרופּע וואַנדערער שטעלט זיך אָפּ. די פאַרגליווערטקייט ווערט ביי זיי געבראָכען. זיי רינגלען אַרום מיין פרוי און זיי פרעהען זיך מיט איהר האַרציג, ווייל מיט איהר אָנקומען האָבען געגעבען אויף זיי אַ פאָכע די זכרונות פון זייער היים, פון פאַמיליע, פון געבורט־שטאָט.

מיין פרוי׳ס שטעטעלע שערפּץ . . . אָט איצט דערקאָן איך אייך שוין טאַקע אַלעמען. איך געדענק אפשר ניט אַלעמענ׳ס נעמען, אָבער איך דערקאָן אייך גענוי: אַ טייל פון אייך האָט אַמאָל געלערנט ביי מיר אין שולע, ווען איך בין מיט פיל יאָהרען צוריק געווען אַ לערער אין שערפּץ. אַנדערע געדענק איך אַלס צוהערער

פון מיינע רעפעראַטען, אַלס מיטגלידער פון שערפּצער ביבליאָטעק, ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע . . . וועמענס האַנט האָט איך אַלעמען אַזוי גרויזאַם פאַראייניגט און אַהערגעבראַכט צו דעם פרעמדען ביאַליסטאָק?

מיין פרוי'ס געבורט־שטעטעלע שערפּץ . . . מיין אייגען יוגענט־שטעטעלע שערפּץ . . . ביסט ביי מיר געווען אַ סימבאָל פון אידישער אידיליע אין פּוילען. ווי שעהן זיינען געווען דיינע קליינע הייזלאַך, וואו עס האָט געוואוינט אַ קהילה פון גאָטספאָרכטיגע אידען, געהאַנדעלט באמונה מיט גאָט כביכול און געלעבט אין דער בעסטער פריינדשאַפט מיט דעם פּויער פון דאָרף, וועלכער פלעגט קומען אויפ'ן מאַרק צוויי מאָל אין וואָך, דינסטאָג און פרייטאָג, כדי מפרנס צו זיין די קינדער פון ישראל. ווי שעהן און פאָלקס־פאָרכטיג איז געווען דיין זעלטענע אידעאַלע יוגענט, מיין שטעטעלע שערפּץ! קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסען דעם קליינשטעטעלדיגען ציוניסטישען פיהרער, וועלכער איז געלאָפען אין יענעם גרויסען האַרבסטיג־זוניגען נאָוועמבער־פריהמאָרגען, ווען עס איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע וועגען דער באַלפור־דעקלאַראַציע, פון שטוב צו שטוב מיט זיין זעקעל קאַרטאָפעל־שאַלאַכץ (ער פלעגט עס איינקויפען צום פיטערען זיינע צוויי ציגען), געקלאַפּט אין אַלע לאָדענס, אין אַלע טירען און גערופען: „אידען, אין שוהל אַריין, לאָמיר לויבען גאָט, משיח קומט!" צי וועל איך פאַרגעסען די מאַסען־מיטינגען, ווען די פנים'ער פון דער גאַנצער יוגענט זיינען געווען פאַרפלאַמטע, די אויגען געצונדענע אין פּאַטאָס: „ערגעץ בויט זיך אַ גרויסע זאַך, מיר ווילען האָבען אונזער אַנטייל!" און די קעסטעל־אָווענטען, ווען מיר האָבען מיט דער גרעסטער תמימות פילאָזאָפירט און אַריינגעטראַכט זיך אין די וועגען פון קאָסמאָס: „צי האָט גאָט באַשאַפען דעם מענש, אָדער דער מענש האָט באַשאַפען זיין גאָט?"

מיין שטעטעלע שערפּץ . . . ביסט איינע פון די אַלטע אידישע שטעטלאַך אין פּוילען, אָבער דיינע יחוס־בריוו — דיינע אַלטע קהילה־פנקסים — האָט דער פייער אייניגע מאָל פאַרצעהרט; עס איז בלויז איבערגעבליבען אַ זכר פון דיין אַלטען זיגעל, וואָס פּוילישע מאַכטהאָבער האָבען לעצטענס פאַרבאָטען זיך מיט איהם צו באַנוצען. דער אַלטער זיגעל פון שערפּץ איז געווען אַ ש ע פּ ס אַלס סימבאָל, אַז אידען זיינען „כשיה נאלמת לפני גוזזיה" („ווי אַ שווייגענדער שעפּס פאַר זיינע שעהרערס") . . . און עהנליך צו דער אַלטער לעגענדע, אַז אידען אַנטלאָפענע פון דייטשע שייטערהויפענס האָבען געשאַפען אַ נייעם וואוינאָרט אין אַ פרעמד ווייסט לאַנד, וואָס זיי האָבען אָנגערופען פּ ה ־ ל י ן („דאָ נעכטיג!") און דערפון איז שפּעטער דאָס פּוילישע פּ ו י ל ע ן געוואָרען, אַזוי דערצעהלט די קליינשטעטלדיגע לעגענדע, אַז אַן עדה אידען אַנטלאָפענע פון פּייניגער, ווי אַ שעפּס פון וועלפישע צייהן, האָט אַ פריי און אָפּגעזונדערט אָרט צווישען טהאָלען געפונען, דאָרט אויפגעשטעלט די געצעלטען פון יעקב, דאָרט איינגע־פלאַנצט תורה און גוטע מדות, ווי אַ פעסטונג אויפגעבויט אין אַ טהאָל אַ מעמקים־

שוהל און אָנגערופען דאָס אָרט שעפּס; ביז עס זיינען געקומען די גויים, וועלכע ס'איז ניט אָנגעשטאַנען דער רמז, אַז זיי זיינען „וועלף" — און זיי האָבען דעם נאָמען פון שטעטעלע געענדערט אויף שערפּץ.

מיין שטעטעלע שערפּץ, הרים סביב לה . . . איבער דיינע שטילע גאַסען פלעגט אין די אָוונטען זיך טראָגען דער קול פון תורה, אויף דיין כסא־רבנות פלעגען זיצען פאָלקס־פאַסטוכער, וועלכע האָבען אין לייטזעליגער גאָטפאָרכטיג־קייט געפיטערט דאָס פאָלק. דאָס אידישע געסעל איז שטענדיג געווען פול מיט אידישקייט: אין דער פריה פלעגען די באַהעלפערס מיט אַ הייליג געזאַנג פיהרען די צאן־קדשים — די פיר־יעהריגע שעפסעלאך — אין חדר אריין, נאָך־מיטאָג פלעגען פרעהליכע חדר־אינגלאך לויפען איבער די גאסען צו אַ קריאת־שמע־לייענען — פיל־פיל קריאת־שמע־לייענערס פלעגען, אָהן עין־הרע, אָפּט פאַרהילבען דאָס קליינע שמאָלע געסעל; און אַמאָהל פלעגט אויך ציהען צום אַלטען און ווייטען בית־עולם אַ גרויסע לויה: אַלע קרעמלאַך געשלאָסען, ווייל אַלע אידען פון שטעטעלע גיבען אָפּ דעם לעצטען כבוד, ווען אַן אייגענער — אַלע זיינען דאָ אייגענע — ווערט אַרויסגעריסען פון צווישען די לעבעדיגע און טראָגט זיך איבער אין דער בעסערער וועלט; און פאָראויס, פאַר דעם מת־מצוה, ציהט אַ מחנה חדר־אינגלאך און רופט: „צדק לפניו יהלך" — רעכטפאַרטיגקייט טוט שפּרייזען פאַר איהם . . .

מיין שטעטעלע שערפּץ . . . יעדעס בערגעלע און יעדעס טהאָלכעל אין דיר איז דורכגעזאַפט מיט אידישער געשיכטע. וואונדערבאַרע מעשה'לאַך פון פאַר־צייטענס דערצעהלט אין שערפּץ יעדעס הייזעלע און יעדער שוועל, יעדער קליינער אין אפילו יעדער בריקעל איבער דעם שמאָלען וואַסער, וואָס פליסט דורך דעם שטעטעלע, כדי מען זאָל ניט דאַרפען אָנקומען צום ווייסעל אין פלאָצק, צום וואַסער דרווענצע אין דאָבזשין, אָדער צום טייכעל אין נאָהענטען ריפּין, אויב מען מוז, חלילה, אויסשרייבען אַ גט פאַר אַ אידישער טאָכטער.

ביי איינעם פון די בריקלאַך, ווייט אַרויס פון אידישען געסעל, איז געשטאַנען אַ קליינע קאַפּליצע און אין איהר עטלאַכע הייליגע קריסטלאַכע פיגורען. אידישע אינגלאַך פלעגען דאָרט שנעל דורכלויפען מיט האַרצקלאַפעניש, אַז מען זאָל זיי, חלילה, ניט צווינגען אויסצוטאָן די היטעלאַך. גערופען האָט מען דאָס קליינע פאַרהייליגטע הייזעלע מיט'ן נאָמען „מנשה מיט די דריי זיהן". אַלטע באָבעס פלעגען מיט אַ זיפצעניש דערצעהלען וועגען איינעם אַ מנשה, אַ רייכען איד מיט זיינע דריי זיהן, וועמען עס איז ניט אָנגעשטאַנען צו וואוינען צווישען אידען — און דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבען „איבערגעדרייט דאָס פעלצעל" . . . האָט די שעפּסער קהילה פון זיי פיל בושות ובזיונות געהאַט, אַלע אידען אין אידיש' געסעל זיינען נאָך זיי „שבעה" געזעסען און „קריעה" געריסען, און איידער עס האָבען זיך די זיבען טעג פון דעם טרויער געענדיגט — איז זייע־

בייזער סוף געקומען . . . האבען די גוים פאר זיי אויסגעבויט אזא קליינע תיפלה און פארלאנגען, אז אידישע קינדער זאלען דארט כבוד אפגעבען . . . „אט אזוי הויבט זיך עס אן — זיפצען די אלטע באבעס מיט א מוסר־קול — פריהער פאר־לאזט מען דאס אידישע געסעל, שפעטער אידישקייט, ביז חלילה״ . . . — און זיי שפייען דריי מאהל אויס, אז עס זאל ניט זיין געזאגט אין א בייזער שעה.

מיין שטעטעלע שערפץ . . . די לעצטע יאהרען האט זיך דאס אידישע געסעלע אויסגעשפרייט און ארומגענומען אלע גאסען, וואס רינגלען ארום דעם אלטען מארק און דעם גרויסען שטאט־פלומפ. ביסלאכווייז האבען זיך אידען אנגעהויבען אריבערטראגען אין גוי׳שע גאסען, אבער דעם פאדעם פון אידישקייט האבען זיי ניט איבערגעריסען און דעם וועג צום שוהל ניט פארגעסען. עס האבען זיך אנגעהויבען צו באווייזען אין אידישע הייזער „ביכלאך״ און „גאזע־טען״; משכילים פלעגען דערצעהלען וועגען אברייטער גרויסער וועלט, אבער אלטגעזעסענע שערפצער פלעגען קוועטשען מיט די פלייצעס: „שערפץ איז א וועלט פאר זיך, כמעט א אידישע מדינה, מיט אן אייגענעם קהל־שטוב, אייגענע שוהלען, בתי־מדרשים, חדרים, א בית־חולים, א הקדש, א מקוה און א בית־חיים אויף איבער הונדערט און צוואנציג יאהר״ . . . אבער די ארימקייט איז געווען גרויס און אידען יחידים זיינען געפאהרען אין דער גרויסער וועלט — קיין אמע־ריקע — געשיקט פון דארט געלד, אראפגעברענגט צו זיך קרובים... אין דער גאנצקייט פון דער אלטער קהילה האבען זיך שפאלטען באוויזען, אבער נאך איז זי געווען פעלזענפעסט.

איז אין יאהר 1914 אויסגעבראכען א וועלט־מלחמה: דאס רוסישע מלכות איז אוועק פון שערפץ, דריי דייטשע זעלנער האבען אנגעהויבען היטען די מיהלען, די בעקערייען און די מאגענס . . . אבער אין די גרויסע שטעט איז דער הונגער געווען גרעסער און שארפער. האבען פון דארט אנגעהויבען שטראמען פליכט־לינגען צו געניסען פון די שערפצער תבואה־פעלדער און צו שעפען לופט אין די שערפצער בערג און טהאלען. איז צווישען די געקומענע געווען אן עלטערער איד אין א קאפעלוש מיט א גרוי קליין בערדעלע (אן עלטערער איד — אין א קאפעלוש!), פלעגט ער געהן איבער די גאסען און הויך רעדען העברעאיש (ריידען לשון־קודש!) און געווארען א לעהרער אין די רייכערע הייזער (פאר דער מלחמה, זאגט מען, איז ער געווען א רייכער סוחר און ער האט נחלאות אין ארץ־ישראל). און א יונגען זוהן האט ער געבראכט מיט זיך, געהט ער איבער די גאסען אין בלויזען קאפ מיט א שווארצער געדיכטער קוטשמע האר און ארום איהם א כאפטע אינגלאך און מיידלאך — און רק מען וויל די וועלט איבערבויען, און רק מען לייענט ביכלאך, און מען מאכט „קורסען״, און ביבליאטעקען, און מען גיט זיך אפ מיט ווייטע שפאצירען איבער די „דאלינקעס״ (טאהלען) ארום שטעטעל, פון וואנען מען קומט צוריק אהיים אין די שפעטע אווענטען מיט צעפלאמטע געזיכטער און צעהיצטע קעפ . . . איז דער צער און שרעק פון די גאטפארכטיגע טאטעס

נאָך גרעסער געוואָרען, ווען דער בחור מיט דער שוואַרצער קוטשמע האָט רחמנא ליצלן „געוואָרפען אַן אויג" אויף די חסידישע טאָכטער פון ר׳ וואָלף . . .

עס איז לייכט צו פאַרשטעהן, אַז דער „בחור מיט דער שוואַרצער קוטשמע" דאָס בין איך, און די „חסידישע טאָכטער" (ווי אַלע דאַמאָלסט „חסידישע טעכ־טער" האָט זי אפילו קיין ריכטיגען אידיש ניט געקאָנט ריידען) — דאָס איז מיין פרוי.

מיין פרוי שטעהט איצט אַרומגערינגעלט פון די אומגליקליכע וואַנדערער, דאָס איבערבלייבעניש פון איהר שערפּצער געבורט־שטאָט, און פאַר מיינע אויגען זיינען דערווייל — איז פאַרלויף פון געצעהלטע מינוטען — דורכגעלאָפען ווי אין אַ קאַלײדאָסקאָפּ בילדער: אָנגעהויבען פון דעם פאַרצייטיגען שטעטל ביז דער מאָדערנער שטאָט שערפּץ פון יאָהר טויזענט־ניינהונדערט־ניינאונדרייסיג . . .

ווען אַ מענש דערפיהלט די נאָהענטקייט פון טויט — זאָגט אַן אַלט פאָלקס־וואָרט — דערזעהט ער אין איין רגע אַלץ, וואָס ער האָט אין זיין לעבען דורכגעמאַכט . . . איך האָב וואַרשיינליך אינסטינקטיוו איצט דערפיהלט דעם אומקום פון אַן אַלטער איינגעפונדעוועטער אידישער קהילה, אויב איהר גאַנצע געשיכטע האָט מיט אַזאַ פלוצלונגער בולט׳קייט אויפגעטרייסעלט מיינע געדאַנקען און מיט אַזאַ האַסטיגער שנעלקייט אויף זיך אַרויפגעצויגען דעם געשטאַלט פון בילדער, פון בלוט און פלייש, וואָס האָבען געלעבט, געאָטעמט, געליטען און זיינען אויף אייביג אַוועק אין תהום . . . ווען אַ אידישע קהילה ווערט, חלילה, חרוב . . .

באַלד ווער איך אַרומגערינגעלט פון די שערפּצער אַנטרינענע.

— ווי אַזוי קומט איהר אַלע צוזאַמען אַהער? — פרעג איך זיי.

זיי הויבען אָן כאָאָטיש צו דערצעהלען, איינער רייסט איבער דעם צווייטען, אָבער איך באַקום פון זייערע אָפּגעהאַקטע ווערטער, זיפצען און פאַרגליווערטע טרעהרען אַ באַשטעטיגונג פון מיין אינסטינקטיווען טראַגישען פאַרגעפיהל, אַז אַ אידישע אַלטע קהילה איז אומגעקומען: דער אידישער טייל פון מיין יוגענט־שטאָט שערפּץ איז געוואָרען אויסגעשטראָכען פון אונטער די הימלען.

אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון זייערע דערצעהלונגען:

איניגע טעג נאָכדעם ווי די דייטשען זיינען אריינגעקומען קיין שערפּץ האָבען זיי באַפוילען, אַז אַלע אידישע מענער אין׳ עלטער פון אַכצעהן ביז פערציג יאָהר זאָלען זיך פאַרזאַמלען אין אַ באַשטימטער שעה אויפ׳ן מאַרק. אַלע זיינען געקומען, ווייל אַנטלויפען פון שטעטל איז שוין דאַן ניט געווען מעגליך. אַ גרעסערע גרופּע דייטשע זעלנער האָט אַרומגערינגעלט די פאַרזאַמעלטע יונגע אידען, אַנדערע זעלנער זיינען געלאָפען איבער אַלע גאַסען און געזוכט אין די הייזער, קעלערס, בוידימער און גערטנער — די געפונענע אין באַהאַלטענישען האָבען די דייטשען געבראַכט אויפ׳ן מאַרק צעבלוטיגטע פון אכזריות׳דיגע קלעפּ. מען האָט אַלעמען אַרויסגעפיהרט פון שטאָט און געטריבען אין פאַרלויף פון זיבען טעג צופוס איבער

פעלדער און וועלדער. אויפ'ן וועג האט מען זיי געצוואונגען צו מאכן „מילי־טערישע איבונגען": לויפן, קריכן אויף אלע פיר אין בלאטע, שלאגן איינער דעם צווייטן, זינגען אנטיסעמיטישע דייטשע לידער. אויפ'ן וועג האט מען באהאפטן צו דער שערפּצער מחנה פיל יונגע אידן פון אנדערע שכנות'דיגע שטעטלאך. עס זיינען געווען מעהרערע פאלן פון דערשיסן פאר וועלן „אנטלויפן פון געפאנגען־לאגער". איבער די קלעפּ, באליידיגונגען און שווערן וואנדער־וועג האט זיי אויך שרעקלאך געפייניגט דער הונגער. די ערשטע צוויי טעג האבן זיי גארניט באקומען צום עסן. שפּעטער פלעגן זיי באקומען צוויי מאל טעגליך אביסעל שיטערע שווארצע זופּ. א גליק, וואס די דארפס־פויערים פלעגן אפט ברענגען געבראטענע קארטאפעל, ברויט און וואסער, און זיי פלעגן עס געבן צו די „געפאנגענע", אויב די דייטשן פלעגן נאר באווילעגן דערויף אדער עס ניט באמערקן.

אין א געוויסן טאג, ווען זיי האבן זיך געפונען אונטערוועגס אין א גרויס פעלד, זיינען אנגעקומען עטליכע דייטשע אפיצירן און האבן דערקלערט, אז מען וועט אלע „געפאנגענע" באפרייען, אבער יעדער מוז אונטערשרייבן „איי־גענווילע" א פארפליכטונג, אז ער וועט מעהר ניט צוריקקומען אין זיין געבורט־שטאט, וואס ווערט שוין פון היינט „אנגעשלאסן צום דייטשן רייך" און קיין אידן טארן דארט מעהר ניט וואוינען; יעדער מוז גלייך מיט דעם נאהענטסטן וועג געהן קיין רוסלאנד; ווער עס וועט נאך דעם פארלויף פון דריי טעג געפונען ווערן אין די גרעניצן פון דייטשן פוילן, אדער ווער עס וועט פרובירן צוריקגעהן אין זיין געבורטסשטאט — וועט ווערן דערשאסן.

דאס אונטערשרייבן די פארפליכטונג האט געגעבן פרייהייט און . . . קלעפּ. ביים ארויסגאנג פון געפאנגען־לאגער איז געשטאנען פון ביידע זייטן א גרופּע דייטשע זעלנער און יעדער האט געמוזט דורך זיי אדורכגעהן, ווערענדיג געשטופּט דורך אנדערע נאצים. די זעלנער, וועלכע זיינען געשטאנען ביי ביידע זייטן פון ארויסגאנג פלעגן בלוטיג שלאגן יעדן מיט די קאלבעס פון זייערע ביקסן, כדי ארויסצושלאגן דעם „חשק" איבערצובלייבן אין דייטשלאנד. וואס שנעלער מען איז געלאפן — אלץ ווייניגער קלעפּ זיינען געפאלן אויפ'ן קאפּ און אויף די פלייצעס.

נאך דעם ארויסבאקומען זיך פון בלוטיגן געפאנגען־לאגער איז זיך די מעהר־הייט צעלאפן אין פארשידענע ריכטונגען. האט זיך דאן צונויפגעקליבן א גרע־סערע גרופּע שערפּצער און זיי האבן צוזאמען דורכגעמאכט זייער וואנדער־וועג קיין סאוועט־פוילן — ביז ביאליסטאק. פון צופעליג באגעגנטע מענשן האבן זיי זיך דערוואוסט וועגן טראגישן גורל פון זייערע עלטערן, ברידער, שוועס־טער, פרויען און קינדער, וועלכע זיי האבן איבערגעלאזט אין שערפּץ:

אין פארלויף פון איניגע טעג נאך דעם ארויסטרייבען פון די יונגע מענער, האבען די דייטשען אהן אויפהער געזוכט אין די אידישע הייזער און צוגעראבירט אלע געפונענע סחורות, געלטער און ווערט־זאכען. פלוצלונג איז ארוים א באפעהל, אז אלע אידען מוזען מאמענטאל זיך פארזאמלען אויפ׳ן מארק; ווער עס וועט בלייבען אין שטוב, וועט ווערען דערשאסען. דער באפעהל איז אנגעזאגט געווארען דורך פויקען אין אלע גאסען (טייל האבען דערצעהלט, אז זאגאר דורך קלינגען פון די קלויסטער־גלאקען).

עס האט זיך פארשפרייט צווישען די אידען א קלאנג, אז אין מארק וועט אדורכגעפיהרט ווערען א רעוויזיע ביי אלעמען: מען וועט זוכען געלד און ציהרונג. יעדער האט דעריבער שנעל פארגראבען אין דר׳ערד אדער אויסבאהאלטען ביי די פוילישע שכנים דאס לעצטע ביסעל ווערט־זאכען.

מען האט דערלויבט איבערצובלייבען אין שטוב בלויז איין קימפעטארין, וואס האט אין יענער שעה באקומען די לעצטע ווייען און געבוירען א קינד, ווי אויך איין אכציג־יאהריגער פאראליזירטער פרוי צוזאמען מיט איהר טאכטער.

ווען אלע אידען זיינען געווען פארזאמעלט אויפ׳ן מארק האט מען ארויסגערופען איניגע אידישע מיליטערישע שניידערס, וועמען מען האט אונטער א דייטשע וואך אפגעפיהרט צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס צוריק אין זייערע היימען, וויל זיי וועלען זיין נויטיג אין שטאט . . . די איבעריגע אידען האבען באקומען א באפעהל אפצוגעבען די שליסלען פון זייערע וואוינונגען. דאן זיינען די אידען ארומגערינגעלט געווארען פון א גרויסער מחנה זעלנער און עס איז פלוצלינג דערשינען א דייטשער מיליטערישער ארקעסטער . . . מען האט געהייסען, אז די אידען זאלען זיך איינשטעלען צו פיר פערזאן אין א רייהע.

אונטער די קלאנגען פון אנטיסעמיטישע לידער און חוזק־געשרייען, וואס האבען זיך צוזאמענגעמישט מיט א שרעקליכען געוויין פון אלטע מענער, פרויען און קינדער זיינען זיי געפיהרט געווארען צום שערפצער וואגזאל, וואס געפינט זיך איניגע קילאמעטערס אונטער׳ן שטאט. דארט האבען אויף זיי געווארט פיה־וואגאנען אין וועלכע מען האט זיי מיט געוואלד אריינגעפרעסט. די וואגאנען זיינען געווארען פארשלאסען. אלטע מענער, פרויען און קינדער זיינען לאנגע שעה׳ן געשטאנען צוזאמענגעקוועטשטע אין די פארמאכטע פיה־וואגאנען אהן לופט, אהן עסען און טרינקען. אין פארלויף פון עטלאכע שעה זיינען די וואגאנען שרעקליך פאר׳עיפוש׳ט געווארען, וויל טראץ דעם ווילדען קלאפען אין די ווענט, האט מען זיי ניט דערלויבט ארויסצוגעהן פון זייערע וואגאנען אפילו אויף צום ערלעדיגען פיזיאלאגישע באדערפענישען.

לסוף האט דער שרעקליכער צוג געריהרט פון ארט. נאך דעם ווי זיי זיינען אפגעפאהרען זיבען שעה האט זיך דער צוג אינמיטען נאכט אפגעשטעלט. מען האט די אומגליקלאכע ארויסגעטריבען אין א פעלד אריין און מען האט זיי דער־

קלעהרט, אַז זיי זיינען פריי, אָבער זיי טאָרען מעהר קיינמאָל ניט צוריקקומען קיין שערפּץ, וואָס „געהערט צום דייטשען רייך".

זיי זיינען געוועזען נעבען שטעטעל מאָדלין, פון דאָרט האָבען זיי זיך מיט גרויס מאַטערניש דערשלעפּט קיין ווארשע . . .

די היימלאָזע שערפּצער וואַנדערער, וועלכע האָבען געראַטעוועט זייערע נאַקעטע לעבענס און געפינען זיך איז סאָוועטישען ביאַליסטאָק, פאַרגעסען פּוילשטענדיג וועגען זייערע אייגענע טראַגישע איבערלעבונגען און וועגען ביזען גורל, וואָס האָט זיי אַזוי ווייט פאַרטראָגען . . . זיי וויינטיגען איבער דעם גורל פון זייער שטאָט, זייערע הייזער, עלטערען, פרויען, קינדער — זיי וויינען מיט אויסגעטריקענטע אויגען איבער דעם אונטערגאַנג פון זייער קהילה און חורבן פון אידישען לעבען.

אַזוי איז אומגעקומען מיין שטעטעלע שערפּץ . . .

מיין היים איז חרוב

49

פאר אונזערע קינדער!

מיר פראבירען איינקויפען אין ביאליסטאק אביסעל עסענווארג. עס קורסירען דא קלאנגען, אז אין ווילנע איז א שוידערהאפטער הונגער. עס וואלט אויך רעכט געווען, אז מיר זאלען קויפען א מאנטעלע פאר מיין זוהן, ווייל זינט די דייטשען האבען פון איהם אראפגעצויגען זיין מאנטעל, טראגט ער אויף זיך מיין פרוי׳ס א שווארצען זשאקעט ארומגערעמט מיט פוטער. די ארבעל פון זשאקעט זיינען פאר איהם צו לאנג און מען מוז זיי פארקאטשען, דער גאנצער מלבוש הענגט אויף איהם ווי א זעקעל און זיין צארט בלאס געזיכטעל, ארומגעציקעלט מיט גאלדענע לאקען, קוקט ארויס פון דעם פרעמדען בגד מערקווירדיג אומבאהאלפען און פאראומערט, ווי געזיגעלט מיט א חותם פון טראגעדיע. עס איז אינטערעסאנט, אז ווען מיין זוהנדעלע געפינט זיך אין שטוב — איז ער פרעהליך און קינדעריש, אבער אז מיר טוען איהם אן דאס שווארצע זשאקעטל — ענדערט זיך פלוצלונג זיין געמיט, ווי ער וואלט ווידער איבערגעלעבט יענע שרעקליבע רגעים אויף דעם סאוועטיש־נאצישען גרעניץ; ער ווערט עהנליך צו א גרויסען בינה־קינסטלער, וועלכער פאלט אריין אין טראגישען טראנס, ווען ער ציהט אויף זיך ארויף דעם לבוש און גרימירונג פון זיין טראגישען העלד; אויף מיין פיר־יאהריג קינד גיסט זיך דאן אוים דער צער פון גרויען אידישען גלות.

כדי זיך איינצושאפען געלד באשליסען מיר צו פארקויפען מיין גאלדענעם זייגער, א זעלטענעם עקזעמפלאר פון „שאפהאוזען". איך באשטים אויסצוטוישען אויף געלד מיין זייגער און ניט קיין אנדער תכשיט פון די, וואס מיין פרוי האט אפגעראטעוועט, ווייל איך פארשטעה, אז אויב ווילנע זאל ווירקלאך ווערען ליטע, וועט דארט קיין זייגער זיכער ניט האבען אזא הויכען ווערט, ווי ביי די סאוועטען. איך פארקויף עס צו א זייגערמאכער, וועלכער גיט מיר גלייך וויפיל איך פאדער: טויזענט צוויי־הונדערט רובעל — הונדערט און צוואנציג נייע רוסישע טשערוואנצעס. אין א שעה ארום דערוויס איך זיך, אז איך האב געקאנט דערפאר באקומען צוויי טויזענט און אפילו דריי טויזענט רובעל. מיין דעביוט אין וועלט פון מסחר איז געווען א בפירוש׳ער דורכפאל.

פארקויפען איז געווען אין יענע טעג אבסאלוט די לייכטסטע זאך, אבער שווער איז געווען עפּיס צו קויפען. אומזיסט געהען מיר פון געשעפט צו געשעפט אין זוכען א מאנטעלע פאר מיין זוהן. אלץ איז אויספארקויפט געווארען און עס ווערט באהאלטען דורך די סוחרים, וועלכע האפען אויף „בעסערע" צייטען, ווען עס וועט זיין נאך טייערער. אויך עסענווארג איז ניט מעגליך צו באקומען אויפ'ן „גלייכען וועג": אדער מען דארף אויפשטעהן פארטאג און שטעהן אין לאנגע רייהען נאך א לעבעל ברויט, אביסעל קאשע, איינציגע פונט קארטאפעל (צוקער, רייז און ווייס מעהל זיינען פולשטענדיג פארשוואונדען פון פארקויף), אדער מען דארף אויסנוצען קאנטשאפטען און פראטעקציעס, כדי „צוליב" און אלס „טובה" זאל מען פאר א צעהן אין פופצעהנפאכיג העכערען פרייז, ווי ביז איצט, עפּיס באקומען צו קויפען.

אין רעזולטאט פון לאנגע זוכענישען האבען מיר באוויזען איינצוקויפען זאכען, וואס זיינען אונז ניט געווען דרינגענד נויטיג, אבער מיר האבען ניט געקאנט ביישטעהן דעם נסיון און ניט אויסנוצען די זעלטענע געלעגענהייט, אז מען „קאן עס נאך באקומען", ווייל „מארגען וועט עס שוין מעהר זיכער ניט זיין" . . . מיר האבען אלזא איינגעהאנדעלט: א טוץ שנירלאך צו שיך, עטליכע צענדליג הילצערנע קלאמערלאך צום האלטען וועש, איינציגע שאכטלען שוך־פאסטע, צוויי רעשטלאך פון דינעם קאלירטען באטיסט, א רעשטעל פון ווארימער פלאנעלע. וואס איז געווען צו גרויס פאר א שאל צום האלז און צו קליין פאר א אקינדעריש העמדעל, עטליכע גערויכערטע הערינג, געזויערטע אוגערקעס און א צוזאג פון א בעקער, אז ער וועט אונז אין אווענט (פאר א דאפעלטען פרייז און דורך א הינטערטיר) פארקויפען צוויי לעבלאך ברויט.

אונזערע איינקויפונגען זיינען מעהר ווי באשיידענע, זיי האבען אפילו ניט פארפולט דעם קליינעם קארב, וואס מיין פרוי האט גענומען מיט זיך, אבער זיי האבען אונז דאך ארימער געמאכט מיט עטליכע הונדערט רובעל.

*   *   *

ביי בעריל דעם פישער ווערט פאר אונז איינגעארדענט א געזעגענונגס־מאהלצייט. מיינע אלע באמיהונגען צו באצאהלען פאר אונזער דירה און עסען, ווערען אפּגעווארפען. בשעת אונזער לעצטען נאכט־עסען הערשט א געדריקטע שטילקייט, אז איינגעהאלטענער געוויין שוועבט אין דער לופט. צוויי אידישע פאמיליעס, צוויי אומבאקאנטע און ביז ניט־לאנג פרעמדע וועלטען, האבען זיך באגעגענט אין א טראגישער שעה און געשלאסען אייביגע פריינדשאפט.

מיר עסען, טרינקען און . . . שווייגען. בלויז מיין אינגעלע איז אין א גוטער שטימונג: ער קריכט ארויף אויף בעריל'ס קניע און רייט אויף זיי, ווי אויף א פערד. ביי מיין אינגעלע האט ווארשיינלאך דערוואכט דאס אידישע אטאוויס־

טישע וואנדער־בלוט און ער איז צופרידען וויטער צו ציהען זיין וועג... בעריל דער פישער גלעט און קושט זיין קליינעם רייטער, הוידענדיק איהם מיט די פיס.
ביילע איז זעהר פאראומערט און זי רייסט איבער די שטילקייט, פרעגענדיג אין גרויס פארלעגענהייט:
— אפשר וועט איהר, הער וויינגארטען, פארט פארבלייבען אין ביאליסטאק? אזוי פיל פליכטלינגען בלייבען דא. צו וואס לויפען קיין אויסלאנד? אין ווילנע איז א גרויסער הונגער און ס'איז א רחמנות אויף אייער פרוי און קינדער. בארעכענט זיך נאך איין מאהל!
אזא לאנגער מאנאלאג איז ניט לייכט אנגעקומען אונזער טייערער פריינדין, ביילע דער פישערקע. עס איז קעגען איהר נאטור אזוי פיל צו ריידען...
— דאס פארלאנג איך, אז מיר זאלען וואס שנעלער אוועקפאהרען — פאר־טיידיגט מיך מיין פרוי. — גלויבט אונז, טייערע ביילע, אז מיר האבען זיך זעהר צוגעבונדען צו אייך און צו אייער הויז, אבער מיר קאנען זיך דא ניט איינאר־דענען און מיר מוזען וויטער וואנדערען. אונזער וועלט איז אין פלאמען און מיר קאנען עס אויף דעם סאוועטישען באדען ניט צוריקבויען.
ביילע דערווידערט און באמיהט זיך דאך אויף מיר צו ווירקען:
— איהר וועט דא זיכער באקומען א פאסטען, אדער איהר וועט שרייבען ביכער, אדער איהר וועט לערנען אין א שולע, אפשר וועט איהר גאר ארבייטען אין אונזער פישער־קאאפעראטיוו...
בעריל רייסט איבער זיין פרוי'ס ווערטער:
— פארשטעהע, ביילעניו, אז הער וויינגארטען פלעגט פארקויפען געדאנקען אזוי ווי מיר פארקויפען פיש; וויל ער, אז זיינע געדאנקען זאלען זיין צאפלדיגע, פרישע, לעבעדיגע, און זיי זאלען דערקוויקען דעם קונה. ביי די סאוועטען איז אויף אלץ דא קאלעקטיוון און קאאפעראטיוון, מן הסתם אויף געדאנקען אויך... ער וויל ניט, אז עמיצער זאל איהם מוטנע מאכען זיין וואסער און איהם זאגען א דעה וואס פארא געדאנקען ער מעג פארקויפען...׳ זאל ער ארויספאהרען אויף די ברייטע וואסערען, און זאל ער מצליח זיין... עס איז פאר אונז פשוט'ע פישערס שווער דאס אלץ אזוי גענוי תופס צו זיין, אבער ה' וויינגארטען האט עס מיר געגעבען צו פארשטעהן און איך וועל עס אויך דיר אויפקלערען... זאלען זיי פאהרען געזונטערהייט און פארקויפען וויטער וואס שעהנערע, פרישערע און צאפלדיגערע געדאנקען זיי ווייסען, אז מיר האבען זיי זעהר האלט, ביילעניו, לאמיר זיי ניט שווער מאכען דאס הארץ.
א דראזשקע, וואס מיר האבען באשטעלט נאך מיט איינינע שעה פריהער, האט זיך אפגעשטעלט פאר בעריל דעם פישער'ס הויז. מיר האבען אנגעהויבען ארויסצוטראגען אונזערע ארימע קלומקעס צו דער דראזשקע. פלוצלונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז אונזערע בעלי־בתים האבען פאר אונז צוגעגרייט אן אומגע־הויערען סיורפריז: א גרויסען קויש מיט פארשידען עסענווארג — קארטאפעל,

מעהל, ציבעלעס, קאַשע, אַפּילו צוקער (!) . . . וואָס פאַראַ ווערט אַזאַ מתנה האָט געהאַט אין יענע הונגער־צייטען איז גאָר שווער איבערצוגעבען. לאַנג האָבען מיר זיך געוואַקעלט און געאַמפּערט ביים אָננעהמען דעם קאָסטבאַרען און זעלטענעם געשאַנק, אָבער מען האָט עס אונז פשוט אַרויפגעצוואונגען . . .

ביידע פּרויען האָבען געוויינט און מיר האָבען זיך אַלע האַרציג געקושט. איך האָב געפרעגט אַ טיעף געריהרטער:

— ווען, מיינע טייערע, וועל איך אייך ווידער זעהן? מיט וואָס וועל איך אייך קאָנען אָפּדאַנקען?

די פערד האָבען אומגעדולדיג פאַרלאָזט דאָס אָרט. מיינע ביידע פראַגען זיינען געבליבען הענגען אין דער לופטען ניט פאַרענטפערטע.

* * *

מיר אַנטלויפען פון אַ לאַנד, וואָס איז געוואָרען חרוב. אַ שווער פאַרגעפיהל דריקט אָבער אונזער געמיט, ווי אַן אינסטינקטיווע שוואַרצע נבואה, אַז אומצושיידבאַר, ווי אַן אייביגער שאָטען, געהען מיט אונז מלחמה, פלאַמען, אונטערגאַנג — זיי פאַרשפּרייטען זייער וויסטע ממשלה איבער דער גאַרער וועלט.

אונזערע קינדער אין דער דראָזשקע דריקען זיך פעסט צו אונז. אויך זיי פיהלען, אַז עס קומען אָן נייע נסיונות און שווערע איבערלעבונגען.

פאַר זיי, גרויסער גאָט, פאַר אונזערע קינדער, פאַר דעם קינפטיגען דור — באַניי צוריק דעם מענש, בוי צוריק אויף אַ וועלט, גיב זיי צוריק קינדהייט און היימען!